STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06116

OYF FREMDER ERD

H. Barkan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. באַרקאַן

אויף פרעמדער ערד

ה. באַרקאַן

אויף פרעמדער ערד

(נאָוועלע)

*

פאַרלאַג „דער שפּיגל“
בוענאָס־איירעס
1962

H. BARKAN

Of Fremder Erd

Copyright, 1962
by
H. BARKAN
4804 N. Franklin Street
Philadelphia 20, Pa.

Editorial "DER SHPIGUEL"
Buenos Aires
1 9 6 2

געווידמעט איטען, מיין לעבנס־
באַגלייטערין, מיט דאַנק.

דערקלערונג

די דערציילונג „אויף פרעמדער ערד״ האָב איך אָנגעשריבן מיט איבער 25 יאָר צוריק. אין די יאָרן צווישן 1948 און 1952 איז די דערציילונג געדרוקט געוואָרן אין פאָרזעצונגען אין אַרגענטינער זשורנאַל „דער שפיגל״. איך גיב זי איצט צום לייענער ווי כ׳האָב זי אָנגעשריבן דעמאָלט, אין מיינע יינגערע יאָרן.

הגם די נאָוועלע איז געשריבן געוואָרן ווי אַ צווייטער טייל פון מיין ערשטן בוך „פישער״, פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1928, איז זי אָבער אויך די גאַנצע זאַך פאַר זיך אַליין. איןביידע ביכער ווערט געשילדערט יידיש לעבן און לעבנס־שטייגער אין בעסאַראַביע, אין דער סביבה פון טייך און באַרג און פעלד.

דער מחבר

קאַפּיטל 1

מאָטל פישער

— חיים־בער! העי, חיים־בער!

מאָטל פישערס שטימע, אַ געדיכטע, אַ קרעפטיקע פון דער פרישער טייך־לופט, האָט אָפּגעהילכט אין שטילן פרימאָרגן.

— ווו ביסטו? ביסט טויב?...

דעם פישערס זון, אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, האָט דעם פאָטערס ברוגזן געשריי נישט געהערט. ער איז געשטאַנען ביים ברעג, הינטערן קליינעם משופּעדיקן בערגל, ווו פון אויבן שטייט דעם פישערס שטיבל, און געקוקט צו יענער זייט טייך. זיין הויכער קערפּער האָט זיך נישט גערירט, בלויז די גלייכע, ברייטביינערדיקע פּלייצעס האָבן זיך קוים אַביסל אויס־געבויגן פאָראויס. ער איז געשטאַנען אַ שטייפער, מיט צעשפּרייטע פיס און דער קאָפּ האָט מיט די צעלויכטענע אויגן זיך געצויגן פאָראויס, ווי פאַר־כאַפּט פון וווּנדערלעכע בילדער. ער האָט געטראָגן אַ ווייס, לייוונטן העמדל, אויסגעשטיקט אונטערן קאָלנער מיט רויטן, און פון אויבן — אַ גרויען, צע־כראַסטעטן זשילעט. ער האָט געזען:

אויף יענער זייט טייך האָבן איצט, מיטן אויפגיין פון נייעם טאָג, אָנ־געהויבן אָנקומען פוּרעס. ס׳האָבן זיך דערהערט קולות און איבעררופן פון יונג און אַלט. ס׳איז געוואָרן רוישיק. מ׳האָט זיך געגרייט צו דער אַרבעט. דער באַרג איז געווען ברייט. פרילינג איז ער געווען צעאַקערט, און זומער האָט ער אַ געדיכט־באַוואַקסענער זיך שטאָלץ אויפגעהויבן איבער דער סביבה און געקוקט העט־אַרום מיט זיין גאָלדענעם שימער פון רייפער תבואה.

איצט, שפּעט אין זומער, איז שוין די תבואה געווען אַראָפּגענומען און דער באַרג — פאַרוואָרפן מיט גאַרבן.

די זון האָט זיך אויפגעהויבן פון הינטערן באַרג אַ פלאַמיקע, אַ צע־שטראַלטע. ס'איז אויפגעגאַנגען אַ נייער טאָג.

די פויערים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די אָנגעוואָרפענע תבואה־גאַרבן. מיט אַמאָל האָט פון די שטייפע ברוסטן אַ האַרציקער פעלד־ניגון אויפגעשאָלט, אַ לויב צום נייעם פרימאָרגן.

חיים־בער האָט זיי נאָכגעקוקט. דעם פּאָטערס ברוגז קול איז צוגעקו־מען נעענטער. ווי אַזוי רייסט מען זיך אָפּ? ער האָט געקוקט ווי פון אַ טונ־קעלער תפיסה, אויף אַ פרייער, ליכטיקער וועלט. ער האָט געפילט, אַז דער פּאָטער איז שוין נישט ווייט, הינטער אים, און ער האָט זיך שטיל צעבונ־טעוועט:

— וואָס וויל ער פון מיר, דער טאַטע? נאָר ער בייזערט זיך. אַז כ'האָב פאַרט פיינט די אַרבעט ביים טייך, אין דער ווילדערניש!

ער האָט זיך אומגעקוקט:

— וואָס ווילסטו, טאַטע?

— האַ? וואָס כ'וויל? ביסט קראַנק געוועזן מיר צו ענטפערן, דו בור־מילע!... וואָס האָסטו זיך דאָ אַוועקגעשטעלט, ווי אַ קו צום מעלקן? ס'איז דאָך היינט ערב־שבת, באַלד קומען אָן פון שטאָט די פיש־הענדלער. נעם אַ לאָדקע און פאָר אויסטרעסען די יעטערס.* גיכער!

דער יונג האָט גענומען אַ שיפל, אַוועק אַן אָנגעכמורעטער און צוריק־געקוקט צום טאַטן:

— הם, אַ בייזער ייִד...

מאָטל פישער איז אין אמתן אַ ווילער ייִד און זיינע לאַנג־יאָריקע באַ־קאַנטע, די פיש־הענדלער, האָבן אים ליב. ער איז אַ שטילער, טשעפּעט נישט אַ פליג אויף דער וואַנט, און איז פאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין זיין באַלעבאַטישקייט. רעדט ער עפּעס, איז קורץ, דאָס בייטיקסטע. „דער טייך, זאָגט ער, האָט פיינט פוסטע דיבורים". קומט עמיצער פון שטאָט, אָדער פון דאָרף, באַגעגנט ער יענעם מיט אַ פריינדלעך וואָרט, מיט אַ קאָפּ־שאָקל — און טוט זיך ווייטער זיין אַרבעט. ער קוקט אַפילו נישט צו יענעם. צו וואָס

* נעצן, וואָס מ'שטעלט אַריין אין טייך צו האַלטן פיש.

פאַרלירן צייט? יענער דאַרף עפּעס, וועט ער צוקומען. קומט יענער צו, הערט אים דער פישער אויס, ענטפערט אים אַ וואָרט אויף אַ קוואָרט, און אַרבעט דערווייל. אַזאַ באַלעבאַטישקייט, קיין עין־הרע! יעדע מינוט איז מיט גאָלד גליידך. קען מען גלאַט באַלאַקען? נאָך יעדן „שלעפּ" דאַרף מען אויסציִען דעם נעוואָד אויף די דריקלעך ביים ברעג, זיי זאָלן זיך טריקע־נען. אָפּט מוז מען דעם נעוואָד פאַרשטשאָבען. מ׳דאַרף פאַרריכטן די שיפּ־לעך, זיי אויסקלעפּן מיט פּאַפּ און הויך אויפן ברעג זיי האַלטן איבערגע־קערט מיט די דנאָס קעגן דער זון, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפוילט ווערן פון דער פייכט. מ׳דאַרף אויפן גאָרטן הינטערן שטיבל געבן אַ קוק; עס וואַקסן דאָרט קאַרטאָפליעס, ציבעלעס, בורעקעס, רעטעכער, פּאַטלעזשאַנעס, אַלץ פון אייגענער שווערער פּראַצע, פאַרן אייגענעם געברויך. אַמאָל פאַרריכט מען די האַלץ־קאַמער, וווּ ס׳ליגן אויך זעקלעך תבואה, האָבער, גערשטן און קוקורוזע, פונעם אייגענעם שטיקל פעלד הינטערן שטיבל; מ׳זעגט אונ־טער די ביימער און מ׳האַקט אָן האָלץ אויף ווינטער; מ׳גיט אַכטונג אין דער קליינער קאַמער צו די עופות; מ׳פאַרעט זיך אין שטאַל אַרום די פערד; מ׳שניידט אונטער דעם טראָשטש און מ׳בינדט אים אין בינטן... ווייניק אַרבעט איז דאָ ביים טייך?

בלויז ווען מ׳קומט האַנדלען, קויפן פיש — דעמאָלט לאָזט דער פי־שער איבער האַק און פּאַק.

— איז וויפל פיש האָט איר געוואָלט, ר׳ זלמן? — הייבט ער באַלד אָן דעם משא־מתן.

— כ׳ווייס? אַ דריי־פיר פוד...

— זייער שיין...

דער גרויסער, שפּעדיקער טייך, דאָס באַלעבאַטישקייט אויפן ברעג און די שטענדיקע אַרבעט, איז ביים פישער טייער, ווי דאָס לעבן. העט־אַרום איז פאַראַן אַ שיינע וועלט — דאַרף ער זי נישט. זיין אייגענע וועלט איז אים ווייניק? דאָ ביים טייך האָט אים גאָט געשענקט דאָס טייערסטע ווינקל אויף דער ערד. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, אויפגעוואַקסן, און זיין יוגנט פאַרבראַכט. ער פילט זיך היימיש צונויפגעוואַקסן מיט די ביימער און גראָזן, מיט די שטוב־חיות און עופות, מיט יעדער סטעזשקע. אַפילו פון דער טייך־

לופט וואָלט ער נישט געקענט אַוועקגיין. דער ביסן ברויט נאָך דער פּראַצע איז דאָ געזונט, געשמאַק, און דער שלאָף ביינאַכט איז זיס. אין די זומער־נעכט פילט מען אין שלאָף די קילע ווינטן דורך די אָפענע פענצטערלעך. ס׳גיסט זיך איבערן אויפגעדעקטן, פאַרהאָרעוועטן לייב די ווייכע לבנה־ליכט, און די פרישקייט פון דער אַרומיקער ערד נעמט דורך די ביינער. פון די פרימאָרגנס איז שוין אָפּגערעדט. ווען אין דער שטילקייט פון עם נייעם טאָג הייבט זיך אויף די זון פון יענער זייט טייך הינטערן באַרג און באַקוקט מיטן רויט אויג די ערד, ווערט ער פול מיט לויב. ער גייט דעמאָלט אין שטיבל זיך וואַשן מיט איינגעהאַלטענע טריט, פאַרקעט זיך אַרום די פישער־כלים שטיל, מיט דרך־ארץ, און אַז ער עפנט נאָכדעם די דרויסן־טיר, קוקט ער זיך הכנעהדיק אַרום און איז פול מיט דאַנקבאַרקייט.

אַמאָל אָבער קומען אָן בייזע מינוטן, און דער פישער ווערט מיט אַמאָל אַן אַנדערער. דאָס טרעפט ווען מ׳שעדיקט זיין באַלעבאַטישקייט. זיין פרייד־לעכקייט ווערט דעמאָלט צעשטערט און ער הייבט זיך אָן אַרומוואַרפן אַהין־אַהער אַ צערייצטער. דאָס פאַרגרעבטע פנים ווערט אָנגעבלאָזן, צערויטלט — אָט הרגעט ער עמיצן! ער שילט, רעוועט מיט פאַרקוועטשטע פויסטן אין דער לופטן, און קען זיך נישט איינשטילן. ס׳הייסט, מ׳קריכט צו זיין נחלה? ער טשעפּעט עמיצן? ס׳הייסט די גויִים, די לאַפּאַצאַנעס, גנבענען פיש ביי־נאַכט? דער טייך איז זיין אייגענע פּראַצע פון קינדווייז־אָן!

און ער האָט אויף וואָס צו שטעלן, מאָטל פישער: ער איז אַ ייִד אַ גבר. ייִדן זאָגן, אַז ער קען שלאָגן אַ צענדליק גויִים און זיי נישט לאָזן ווייַ־נען... ער שפּאַנט זיך אַרום אַ מיטלוווקסיקער, מיטן קרעפּטיקן קערפּער און די ברייטע פּלייצעס; דאָס פנים איז ברוין און האָריק; ער האָט אַ קורצע, שוואַרצע, שטענדיק צעפּאַטלטע באָרד, מיט געדיכטע, אַראָפּגעלאָזענע וואָנ־צעס, וואָס ליגן נישט גלייך און קיצלען אים אין דער נאָז, כאָטש מאָטל האַלט זיי אין איין אויסגלייכן. גייט ער אַזוי אַרום אויף דער נחלה פון זיינע עלטערן שווייגנדיק, געדולדיק, און איז אָנגעלאָדן מיט גבורה, ווי אַ טיף־פאַרוואָרצלטער דעמב אין געזונטן באָדן. די אַרבעטן טוט ער נישט אַזוי רירעוודיק, אָבער פּינקטלעך: „אַנו? אָ, ער ווייס שוין וואָס ער דאַרף טאָן... ס׳וועט אַרויס אַקוראַט ווי ער וויל.״ און ער איז אַ זעלטענער בריה. כאָור

הבוקר — ער מייסטרעוועט שוין. ער האַקט, קלאַפּט, שלעפּט זיך אַרום מיט העק, שטריק, האַמערס, ברעטער, אַ פּאַרעסקטער, אַ פּאַרקאַכטער, ווי ער וואָלט זיך קלייבן אַ נייעם מאַיאָנטעק אויפצובויען. באַזונדערס אין שיינע פרימאָרגנס. ס'שטעלט זיך אַ זוניקער טאָג: דער הימל איז טיף און לויטער, און די זון קומט אַרויס אַ העל־צעשטראַלטע. דעמאָלט קען דער פישער נישט באַהערשן זיין פרייד. ער לאָזט איבער די אַרבעט, און רופט דאָס ווייב. ער קלאַפּט־אָן אין אַ פענצטערל:

— לאה, פאַר אַ בעלן, קום אַרויס. זע נאָר אַ טאָג ס'שטעלט זיך!

און פלוצלינג כאַפּט ער זיך:

— אָ, זי איז דאָך ערשט געווען אין דרויסן, האָט אַריינגענומען וואַסער.

און ער גייט צוריק צו דער אַרבעט, מורמלענדיק:

— מם, אַ פרימאָרגן... ס'ט זיין אַ גאָלדענער טאָג!...

קאַפּיטל 2

אין אײנזאַמקייט

מאַטל פישערס זון, חיים־בער, איז געפאָרן אויפן טײך אין אַ שיפל מיט ליידיקע קוישן אויסצוטרעסען די יעטרעס. באַלד נאָך זיין אָפּפאָרן האָט דער פאָטער געכאַפּט אַ צווייטע לאָדקע און צוגערודערט צום בייכיקן, איינ־געגראָבענעם קויש נישט ווייט פון ברעג, ווו מ׳האָט געהאַלטן די איבערגע־בליבענע פיש. ער האָט נאָכגעטראַכט:

— ערב־שבת... באַלד זענען מחויב אָנצוקומען די פיש־הענדלער.

שטיל. העט־אַרום האָט זיך נאָך געפילט די טיפע איינגעהאַלטנקייט פון די בלויע, סודותדיקע פאַרטאָגן. די לאַנגע, קרומע וועגן, וואָס ציִען זיך דאָ אויף אַלע זייטן אין דער ווייטער וועלט אַריין, זענען געלעגן פאַר־שוויגן, ווי עפּעס מיסטעריעזע, אויסגעצויגענע ברואים אין אַ האַרטן שלאָף. בלויז די פויערשע קולות פון יענער זייט טײך האָבן זיך אָפּט אין דער שטילקייט אַריינגעריסן. ביים ברעג האָבן געקוואַקעט די בראָסקעס*, און די שטילקייט נאָך סודותדיקער געמאַכט. אין די גראָזן האָבן גרילן צומאָל אויפגעגרילט מיט זשומעריי און סוויסטשעריי און פּלוצלינג אָפּגעהאַקט, ווי אַנטלאָפן אין אַ שטיפעריי. דאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פויגל אויפן שטיבל־דאַך, זיך אַרומגעקוקט מיט פאַרגאַפטע, געל־פינקלענדיקע אויגן, אַ גע־שריי געטאָן און איז שנעל אַוועק, ווי עמיצן אַ שפּיצל אָפּגעטאָן. אַזאַ פאַר־טראָגנקייט און פוסטקייט האָט זיך געפילט העט־אַרום, ס׳האָט אַזש געקלונ־גען אין די אויערן.

ביסלעכווייז איז געוואָרן לעבעדיקער. די קולות אויף יענער זייט טײך זענען געוואָרן רוישיקער. ערגעץ אויפן וועג האָט זיך אויפגעהויבן אַ גראָב קול, און אַ בייטש האָט הילכיק אין דער לופט אַ פּייף געטאָן. אַ טשאָטע

---

* זשאַבעס.

פייגל האָט זיך באַוויזן אין דער הייך און אייניקע פייגל פון די ביימער ביים ברעג האָבן זיך געלאָזט נאָך זיי שרייענדיק מיט קולי־קולות. פון אַ דערבייאיקן בוים האָט אַ לירכע זיי עפּעס נאָכגעשריגן מיט אַ סוויסטשעריי.

די רויט־צעשפּריצטע הימל־פאַרבן האָבן שוין גענומען איינגיין. ווי אַ ווייט, אויסגעלאָשן פעלד־פייער. די גרויע בלויקייט איז געוואָרן דורכזיכטיקער, העלער. אַ זויבע־ריינע ליכט האָט זיך איבער דער ערד צעגאָסן, און די זון האָט זיך אויפגעהויבן העכער. אַפילו די נאַקעטע, טונקעלע בערג האָבן איצט קעגן צעלויכטענעם הימל אויפגעשיינט און שימערירט. אייבערן העל־בלויען וואַסער האָבן די כוואַליעס זיך שטיל אַרומגעשפּילט, געפלעסקעט ווי מיט דינע, זילבערנע טעצלעך און אַלעמאָל זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן צעלאָזענעם גאָלד און זילבער, ווי קליינע שטיפערישע ברואימלעך אין אַ שפּיל.

חיים־בער האָט געררודערט מיטן לאַנגן שטעקן אין וואַסער אַהיים־צו און באַמערקט, אַז די זון האָט זיך שוין היפּש אויפגעהויבן. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק: „שוין אַזוי שפּעט!“ פונדעסטוועגן האָט ער אַלעמאָל זיך אומגעקוקט צום באַרג אויף יענער זייט. ער האָט געזען ווי ס׳שיינט ווי באַגילדעט די צעלייגטע רייפע תבואה; געזען די קעפּ און די נאַקעטע אָרעמס פון די פּויערים, וואָס פאַרקען זיך ביי די גאַרבן. און אָט פאָרן פערד און וועגענער צו פאַרנעמען דאָס אָפּגעשניטענע ברויט.

דער בחור האָט נאָכגעקוקט מיט קנאה בליקן, אונטערגעפייפט אַ טרויעריקן ניגון און געטראַכט:

— וואָס וויל ער פון מיר, דער טאַטע? וואָס האַלט ער מיך דאָ אין דער פּוסטקייט און איינזאַמקייט, ווי אַ הונט אויף דער קייט? איך בענק נאָכן יונגוואַרג אין דאָרף — און מוז ליגן דאָ ווי אין אַ תפיסה! אָפט מוז איך זיך באַהאַלטן, ווי אַ זינדיקער, כדי צו פאַרברענגען מיט מיינע דאָרפס־חברים. ווי גליקלעך עס זענען די בחורים, וואָס וואַקסן דאָרט אויף דער געבענטשטער ערד! און דאָ — דער טאַטע בייזערט זיך. איז עפּעס ביים טייך נישט גוט, שלאָגט ער. צו דער מאַמען הערט ער זיך נישט צו. און צעווילדעוועט ער זיך אַמאָל און נעמט אים שלאָגן, דאַרף די מאַמע שווייגן. מיט אַ וואָרט

מאַר זי זיך דאָן נישט אַריינמישן... און דאָרט אויף יענער זייט טייך, אין דאָרף, איז אַזאַ פרייד, אַזאַ ברודערשאַפט!...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז שוין באַלד געווען ביי די יעטרעס. דאָ האָט ער דערזען ביים ברעג, אויף יענער זייט, מאַריאַ פרימאָסאַ*. זי האָט געשפּאַנט אַ באָרוועסע, מיט ווילד־צעפלאָכטענע האָר, מיט אַ ווייס, קורץ אונטערקליידל. דאָס העמד אונטערן האַלדז איז געווען טיף צעכראַס־טעט, און אויפן רעכטן אַקסל האָט זי געטראָגן אַ קאַראָמישל מיט ליידיקע צוויי עמערס. זי האָט געשפּאַנט פּאַמעלעך מיט איר פולן פליישיקן גוף און אויסגעקוויטשעט עפּעס אַ ניגונדל.

— אַ מויד מיט זיבן פּאָלעס! — האָבן דעם בחורס אויגן זיך אָנגעצונדן.

ער האָט זיך פלינק אַ רוק געטאָן מיטן שיפל צום ברעג, איז אַראָפּ, און האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ בוים. מאַריאַ איז פאַרבייגעגאַנגען. חיים־בער האָט זיך באַוויזן מיט אויפגעהויבענע הענט און מיט ווילדע קולות:

— הו־ו־ו!...

— אָ, צום טייוול, — האָט זיך דאָס מיידל אַ וואָרף געטאָן, — כ׳האָב זיך אַזוי דערשראָקן!

דער יונג האָט נחתדיק אַרויסגעשטעלט די ווייסע ציינער:

— כאַ־כאַ!... וואָס האָסטו זיך געדאַרפט דערשרעקן, נאַרעלע?

— לאַדראַקו!* — האָט זי אים אָנגעקוקט אַ ברוגזע. גיי, כ׳האָב דיך פיינט!...

ער האָט געשמייכלט און געטראַכט:

וואָס מאַכט זי שטיק, מאַריאַ? ער קען זי נישט? ער וויים נישט, אַז זי פּגרט נאָך זיינע טריט? ווען ער פאַרברענגט אין דאָרף מיט די שקצים און שיקסעס, זעצט זי זיך אַלע מאָל לעבן אים. זי רייצט אים מיט איר שמייכלען און אירע טריפהנע אויגן ווינקען, און רוקט זיך אים אין דער נשמה אַריין מיט איר פולן בוזעם.

---

* די שיינע מאַריאַ.

* צום טייוול.

— וואָסי? אַזאַ שרעקעוודיקע ביסטו? — האָט ער זיך שוין ווי אָנגע־ברוגזט.

— איך שפּאַס, נאַרעלע, — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, אַרומגעכאַפּט איר פעטן קערפּער, זי צוגעצויגן צו זיך און זי געקושט. דאָס מיידל האָט זיך געראַנגלט ווי אַ געפּענטעטע, און מיט אַמאָל האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— הײם־ביר, דיין טאַטע קומט!

ער האָט זי אָפּגעלאָזט, זיך אַרומגעקוקט און דעם פאָטער נישט גע־זען. מאַריאַ איז שוין געשטאַנען פון וויטנס, אַן אָנגעבלאָזענע:

— דאַ־אַ, מ׳זאָל זען?... וואָס איז מיט דיר?...

ער איז געגאַנגען צוריק צום שיפל.

קאַפּיטל 3

ר ו ג ז

היים־בער איז געקומען מיט די פּיש. סוחרים און טרעגער פון נאָענטן שטעטל האָבן שוין געוואַרט ביים ברעג.

ער האָט זיך צופיל געזאַמט, דער חברה־מאַן. דער פאָטער איז אַזש געוועזן צעקאָכט. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר די צוויי פיש־הענדלער: „וואָס טוט מען מיט מיין דאַרמאָיעדניק, מענטשן? דער יונגאַטש איז פאַלש, ווי אַ קאַץ!" דערזען דעם יונג פון ווייטן, האָט ער אים אַנטקעגנגעשריגן מיט אַ וואָרנענדיקן פויסט:

— העי, לאַפּעצאַן, אַביסל גיכער!

— וווּ ביסטו געווען אין דר'ערד? — האָט ער זיך צעשריגן, ווען דער זון האָט צוגערודערט צום ברעג. — זיי האָבן דאָך שוין באַלד אָנגעווירן דעם מאַרק, די פישער.

— נאָר דו האָסט טענות, טאַטע.

— דו ביסט נאָך גערעכט, דו משומד! — האָט מאָטל זיך אַ לאָז געטאָן צום זון. נאָר דער קלוגער און היימישער הערשל כיטראַק האָט אָנגעכאַפּט דעם פישער:

— מאָטל, צו וואָס טויג עס דיר? לאָמיר בעסער אָפּוועגן די פיש, שוין שפּעט.

מ'האָט אָפּגעוואויגן און זיך צעחשבונט. די הענדלער זענען אַוועק. ס'איז געוואָרן שטיל. דער פישער האָט געשוויגן און זיך געגעסן. טאַטע און זון זענען געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, ווי שונאים, און דער אָנגעדראָלעטער פאָטער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן צום זון, אַז דער שטורעם זאָל אים נישט אַ נעם טאָן. האָט ער גענומען עפּעס זוכן, ער זאָל זיך צעשטרייען. האָט אַרויסגענומען פון די שיפלעך די נעצענע לעפל, צונויפגעַ־

קליבן אַרום דער שטייענדיקער וואָג עטלעכע שטיקלעך געוויכט און זיך געלאָזט אַרויף צום שטיבל מיט געברום:

— איין געטרייען זון געהאַט, נוחן, איז ער אַוועק אין מיליטער... איז געבליבן איין־איינציק קינד — איז ער אַזוי פאַלש...

און חיים־בער האָט נאָכגעקוקט איבערן וועג די פיש־העגדלער. איז געשטאַנען מיטן אויפגעכראַסטעטן זשילעט, מיט די הענט אין די גלייכע הויזן־קעשענעס; זיין הויכע פיגור האָט זיך נישט גערירט און ער האָט גע־קוקט, ווי אַ פּאַרטראַכטער. פאַר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די ייִדן פאַר־נעם נאָענטן שטעטל.

אַ רחמנות אויף די ייִדן, — האָט ער נאָכגעטראַכט. — אָט, אַ שטייגער, האָט ער ליב הערשל כיטראַק... און טאַקע אַלע ייִדן. ער האָט זיי ליב נאָך פון קינדוויז אָן, ווען ער פלעגט גיין אין שטעטלשן חדר. אָפט מאָל קוקט ער זיך צו אין גאַס צו זייער רחמנותדיקן האַווען, און אַן אומעט נעמט אים אַרום. באַווייזט זיך אַ וועגעלע תבואה, איז דער גוי אויף דער קעלניע באַלד אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. מ׳זשומעט, ווי בינען אַרום האָניק, און מיט אַזאַ נעבעכדיקער נייגעריקייט, אַז ס׳נעמט אָן ביים האַרצן. שטענדיק נאָר מ׳לויפט, מ׳יאָגט, מ׳רוישט, מ׳קערט וועלטן, און אַלע מאָל איז מען פאַרזאָרגט: „ווו נעמט מען אויף מאָרגן?...״

— וואָס האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט! — האָט ער זיך אויפגעמונטערט.

ער האָט דערהערט: אין שטיבל רוישט זיך. דער טאַטע קלאָגט זיך עפּעס פאַר דער מאַמען און שרייט. ער האָט זיך אַ ריר געטאָן:

— וועט אַריבערגיין אויף יענער זייט טייך.

אויף דער צווייטער זייט טייך האָט די אַרבעט געקאָכט. די פּויערים האָבן מונטער גערוישט און הנאה געהאַט פון די געוואַלדן און שפּאַסן און געזאַנגען ביי דער אַרבעט. מ׳האָט אַלע כוחות אין דער אַרבעט אַריינגע־לייגט. און די זון איז שוין געשטאַנען העט הויך און האָט געגאָסן מיט כוואַ־ליעס היץ. אַ קלאָרע, דורכזיכטיקע שיין האָט איבער אַלע ווייטן זיך צע־שפּרייט. די ברייטע פעלדער און טיפע טאָלן אַרום פּרוכטבאַרן באַרג זענען אין דער שיין נאָך ברייטער און טיפער געוואָרן, אַז מ׳האָט די אָפּגעשניטענע פעלד־שטחים מיטן בליק אויף מיילן אַרומגענומען. די ביימער, די בלומען

ה. באַרקאַן

און גראָזן, וואָס האָבן נאָך געפּילט אין זיך דאָס חיות פון דעם פרישן מאָרגן־טוי, האָבן זיך איבערגעגעבן צו דער זון. און די הויכע פּאַלמעס און לינדן־ביימער, צעוואָרפענע איבערן באַרג, זענען געשטאַנען הכנעהדיק־איינגע־האַלטן, ווי אין אַ שטילער מאָרגן־תפילה.

און חיים־בער האָט געשפּאַנט ביים ברעג צו יענער זייט טייך.

קאַפּיטל 4

מ׳זאַמלט די שפע

סוף יולי.

אין פעלד האָט די אַרבעט געברענט אונטער די הענט: „פּאַרענדיקן! גיכער, ברידער, גיכער!״. מ׳האָט געמוזט וואָס גיכער אויפקלייבן די אָפּגעשניטענע תבואה, טאָמער פאַרכאַפּט אַ רעגן. זענען די טרוקענע אָנגעשטויבטע וועגן אויפן באַרג פול געווען מיט טיפע וועגענער. די געזונטע, פאַרגעדיכטעוועטע לייבער האָבן זיך צעהיצט אין דער מיט־זומערדיקער זון. מ׳האָט געווישט די רויט־צעפּאַרעטע, אָפּגעגאָסענע פּנימער מיט די קויטיקע אַרבל און נייגעריק געטאָסקעט די גאַרבן צו די וועגענער. אָט הייבן די פּאָטערס אונטער די סנאָפּעס צו זייערע יונגע זין און זייערע שיינענדיקע בליקן קוקן אַרויף צו זייערע קינדער: „נו, וואָס זאָגט איר, קינדער, אויף דער שפע? נישט אומזיסט געהאָרעוועט!...״

יאָ, ווי קען מען איינהאַלטן די פרייד? דאָס גאַנצע ברויט איז דאָך שוין באַלד געראַטעוועט! דער האָבער און דער גערשטן זענען שוין אַראָפּגענומען און איצט פירט מען שוין אַהיים דעם קאָרן. און ס׳איז היי־יאָר, קיין בייז אויג, אַזאַ גערעטעניש! האָט מען גאָרנישט אויפגעהערט אויסצושרייען די שמחה. מ׳האָט געפייפט, געזשומעט, געקוויטשעט. אַפילו די געווײנטלעכע רייד זענען געווען רוישיק, פול מיט פרייד. און די יונגען אויף די וועגענער האָבן געמונטערט די גאַרבן־טרעגער אויף דער ערד צו אַרבעטן פלינקער; זיך איבערגעשריגן פון איין וואָגן צום צווייטן מיט צעדרויטלטע פּנימער און צעפּלאָשעטע האָר, און אַלע מאָל אויסגעזשעצט מיט נייע געזאַנגען און מיט נייע וויצן און געלעכטערס.

און ערשט אַז מ׳זעצט זיך, נאָך עטלעכע שעה אַרבעט, עסן איבערבייסן און דער פייער צלמט זיך איבער; ווען ער לייגט פרום צונויף די הענט און לאָזט שטילערהייט אַראָפּ דעם קאָפּ, ערשט דעמאָלט צעזינגען

זיך אַלע אברים. ס׳איז אַ לויב־געזאַנג צו דער מאַמע־ערד, וואָס מ׳האָט נישט קיין ווערטער איר גוטסקייט צו דערציילן; צום הימל, וואָס גיט רעגן אין צייט; און אַ לויב צו דער זון. אָ, די זון! ס׳טרעפט זיך אַמאָל, אַז ס׳ליגט דאָס פעלד אַ פּאָר איבעריקע טעג פאַרשמאַכט; טעג שטייען שרעקלעך־הייסע, און דער באָדן ווערט שוין אַשיק־גרוי פון דאָרשט, דאַרט און קריי־שלט זיך און קרעכצט. איז פּלוצלינג... ס׳איז בלויער פרימאָרגן. דער פויער קוקט אַרויס צום הימל: „יעזוס, מיין האַר, ווען דערבאַרעמסטו זיך? ווען וועט שוין אַראָפּ אַ טראָפּן רעגן?״ און די זון אין מזרח הייבט זיך אויף אַלץ העכער. און דאָ, אין אַ ווײַלע אַרום — מ׳זעט זי מער נישט, די זון. מיט אַמאָל האָט זיך דער הימל אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, געוואָרן טונקל־גרוי און אָנגעשוואָלן, און ס׳האָט שוין ערגעץ אַ זעץ געטאָן אַ דונער.

יאָ, פאַראַן פאַרוואָס צו דאַנקען... און איצט זאַמלט מען שוין די פּרוכט.

אָט האָט דער אַלטער פּעטראָ בורדיי — אַן איינגעבויגענער אַלטיטש־קער מיט אַרומגעהאָנגענע ווייסע טשופּרינעס אַרום קאָפּ און מיט ציטער־דיקע הענט — ערשט אָנגעלאָדן צוויי וועגענער גאַרבן, און פיר פון זיינע זיבן זין זענען מיט זיי אַוועקגעפאָרן. באַלד וועט ער אויך פאָרן אַהיים. און שפּעטער וועט ער שטיין אין אַ האַלב־טונקעלן ווינקל און פּרעפּלען פונעם פולן האַרצן:

— „אַ דאַנק דיר, גרויסער האַר, פאַר דיין פולער האַנט מיט שפע. כ׳בין זאַט און צופרידן, פאָטער מיינער. מיין ברויט איז געראָטן און מיין שפּייכלער וועט היי־יאָר פול מיט קערנער זיין. ווי קען איך דיר אָפּדאַנ־קען?... אמת, באַרעמהאַרציקער פאָטער, דיין גענאָד איז אָן אַ סוף. דיין ערד איז פעט און פרוכטבאַר, און זי שפּייזט דיינע קינדער אויף איר שויס מיט גאָלע רחמים...״

קאַפּיטל 5

מיט די פּויערים אין פעלד

אויף אַ זייט באַרג האָט עמיצער געשפּאַנט און איז אַלע מאָל אונטערגעלאָפן. דאָ האָט עמיצער אויסגערופן: „ס׳איז הײַם־ביר, קינדער!״ חברה איז געוואָרן פריילעכער. זיי האָבן אים באַגריסט פון ווייטן, פאָכענדיק מיט די הענט און היטלעך:

— העי, הײַם־ביר, קום אַהער, ברודער!

— קום אַהער, ברודער, העלף!

און אַז חיים־בער איז צוגעקומען נענטער, האָט זיך יונגוואַרג צערוישט און אויפגעשריען אַזאַ „הוראַ, הײַם־ביר!״, אַז ס׳האָט אָפּגעהילכט, ווי דונערן. שוין אַ וואָך צייט, אַז זיי האָבן חיים־בערן נישט געזען. זיי האָבן אויפגעזונגען אַ ליד און אייניקע זענען אים אַנטקעגנגעגאַנגען:

— שי פּאַש, מוי הײַם־ביר? אונדיע הייפּאָסט?... (וואָס טוסטו, העי, חיים־בער? ווו ביסטו געווען?) — מיר האָבן געבענקט נאָך דיר, ברודער הײַם־ביר.

— נו, קומט צוריק צו דער אַרבעט, — האָט דער פישער־יונג אַרומגענומען צוויי שקצים.

— אָט קומט אונדזער הײַם־ביר, — האָבן די פּויערים אָנקוועלנדיק אים באַגעגנט.

זיי האָבן אים זייער ליב געהאַט, די פּויערים. אַ קלייניקייט הײַם־ביר? זיין גוטסקייט און זיין היימישקייט איז דאָך צו באַוווּנדערן. הייַנט זיין איבערגעגעבנקייט צו זייערע פעלדער! ס׳אַראַ טייערער זשידאַן!* קלעפּט זיך צו זייערע קינדער מיט אַ זעלטענער צוגעלאָזנקייט; שפּאַנט מיט זיי איבער די דאָרפס־וועגן און דערציילט זיי פּראַכטפולע געשיכטעס; און אַמאָל, ביי

* זשידאַן — אַ ייִד.

דער אַרבעט אין פעלד, אַז ער צעפּריילעכט זיך, איז שוין גאָר אַ פאַרגעניגן. ער שטעלט־אָן אַ תמעוואַטע פּנים און זאָגט וויצן מיט אַזוי פיל חן, אַז די שקצים זעצן־אויס מיט גראָבע געלעכטערס, די שיקסעס פאַרגייען זיך אין קוויטשערייען, און אַפילו די עלטערע האָצקען זיך פון געלעכטער.

איז ער ביי די פּויערים זייער טייער, חיים־בער. ער פאָרט צום טייך אויסבאָדן און אָנפּאָיען זייערע פערד. ער טרייבט פאַרנאַכט אַהיים פון פעלד די בהמות. זומער קלאַפּט ער אויס אין די הויפן מיט אַ דרעש־שטעקן די תבואה. ס'איז דען פאַראַן עפּעס שווערס פאַר אים? אַפילו מיט די קליינע קינדער איז ער אַ פריינד. ער שטיפט מיט זיי און מאַכט מיט זיי אַלערליי קונצן. און קומט זונטיק, איז ער אַ גאַנצן טאָג אין דאָרף. אַז די האָספּאָדאַרעס פאַרזאַמלען זיך אין די הויפן און זיצן נידעריק־אַראָפּגעזעצטע מיט די הענט אַרום די קני אין אַ ראָד אַרום די פּריזבעס, און שמועסן שעהענלאַנג פון דער וועלט — ווערט אויך חיים־בער אַ וועלט־קענער. ער רוקט זיך צו צו דער הראָמאַדע און וואַרפט אַריין אַ וואָרט.

אויך ביי די זקנים אין דאָרף איז דער פישער־יונג אַן אָפטער גאַסט. אין די שטילע, אומעטיקע בין־השמשותן, זיצט ער אַ פאַרטרוימטער און הערט פון זיי מעשות פון אַמאָל: פון אכזריותדיקע פּריצים און אָרעמע, פאַרמאַטערטע פּויערים־שקלאַפן, וואָס האָבן געקרעכצט אונטערן יאָך; פון זאַטע יאָרן, וואָס אַזוינע זענען שוין מער נישטאָ. און אויך פון אומגערעטעניש, מגפות, פאַרפלייצונגען און כלערליי אַנדערע אָנשיקענישן, וואָס דאָס דאָרף האָט שוין איבערגעלעבט, נאָר דער האַר יעזוס האָט דאָס מעסער פונעם שטנס האַנט אַרויסגעריסן און דאָס אָרעמע פאָלק געראַטעוועט...

און אַז ס'קומט דער האַרבסט, דער גרויער הימל לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער און טעג ווערן כמורנע, פּוסט און טרויעריק; דעמאָלט דערמאַנט זיך חיים־בער אָן דעם אַלטן פּאַסטוך מיכאַ:ל, און ער שפּאַנט אַוועק צום באַרג, לעבן דאָרף. דאָרט פאַרברענגט מיט אים דער אַלטער, איינזאַמער הירט דעם גאַנצן טאָג, ווי מיט אַ חבר, און דערציילט אים זכרונות פון זיין לעבן: אַ מעשה מיט אַן אָרעמען פּאַסטוך, וואָס האָט אַרומגעוואַנדערט דורך פעלד און באַרג און טאָל און טויזנטער קרומע וועגן אייביק אַליין, אָן אַ פריינד, און געהאַט בלויז די פרומע שאָף צו טרייסטן אים אין נויט; אַ גע־

שיכטע פון וועלף און שרעק און קריג און אָפּגעראַטעוועטע שאָף; געשיכ־טעס פון געוויטערס און אומגליקן מיט דער טשערעדע, און בייזע פּריצים, און טעג פון קראַנקייט און עלנט — און צו די געשעענישן נעמט נישט קיין סוף...

חיים־בער האָט אויסגעטאָן דעם זשילעט, אים פאַרשליידערט אָן אַ זייט, און צעשפּיליעט אונטערן האַלדז דאָס לייוונטענע העמד:

— צו דער אַרבעט!...

ער האָט גענומען אַרומלויפן פון איין קופּע גאַרבן צו דער צווייטער, האָט געהאָלפן די ווייבער און מיידלעך, און האָט בריהש געטאָסקעט די בינטן צו די וועגענער. ער האָט געררישט און געמוטיקט די אַרומיקע:

— נישט געשפּילט זיך, ברידער! דער טאָג שטייט נישט!

און די פּויערים האָבן אָנגעקוואָלן:

— לעבן זאָל ער, מאַטל פּישערס זון, שוין איינמאָל אַ בחור!

די זון האָט געבאַקן. כוואַליעס היץ האָט זיך איבער די קעפּ געגאָסן. חיים־בערן האָט עס ווי נישט געאַרט. מיט אַ צעכראַסטעטן העמד און אַ פלאַמיק־צערויטלטן פּנים, האָט ער מיט די לאַנגע הענט זיך געשפּאַרט אויף אַלע זייטן און אַלעמען געוואָלט העלפן. דאָ פּלוצים האָט ער דערזען ווי צוויי נידעריקע פערדלעך שטייען געשפּאַנט צו אַ הויכן וואָגן, וואָס מ׳האַלט אין אָנפּאַקן, שטייען מיד־אָפּגעלאָזן, דרימלענדיק מיט געבויגענע קעפּ. האָט ער געכאַפּט אַן עמער, געלאָפן באַרג־אַראָפּ צום קוואַל און אָנ־געפּויעט די פערד:

— טרינקט, טייערינקע... אויסגעמאַטערטע חיות, נעבעך!...

ערשט פאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין היפּש נידעריק און דער מזרח צעפלאַמט זיך, כאַפּט זיך חיים־בער אַרויף אויף אַן אָנגעלייגטן וואָגן סנאָפּעס און לאָזט זיך אין דאָרף אַריין. ער זיצט העט־אויבן אויפן סטויג גאַרבן לעבן זיין חבר, וואָס טרייבט די פערד, און קוקט פאַרויס צום וועג, קעגן רויטן מזרח. אָט דערזעט ער דאָס דאָרף, וואָס ליגט אונטן, אָנדערהאַלבן וויאָרסט פון באַרג, ווי אין אַן אָפּשיין פון אַ ווייטער שריפה.

אָוונט. די דאָרפס־מענטשן האָבן שטיל און פאַרבענקט זיך אומגעקערט אין זייערע הייזער. אין די ווינקלען פון די כאַלופּעס האָט מען שטילע

תפילות געפּרעפּלט און מיט דער גאַנצער הייסער נשמה געלויבט דעם בורא. אויף די ביימער פון געסלעך און הויפן האָבן זיך מאָסן פייגל אויף געדיכטע צווייגן אָנגעזעצט, זיך איינגעטוליעט צווישן די בלעטער און זיך נישט גערירט. ביי אַ זייט וועג איז געזעסן אַ וואַנדערער אויף אַ שטיין נאָכן אָוונט־מאָלצייט, און געדאַנקט דעם דערבאַרעמדיקן שפּייזער אין הימל, וואָס מאַכט ווייך דעם מענטשנס האַרץ און העלפט דעם עלנטן. די בייזע דאָרפס־הינט זענען געשטאַנען לעבן זייערע בודקעס מיט ציטערדיקע צינ־גער אין דרויסן און געוואַרט ס׳זאָלן אַריבער די עטלעכע מינוטן פונעם אָוונט־אָנקום. און יעדער בוים, יעדעס גרעזל, בהמה, פויגל, מענטש און פליגעלע, אַלץ האָט זיך שטיל אָפּגעלאָזן, זיך פאַרלוירן אין חלומות און אין בענקשאַפטן, און זיך איבערגעגעבן צו דער הערשאַפט פון דער נאַכט...

קאַפּיטל 6

ביי די דערעוואָניאַקס

חיים־בער און זיין פריינד האָבן אויסגעלאָדן די גאַרבן און פאַרמאַכט דעם שייער.

אין שטיבל ביי די דערעוואָניאַקס איז דער טיש שוין געווען געגרייט. מ׳האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן עסן, צוליב דער היפשער שפע, וואָס מ׳האָט אָנגעבראַכט פון פעלד. די באַלעבאָסטע פונעם רייכן האָספּאָדאַר איז גע־שטאַנען ביים פּריפּעטשאָק מיט אַ ברעג קליידל פאַרשטעקט אין גאַרטל און זיך אַרומגעפּאָרעט אַרום די קיך־כּלים. אויפן אויוון־וועגטל איז גע־האַנגען אַ קליין, ברענענדיק קעראָסין־לעמפּל. די פרוי האָט זיך אַרומגע־שאַרט אין דער שוואַכער ליכט, ווי אַ פאַרחלומטע און אונטערגעזונגען עפּעס אַ קלעגלכען ניגון פון יונגע, בלי׳ענדיקע טעג, וואָס זי האָט ערגעץ פאַרלוירן און זי קען זיי מער נישט געפינען...

דער באַלעבאָס, אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ ברייט, אָנגעבלאָזן פּנים, מיט טיפע, קליינע, שאַרף־גלאַנציקע אייגעלעך און מיט אַ געדיכטן קאָפּ רונד־אַרומגעשוירענע האָר, האָט אין אַ ווינקל געפּרעפּלט אַ תּפילה. ער האָט לאַנג געשעפּטשעט. ס׳האָט זיך אים נישט געגלוסט אַוועקצוגיין פון די הייליקע בילדער. פאַראַן אַזוי פיל פאַרוואָס צו דאַנקען! מ׳האָט דען גענוג ווערטער? זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט...

דער האָספּאָדאַר האָט געעפנט די טיר:

— העי, הײַם־ביר!

— איר האָט מיך גערופן, באַלעבאָס? — איז חיים־בער צוגעקומען.

— קום עסן מיט אונדז וועטשערע, הײַם־ביר.

די ווירטין האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ טיפע שיסל באָרשטש. דער גאַסט און די פאַמיליע פון פינף האָבן געקוקט אויפן פאָטערס האַנט, ער זאָל אַריין מיטן ערשטן לעפל. מ׳האָט געגעסן. דער באָרשטש איז געווען

קיל און באַטעמט. די געשמאַקע, וואַרעמע מאַמעליגע האָט אַזש געריסן אין די העלדזער, און די מענטשן זענען געווען פול מיט אַפּעטיט.

די מוטער האָט אויפגעהויבן אַ צווייטע שיסל, אַ דריטע, און די משפחה האָט באַלד אויסגעכלאַפּטשעט, ווי נאָך אַ הונגער. אויף ווייסע, לייוונטענע טיכלעך איז געלעגן קעז און קאַש און ברינדזשע. האָט מען געכלאַפּטשעט דעם געשמאַקן באָרשטש; געטונקען שטיקער מאַמעליגע, צונויפגעפּלעטשטע צווישן די פינגער, אין וויכן, קילן קעז; געשטאָפּט אין זיך קאַש און ברינדזע, ווי פאַקנדיק אין זעק אַריין, און זיך אויפגעהויבן זאַט און צופרידן.

— אַלע זאַט? — האָט די באַלעבאָסטע זיך נאָכגעפרעגט.

— איבערן האַלדז.

— ווי כ׳וואָלט אויפגעגעסן אַן אָקס, — האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט חיים־בער.

מיקו, דעם באַלעבאָס׳ זון, — אַ הויכער, דאַרער, 22־יאָריקער בחור, מיט אַ בלאָנדער, צעשויבערטער טשופּרינע אויפן שטערן און שטענדיק מיט אַ גוטמוטיק־שמייכלענדיקן פּנים, — האָט אַ ווונק געטאָן צו חיים־בערן. זיי זענען אַרויס אין טונקעלן פאָדער־צימערל.

— הײַם־ביר, ווילסט גיין אין שענק אַריין?

— ס׳רעדסטו, מיקו? כ׳מוז די מינוט גיין אַהיים!

— אָ, לאָז אָפּ! מיר וועלן היינט פאַרברענגען. קאַפּריאַן וועט זיין, און סטיאָפּע מופּו. קום!

— ניין, מיקו!... כ׳האָב זיך פאַרגעסן... ס׳איז דאָך פרייטיק היינט, ערב שבת... מיין טאַטע וועט זיין אין כעס...

ער איז אַרויס אין דרויסן. מיקו — נאָך אים.

דער באַלעבאָס אַלעקסאַנדער דערעוווניאַק איז אַרויסגעקומען. ער האָט צעשפּרייט די קורצע, דיקע הענט, זיך אָנגעבלאָזן און אויסגעצויגן די ביי־נער. האָט אָנגעשאָטן אין זיין ליולקע טאַבאַק: „ס׳רויכערט זיך? גוט״. האָט ער זיך באַלעבאַטיש־רחבותדיק אַוועקגעזעצט אויף דער פּריזבע און אַוועק־געקוקט מיט די קליינע אייגעלעך אין טונקעלן הויף אַריין. אַביסל ווייטער האָבן זיך געאַמפּערט די צוויי חברים.

— נו, אַ גוטע נאַכט, מיקו.

מיקו איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער און האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ער און די חברים האָבן אַזוי ליב מיט דעם ייִדישן בחור צו פאַרברענגען. און ער האָט דאָך זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען!

— ער וועט אים אָניאָגן!

ער איז פלינק אַריבערגעשפרונגען דעם נידעריקן פלויט און האָט דערגרייכט דעם חבר:

— העי, הײם־ביר, אַנטלויפסט טאַקע?

— ווייסט דאָך, מיקו, אַז פרייטיק פאַרנאַכט מוז איך זיין ביים טאַטנס טיש.

זיי האָבן זיך לאַנג געשפאַרט. דעם פישערס זון האָט זיך געהאַלטן אין איין בעטן און דער שייגעץ האָט אים נישט אָפּגעלאָזט:

— ווילסטו, הייסט עס, זיין ברוגז? נו, אַ גוטע נאַכט!

חיים־בער האָט אים צוריקגערופן:

— נו, קום אַהער, שלעכטער!...

קאַפּיטל 7

אין שענק

ביים אַלטן אָשר אין שענק זענען געזעסן זעקס שקצים. זיי זענען נישט לאַנג אַריינגעקומען. פריִער האָבן זיי זיך שטיל אַרומגעדרייט איבער דער שענק מיט די הענט אין די קעשענעס, זענען אַלע מאָל זיך צונויפגעקומען, זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער און ווידער זיך צעגאַנגען. דאָ האָט זיך איינער אַוועקגעזעצט ביים טיש, האָבן באַלד זיך אַלע אַוועקגעזעצט. זיי האָבן געוואַרט אויף מיקון און חיים־בערן. מ׳האָט זיך אַלע מאָל אומגעקוקט צו דער טיר: „זיי קומען נאָך נישט?" אַז דעם אַלטן שענקערס משרת, אַ הויכער, שוואַרץ־באַוואַקסענער, צעפּאַטלטער גוי, אָן אַ היטל, האָט זיי געפרעגט וואָס זיי באַשטעלן, האָבן זיי אים געבעטן ער זאָל זיך דער־ווייל „צושפּאַרן" און חלומען זיסע חלומות. דער גוי, אַ מאַן אין די דרייַ־סיקער, דער גאַנצער באַלעבאָס אין שענק אין די פרייטיק־צו־נאַכטסן, האָט אויסגעשטשירעט די אומגעלומפּערט־גרויסע, ווייסע ציינער, זיך ווילד און נאַריש צעלאַכט, איז צוריקגעגאַנגען צו דער סטויקע און אויפן וועג זיך אומגעקוקט און ווידער זיך צעלאַכט.

ס׳זענען אַריינגעקומען חיים־בער און מיקו.

— אָט זענען זיי, אין דער מאַמעס צלם אַריין! — האָט זיך חברה אויפגעמונטערט.

און ס׳האָט שוין אַ נעם געטאָן די פרייד. מ׳האָט זיך אַ הייב־געטאָן פון די ערטער און געגעבן די צוויי אַריינגעקומענע אַ רוישיקן קבלת־פּנים:

— הוראַ! הוראַ!...

— הוראַ פאַר חיים־בירן און מיקון!...

די אַריינגעקומענע האָבן געשמייכלט:

— איר וואַרט שוין דאָ לאַנג?

— נישט לאַנג אַריינגעקומען:

אַשרס מענטש האָט דערלאַנגט ווייַן. חברה האָט אָנגעגאָסן די גלעזער און גענומען רעדן אויף העכערע קולות. מ׳האָט אויפגעלייגט געפּלאַפּלט אַלע אינאיינעם גלאָט אין דער וועלט אַריין, ווי מ׳וואָלט שוין פאַרשיכורט געוואָרן פונעם ריח אַליין. די שאַרפע, שמעקנדיקע משקה האָט געצופּט אין די נעזער, און באַלד האָבן זיך די גלעזער אויפגעהויבן און זיך צונויפגעשלאָגן:

— סינאַטאַטי, פּראַצי! (צו געזונט, ברידער!).

אַריינגעגאָסן די ערשטע כוסות רויטע משקה, האָט מען אַזש אויפגעציטערט פון הנאה. אין די ביינער האָט אַ נייע קראַפט אָנגעשטראָמט. די פּנימער האָבן זיך גענומען רויטלען און גלאַנצן, און אַ מחיהדיקע פרייד איז אונטערגעקומען. מ׳האָט געפּלאַפּלט און זיך אָנגעקוקט מיט גוטמוטיק־אויפגעשיינטע אויגן, מיט ליבע און גוטסקייט:

— נו, קינדער, די משקה וואַרט, לאָמיר טרינקען!

און מ׳האָט שוין דעם צערייצטן אַפּעטיט נישט געקענט איינשטילן.

— העי, דמיטרי, קלאַפּ צונויף! דעי דאָמני! (העלף גאָט!):

מ׳האָט זיך פאַרטאָן אינעם געשמאַקן טרונק. מ׳האָט אַלע מאָל באַשטעלט נייע פלעשלעך ווייַן, און איידער עפּעס, זענען זיי געשטאַנען אויסגעליידיקט. אויגן האָבן זיך אָפּגעלאָזן און ציינגער האָבן זיך גענומען פלאַנטערן. דאָ האָט איינער אויפגעזונגען אַ פריילעכס, און זיין חבר לעבן אים האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל. אַ גראָב, קראַכנדיק געלעכטער האָט אויסגעזעצט. מ׳האָט זיך צעוואַרעמט און די פרייד איז געשטיגן: ס׳האָבן אָנגעהויבן פאַלן וויצן. דאָס צעהוליעטע יונגוואַרג האָט האַרציק געקוואַלן. מ׳האָט זיך גוט־ברודעריש געקלאַפּט איבער די פּלייצעס, זיך אַרומגעוואָרפן אויף די בענק מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און געוואָרן אַלץ רוישיקער, פריילעכער.

— זינגען, ברידער, זינגען!

מ׳האָט אויפגעזונגען אַ רוסיש לידל:

„טרי דערעווני, דווא סעלאַ,

ח. באַרקאַן

וואָסעם דיעוואַק, אָדין יאַ;
קודאַ דיעווקי, טודאַ יאַ".

דער אַלטער שענקער — אַ נידעריקער, דאַרער ייִד, ביי די זיבעציק, מיט אַ לאַנגער, גרויער באָרד דורכגעוואָרפן מיט ווייסע און מיט דיקע בלויע שפּאַקולן אויף דער ברייטער, האָרבאַטער נאָז — איז געלאַסן אַריינגעקומען פון שטוב אין שענק און איז אַרונטער הינטער דער סטויקע. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס, געמיטלעך געגלעט די אויסגעקעמטע באָרד און באַטראַכט די הפקרדיקע יונגאַטשעס: זיין פּריש־אַרומגעשוירענער קאָפּ מיט די קורצע, פלאַכע פּיאות זענען געווען ריין און גלאַנציק פונעם נאָכמיטיקדיקן ווייקן־זיך לכבוד שבת; פון אונטערן רעקל האָט געפינקלט דאָס זויבער־ווייסע העמד; איבערן קליינעם, דאַרן גוף איז געהאַנגען די לאַנגע שבתדיקע קאַפּאָטע, וואָס האָט פאַרדעקט אַ העלפט פון די קורצע, אָפּגעפּוצטע שטיוול; און דער נייער, שוואַרצער קאַשקעט האָט בנעימותדיק אַראָפּגעגלאַנצט פונעם קאָפּ און צוגעגעבן דעם ייִדנס שבתדיקן אויסזען דעם חן פון אינערלעכער רו און צופרידנקייט.

דער ייִד האָט שטיל נאָכגעקוקט דעם שבתדיקן משרת און נאָכגעקלערט:

אַ פּאָר קונים מער, קען ער זיך שוין נישט אָפּאָרען, דער ערל. און אַז ס'קומט צום חשבון, איז ער גאָר אַ טויטער. יאָ, מ'מוז אַליין כאַפּן אַ קוק. מ'איז מחלל־שבתניקעס, זינדיקע נשמות; מ'איז פאַרוואָרפן אין דער פרעמד, אַלע יאָרן צווישן גויִים און מ'פאַרגעסט אָפּט, אַז מ'איז אַ ייִד; מ'האָט נישט קיין הנאה פון שבת, פון יום־טוב און מ'איז נאָר פאַרטאָן אין דער וויסטער פּרנסה.אָבער וואָס קען ער טאָן? האַלטן שבת צוגעמאַכט? איז דאָך אין דאָרף פאַראַן נאָך אַ שענק. אַ קונה, אַז ער גייט אַוועק, זעסטו אים מער נישט. נו, מוז ער שבת האַלטן אַן אַרבעטער, און אַליין — כאַפּן אַ קוק.

גאָלדע, אָשרס ווייב — אַ מיטלוווקסיקע, פּעטע ייִדענע, אויסגעפּוצט לכבוד שבת אין אַ ווייס קאַפּטל מיט זילבער־בלישטשנדיקע שטרייפן און מיט אַ ליכטיק, קאָלירט טיכל אויפן קאָפּ, אונטערגעבונדן אונטערן האַלדז מיט אַ היפּשן שלייף — זי, גאָלדע, האָט צייטנווייז, וויגנדיק זיך ווי אַ גע־

שטאָפּטע קאַטשקע, זיך צוגעשאַרט צו דער טיר, וואָס גייט אַריין אין שענק. זי האָט פּאַמעלעך זי געעפנט, געכאַפּט אַ קוק און פאַרמאַכט. ווילעוויילעז האָט זי זיך אָוועקגעשטעלט ביי דער פאַרמאַכטער טיר, אַרויסגעקוקט דורכן שייבל צום מאַן מיט אַ צעקאַרטשעטן פּנים און מיט מיטלייד־בליקן, און זיך אויפגערעגט אויף די גויִים, וואָס צעשטערן איר די שבת־רו. זי האָט זיך געבעטן ביים אַלטן מיט די אויגן:

— הכלל? אַ סוף, אַשרי! ווען וועסטו פון זיי שוין פּטור?

אייניקע שקצים האָבן גענומען רויכערן. די משקה האָט געברויזט אין די יונגע בלוטן, און מ׳איז געוואָרן אומרויִק. מ׳האָט אַ טראַכט געטאָן פונעם דאָרף, פון באַגעגענישן מיט מיידלעך און ס׳האָט געהייבן פון די ערטער.

— וואָס זיצן מיר נאָך דאָ?

האָט מען זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן, אָבער דאָ האָט איינער אויס־געזרופן:

— טאַנצן, ברידער! זאָל הײַם־ביר טאַנצן אַ קאָזאַטשקע!

— אַ קאָזאַטשקע! אַ קאָזאַטשקע! אויף דער באַנק זאָל ער טאַנצן!

— ריכטיק, אין דער מאַמעס צלם אַריין! אויף דער באַנק!

דער יונג האָט זיך געפּרוווט אָפּבעטן, אָבער חברה האָט זיך נישט אונטערגעגעבן:

— טאַנץ, זאָגט מען דיר, הײַם־ביר! אויף דער באַנק!...

דער פישער־יונג האָט זיך צעטאַנצט, ביסלעכווייז זיך צעלאָזט, און חברה האָט געזונגען און צוגעקלאַפּט מיט די הענט. אָט לויפט ער קונציק אַרום, דער טענצער, אויף דער גאַנצער באַנק פון איין עק צום צווייטן, וואַרפט און פלאַנטערט מיט די פיס, דאָ גייענדיק פּאַרויס, דאָ הינטערוויי־לעכטס; און דאָ טוט ער זיך אַ זעץ אַראָפּ, כמעט ביזן פלאַך פון באַנק. ער וואַרפט מיט די פיס, שפּרינגט אונטער — און מיט אַמאָל טוט ער זיך האַסטיק אַ וואָרף אין דער לופטן, פאַלט אַראָפּ צוריק, הייבט זיך אויף און נעמט זיך דרייען אַרום זיך אַליין טייוולש־פלינק, ווי אין אַ כישוף־ראָד.

דאָ האָט מיקו אָנגעכאַפּט חיים־בערן ביי דער האַנט:

— נו, גענוג, הײַם־ביר!

און דער טענצער איז אַראָפּ פון דער „בינע".

— קוקט נאָר אָן טימאָפײען! — האָט עמיצער אויסגערופן.

טימאָפײ, אַ הויכער און שווערער כלאָפּ, איז געשטאַנען אַ פאַרלוירע־נער און איינגעבויגן לעבן דער סטויקע, געכרוקעט מיט אַ ברייט־אויפגע־ריסענעם פּיסק, ווי אַ קראַנקער חזיר, און זיך געקלאָגט, אַז ס'איז אים פּאַסקודנע אויפן האַרצן און ער מוז האָבן גיכע הילף...

— וואָס איז, טימאָפײ? — האָט איינער זיך נאָכגעפרעגט, — פּילסט זיך נישט מיט אַלעמען?...

— בייג זיך אָן, — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט, — און רוק אַריין אין האַלדז דעם לאַנגן פינגער... האָב קיין מורא ניט, ער'ט אַרויס צוריק...

זיי זענען אַרויס אין דרויסן.

— העי, וווּ ביסטו, הײַם־ביר? קום אַהער!

דאָס האָט גערופן מיקו. אין אַזעלכע מינוטן, האָט ער ליב אַרומצונע־מען חיים־בערן אַרום האַלדז און שפּאַנען לעבן אים.

מ'האָט זיך געלאָזט איבערן דאָרף. מ'האָט געשפּאַנט ענג־צונויפגע־דריקט, מיט די הענט אַרום די טאַליעס, איבער העלדזער, פאַראייניקט אין אַ האַרציקן ברודער־בונד. פול אָנגעגאָסענע, מיט אַראָפּהענגענדיקע קעפּ און מיט שוואַכע, בויגיקע פיס, האָט מען אין מיטן וועג זיך געהוידעט רעכטס און לינקס, ווי אַ צעפּאָרענער פּלויט אין ווינט.

מ'האָט אויפגעזונגען אַ ניגון.

דאָס דאָרף איז געלעגן איינגעשטילט, ווי אַ ליידיקער סטעפּ. די מידע פויערים זענען שוין געשלאָפן. די פינצטערע ביימער־אַלייען, די שמאָלע דאָרפס־וועגן און די אַרומיקע שליאַכן זענען געלעגן אין געדיכטן חושך פול מיט סודות, ווי זיי וואָלטן אויסבאַהאַלטן עפּעס מוראדיקס. דער הימל איז געלעגן אָנגעוואָרפן מיט אָפּגעריבענע שטערן, אָן אַ גלאַנץ; און העל־גרויע וואָלקנס, ווי געריננענער מילך, זענען אין די הייכן אַרומגעשוווּמען

און אַלע מאָל פאַרשטעלט די לבנה. שטיל, טונקל, און געבענטשטע רו. אַלע מידע באַשעפענישן, מענטש און עוף און חיה, האָבן שטיל גערוט אין דער פאַרטרוימטער נאַכט. בלויז ערטערווייז האָבן געגרילצט די גרילן, און אַמאָל איז אַ ציטערדיקער האָז ערגעץ־ווו איבערגעלאָפן צווישן די גראָזן.

און מיט אַמאָל האָט איבערן דאָרף אויפגעהילכט די בחורימס רוישיקע נגינה...

קאַפּיטל 8

קריגעריי

חברה האָט געשפּאַנט איבערן וועג און געזונגען.

דאָס געזאַנג האָט זיך פאַרשטאַרקט. האָט זיך אויפגעהויבן אין דער נאַכט וואָס אַמאָל העכער, מיט הייסע געפילן, געבעט און נשמה־דאָרשט נאָך עפּעס אומבאַשטימטעס. די יונגע פריילעכע קולות האָבן געקלונגען ווי אויף אַלטע, וויסטע מקומות, און פון דער טיפער שטילקייט פון די חלומות און אומעטיקע בענקענישן, וואָס האָט זיך געפילט אין דער נאַכט, זענען די טענער טיפער און אומעטיקער געוואָרן. אַן ערלעכע תפילה פון די האַרץ־טיפענישן זענען די ניגונים געווען צו דער אייביק־אומבאַקאַנטער מאַמע־ערד. אַך, ווי מ׳גייט אויס אין בענקענישן! די הילכיקע נגינה פול מיט ליבן און דאַנקבאַרקייטן האָט געשטראָמט פון געזונטע, פּראָסטע פּויערים־קינדער, וואָס לעבן אויף געבענטשטער ערד, זענען פאַרכאַפּט פון איר שיינקייט און גוטסקייט, פון אירע סודות און וווּנדער, און קענען די חידו־שים מיט זייערע אָרעמע צינגער נישט אַרויסרעדן... „זינגט, ברידער, העכער, מיט אַלע כוחות!” און דווקא איצט, מונטערע, אויפגעלייגטע, האָבן זיי זייערע הערצער פאַר אַלע ווייטן אויסגעגאָסן, און אַלע ביינער האָבן אויסגעזונגען אין דער נאַכט די אייביקע בענקענישן פון דעם מענטש אויף דער ערד:

— אַך, טי ניוואַ, מאָיאַ ניוואַ!...

זיי האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט די ניגונים, וואָס זענען אויפגע־גאַנגען איינער נאָכן אַנדערן און האָבן אויפגעטרייסלט די מיד־איינגעשלאָ־פענע פּויערים אויף זייערע געלעגערס. די פּויערים האָבן זיך צוגעהערט:

— הערסט, זשעניע, ווי אונדזערע קינדער זינגען? אַזש די בערג הודזשען!

— יאָ, קיין עין־הרע, די גבורה פון שטורעם־ווינטן ליגט אין זיי...

האָט ערגעץ אַ פויער, אַ שפּעט אַהיים־געקומענער, זיך אָפּגערוט אין דרויסן און זיך אויפגעהויבן פון פריזבע צו גיין שלאָפן — האָבן די יונגע שטימען אים צוריקגעהאַלטן. צי האָט ערגעץ אין אַ שייער אַ רייכער פויער זיך אַרומגעשאַרט מיטן זון מיט אַן אָנגעצונדן ליכטל און איבערגעקוקט די פּריש־אָנגעבראַכטע, הויכע הרובעס תבואה פון אָוונט — האָט דער פון פּאַרנומען דאָס געזאַנג און ס׳האָט אים געצויגן, ווי אַ כישוף: „אַך, ווען איך בין דאָרט!...״ אין אַ שטיבל האָט אַ פויער געקניט אין אַ ווינקל, האָט דער געזאַנג אים צעמישט די תּפילה. האָט ער וואָרטשנדיק איבערגעלאָזט דעם „האַר״ און איז צוגעקומען צו אַ פענצטערל און נייגעריק אַרויסגע־קוקט. און פון הינטערן דאָרף האָבן זיך געטראָגן הילכיקע עכאָס, ווי פון ווילדע שטיפערס, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די בערג...

פלוצים האָבן די שקצים דערפילט, אַז עמיצער יאָגט זיך פון הינטן מיט גערויש און אומרו. כאָטש מ׳האָט זיך נישט אומגעקוקט, האָט מען אָבער דערקענט אין דעם שווערן אָטעמען און אונטערברומען, אַז דער וואָס קומט איז אָנגעלאָדן מיט צאָרן. מ׳האָט זיך קוים געהאַלטן צוזאַמען. מ׳האָט נישט געוואָלט צעשטערן די געהויבענע שטימונג און געשפּאַנט ווייטער אין אַ געשלאָסענער ריי. אָבער די נגינה איז אויסגעגאַנגען. באַלד איז יע־נער געווען לעבן זיי. די ברידערלעכע קייט האָט זיך איבערגעריסן.

— העי, באַסיאַק! — איז אָנגעלאָפן מאָטל פישער, ווי אַ ווינט, און זיך אַ וואָרף געטאָן צום זון, — ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? ווייסט נישט, אַז ס׳איז היינט ערב שבת?

און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם יונג אַ פייערדיקן פּאַטש.

דער בחור האָט זיך צעטומלט.

— וויפל מאָל האָב איך דיר אָנגעזאָגט, אַז פרייטיק־צו־נאַכטס דאַרפסטו זיין ביים טיש? גייסטו גאָר שיכורן לכבוד שבת! כאַמולע!...

חיים־בער האָט געשפּאַנט אויפן וועג אַהיים. דער טאַטע הינטער אים. דער פאָטער האָט נאָכגעשפּאַנט אַ בייזער, געברומט מיט זידלערייען, און דער זון האָט אַפילו דעם קאָפּ נישט אויסגעדרייט. נאָר גייענדיק האָט ער איבערגעטראַכט: אַזאַ שטרענגער, דער טאַטע. נאָר ער האָט טענות: ער, חיים־בער, זאָל אַכטונג געבן אויפן טייך, אויפן באַלעבאַטישקייט אַרום הויז

און אים העלפן פירן די פיש־מסחרים. אָבער, אַז דאָס לעבן פון די פויערים איז אים פאַרט ליבער! ס'איז שוין עטלעכע יאָר, אַז ער מוטשעט זיך. זייט ער האָט, שוין אַ דערוואַקסענער, אָנגעהויבן זיך פאַרגנבענען און אַוועקגיין אין דאָרף, ליגט אים דער טאַטע אין די ביינער. נאָר ער טשעפּעט זיך, זידלט אים, וואָס ער פאַרברענגט אין דאָרף מיט די כאַמולעס, רופט אים „באַדי טאַדריס" — און אַז ער, חיים־בער, ענטפערט אַ וואָרט, ווערט ער מלא רציחה, און כאַפּט זיך שלאָגן. דער מאַמען האָט ער פאַרזאָגט, זי זאָל זיך נישט אַריינמישן. יאָ, פון פאַראַיאָרן אָן איז דער טאַטע אַרויס פון די כלים. אַז דער עלטערער ברודער, נוח, איז געווען אין דער היים, האָט דער טאַטער זיך אויף אים, חיים־בערן, נישט אומגעקוקט. אָבער פון פאַראַיאָרן אָן, זינט דער ברודער איז אַוועק אין מיליטער־דינסט, איז די לעבעדיקייט אַרום טייך אַוועק. דער טייך איז געוואָרן אָפּגעלאָזן. דער טאַטע גייט אַרום אָן אָנגעכמורעטער, אַ געערגערטער, בענקט נאָך נוחן, אַרבעט שוין אַליין אויך נישט אַזוי בריהש ווי פריִער, און לאָזט אויס זיין ביטער האַרץ צו אים. אָ, ווען נישט די מאַמע — ער וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט!...

— העי, שפּאַן גיכער!

— הער מיך אויף טרייבן, טאַטע. כ'בין נישט קיין פערד.

— וואָס, דו רעדסט שוין ווידער אַנטקעגן!

זיי זענען אַריין אין הויז.

חיים־בער האָט זיך ראַשיק אַ זעץ געטאָן אויף אַ טאַבורעטקע. ער האָט באַמערקט: אינמיטן צימער, ביים נידעריקן טישל, האָט זיך די מאַמע שנעל אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט דערשראָקענע בליקן און מיט אַ צעעפנטן מויל, ווי אָט מאַכט זי אַ געוואַלד, און געקוקט מיט בעטנ־דיקע בליקן צום פאָטער. יענער איז געשטאַנען ביי דער טיר אַ צענומע־נער, און האָט געצילעוועט אַ שפּיציקן בליק גלייך אין זון אַריין.

דער יונג האָט געפילט אויף זיך דעם טאַטנס בליקן — און געקוקט אויף דער מאַמען: 'ממ, זע־נאָר אַ מין רחמנותדיק אויסזען!"

דאָ האָבן דעם פישערס בליקן זיך אָפּגעריסן פונעם זון און איבערגע־לאָפן צום ווייב. זי, די פרוי, אַ הויך־געשטרעקטע, אַ פעטלעכע, מיט אַ ברוינעם, חנעוודיקן פּנים, מיט אַ שיינעם, פיין־געבלימלטן טיכל אויפן קאָפּ,

לכבוד שבת, איז צוגעגאַנגען צום זון, אים אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און אים באַטראַכט דאָס פּנים. זי האָט זיך אומגעקוקט אַ פאַרקרומטע צום מאַן:

— האָסט שוין ווידער צעמזיקט דאָס קינד?

— „קינד" רופסטו אים? אַזוינע קינדער מעג טרעפן אַ דונער!

— נו, לאָז שוין זיין שטיל, — האָט די מוטער זיך געבעטן.

— ס'איז דען דאָס ערשטע מאָל? אַ רוח אין זיין —

די אויגן האָבן אַ בליק געטאָן, ווי ביי אַ צעמישטן. ער איז צו חיים־בערן אַן אויפגערודערטער:

— ווו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג, באַדיע טאָדריס?

— אין פעלד.

— אין פעלד? נו, האָסטו נישט געקענט אַהיימקומען תחילת־נאַכט? האָסט נישט געוווּסט, אַז ס'איז ערב שבת?

— כ'האָב... כ'האָב פאַרגעסן... וואָס ווילסטו פון מיר, טאַטע! — איז דער זון פּלוצים אויפגעשפּרונגען.

— וואָס דו שפּרינגסט נאָך אין פּנים אַריין? — האָט דער פישער אָנגעכאַפּט דעם פרעכן זון ביים קאָלנער אונטערן האַלדז. די מוטער האָט זיך אָפּגערוקט אַ פאַרציטערטע.

אָבער דאָ האָט חיים־בער זיך אויסגעריסן פונעם פאָטערס האַנט און איז געבליבן שטיין אַ פּאָר טריט ווייטער:

— אַזוי האָב איך געוואָלט!

ער איז געשטאַנען קעגן פישער אַ ווילד־אויפגערעגטער, אָנגעלאָדן מיט מאַכט, ווי אַ העלדישער רעבעל. די הויכע, פעסטע ווּקס אויסגעשטרעקט, די שפּיציקע מאָרדע הויך־אויפגעריסן און די ווייכע, שטענדיק־גוטמוטיקע, בלויע אויגן האָבן געבליצט מיט צאָרן:

— זאָלסט מיך מער נישט שלאָגן! מיינסט כ'בין אַ פּיצל קינד?...

דער פאָטער האָט אויסגעגלאָצט פאַרגאַפטע בליקן. אין פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ רויטקייט פון אומדערטערגלעכער בושה. ער האָט געקוקט דאָ צום זון, דאָ צום ווייב, און אַזש געציטערט פון אויפרעגונג.

נאָכדעם האָט מען זיך אַרומגעדרייט אַן לשון איבער די צוויי שטוב־צימערן, זיך אַרומגעפּאַרקעט צערודערט אין קליינעם פאָדער־קעמערל,

נישט געקענט קומען צו זיך און זיך געשעמט צו באַגעגענען איינער דעם צווייטן. דער אומעט אין שטיל־געוואָרענעם שטיבל נאָכן שטורעם האָט זיך געשפּאַרט אין האַרצן און געקלעמט. די שוואַכע ליכט פונעם באַלד־אויסגייענדיקן בליץ־לאָמפּ אויפן טיש, וואָס מ׳האָט לכבוד שבת אָנגעצונדן, האָט די געמיטער נאָך מער באַשווערט.

טאַטע־מאַמע האָבן נאָכגעטראַכט וועגן זון:

— וואָס ט׳זיין דער סוף? אַז מיט דער שטאָט האָט ער נישט צו טאָן, חיים־בער, חברים האָט ער נאָר אין דאָרף, שקצים; דעם טייך האָט ער פיינט, און אויב אַרבעטן, איז נאָר ביי „זיי“, ביי די פויערים. ער פאַר־ברענגט מיט זיי, ווי אַן אייגענער, און די שקצים מיט די שיקסעס זענען זיין גאַנץ לעבן. וואָס טוט מען? אַ קינד רייסט זיך נאָר צווישן גוים — ער זאָל זיך, חלילה, נישט אָפּרייסן פון ייִדן, די שעה זאָל נישט זיין...

דער בחור איז געבליבן זיצן מיטן פנים צווישן די אויפגעהויבענע הענט אויפן טיש. דער פאָטער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויפן דיוואַניקל, אין אַ ווינקל. די מוטער האָט זיך צאַרט אַרומגעדרייט אַרום זון, ווי זוכנדיק צו היילן זיינע ווייען. זי האָט אויפגעהויבן פון דער ערד זיין היטל, עס אָפּ־געשטויבט און אים אָנגעטאָן; צוגעקנעפּלט זיין זשילעט און אים אויסגע־גלייכט דאָס אויבערהעמד, וואָס איז אים אַרויסגעקראָכן פון די הויזן. זי האָט אים געגלעט, געוואָלט פאַרגרינגערן די שמערצן, און האָט שטיל אַריינגערעדט אין זיינע אויערן ווייכע טרייסט־ווערטער. צייטנווייז האָט זיך פּלוצים אַ הויכער קרעכץ פון איר האַרץ אַרויסגעריסן, און איז גע־בליבן הענגען איבער די קעפּ, ווי אַ וואָרענונג.

נאָכדעם איז שוין גאָר שטיל געוואָרן. בלויז די קאַץ אונטערן טיש איז נאַריש אַרומגעשפּרונגען, האָט אַרומגעשאַרט אַ פיש־ביינדל, וואָס די באַלעבאָסטע האָט פאַרגעסן צו פאַרקערן — און דאָס מאָנאָטאָנע שאָרכען האָט די אומרויִקע נאָך אומרויִקער געמאַכט. פונעם נאַכטיקן דרויסן האָט זיך אַריינגעהערט אַ שניידנדיקער סווישטש פון אַ לאַנגער בייטש אין דער לופט. נישט ווייט האָט זיך אַ פערד הויך צעהירזשעט. און הינטערן שטיבל, האָט עמיצער גענומען רייבן זיין קערפּער אָן וואַנט, ווי וועלנדיק איינ־וואַרפן דאָס אַלטע פישער־שטיבל.

דאָ האָט עמיצער לייכט אַ שפּרונג געטאָן איבערן שטרוי־דאַך, אַרויף אויפן קוימען און אַריינגעקראַקעט אין פוסטן חושך:

— קראַ! קראַ!

דער פישער האָט זיך אומגעקוקט צום ווייב, ווי פרעגנדיק:

— דו הערסט?

פלוצים האָט חיים־בער זיך אומגעלומפּערט אַ וואָרף געטאָן. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל ביים טיש מיט אַ משוגענעם אימפּעט, פלינק אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר פון פּאַדער־הייזל, זי ברייט אויפגע־פּראַלט און אַריינגעשריגן צוריק אין הייזל אַריין:

— האַ? וואָס פרעגסטו, טאַטע, צי כ׳ל געדענקען? איך הער דיך ווי די קאַץ!...

און — אַ זעץ מיט דער טיר און אַוועק.

אַ היפּשע צייט האָט זיך חיים־בער אַרומגעדרייט אויפן ברעג אַ פאַר־לוירענער. אַז האָט ער באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין דאָרף, און זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין שפּעט ביינאַכט. אַז האָט ער געטראַכט אַוועקצוגיין אין אַ פרעמדן דאָרף, זיך פאַרדינגען אויף אַרבעט און ווערן זעלבסטשטענדיק. און מיט אַמאָל האָט אים פאַרכאַפּט אַ ווילדער חשק צו אַנטלויפן אין דער ווייטער וועלט אַריין. יאָ, ער וועט נישט פאַרפאַלן ווערן, אַבי נישט אָנקו־מען צום טאַטן... דער אומרו האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. און מאָדנע: ערשט איצט האָט ער דערפילט ווי צוגעבונדן ער איז צו דער סביבה דאָ. אַ שווע־רער געראַנגל האָט אים דורכגענומען. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיין זאַ־טער היים, וואָס האָט אים אויסגעכאַוועט; מיט די שיינע קינדער־יאָרן דאָ אויף דער פרייער נאַטור; מיט זיין פריידיקער יוגנט אין די אַרומיקע פעל־דער; מיט זיין געטרייער מאַמען, וואָס וואָלט נישט אויסגעהאַלטן ווען ער גייט אַוועק; מיט זיין אייגענער גוטער נאַטור — און ער האָט נישט גע־ווּסט וואָס צו טאָן. זאָל ער אַלץ איבערלאָזן אויפן פאָטער און אַוועק? אַז ער איז אויך ביים טייך, איז פאַרט אַנדערש. אַזוי וועט דאָס גאַנצע אָנגע־זאַמלטע טייך־באַלעבאַטישקייט פון דורות גיין צו גרונט. אַז די גויים, וואָס גנבענען פיש ביינאַכט, וועלן זיך דערוויסן, אַז מאָטל פישער איז געבליבן אַליין, וועט מען זיך אַ נעם טאָן צום ראַבירן. וואָס־זשע וועט ווערן פון זיין

היים? מיט דער ליבער מאַמען וואָס וועט זיין? און אַז דער ברודער נח וועט אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַהיימקומען פון מיליטער, וועט ער טרעפן אַ חורבן...

ער איז געזעסןביים ברעג אויף אַ קעסטל, לעבן דער גרויסער, שטייענדיקער וואָג, מיט ווילד־צעשויבערטע האָר און צעכראַסטעטער קליידונג, ווי זיך געראַטעוועט פון אַ שׂרפה.

דער טייך איז געלעגן שטיל. די וואַסערן האָבן זיך רויק געכוואַליעט, זיך געהויבן מיט וויכן געררויש אין דער לופטן און געשיינט אין דער פינצטער מיט בלויען גלאַנץ. אַ ווינטל איז אָנגעקומען און אויפגעהויבן צווישן געדיכטן טראַשטש אויפן ברעג אַ דין סווישטשעריי, ווי שטיפערישע ברואימלעך וואָלטן פון דאָרט אַרויסגעפייפט. פון העט־אַרום האָט אַ שושקעריי אין דער לופט זיך אַרומגעטראָגן, סודות, וואָס די ברייטע ערד האָט איבערגעגעבן דער שטילער נאַכט. די קילע טייך־לופט פון די פרישע זומערנעכט, האָט זיך געגאָסן אין לייב אַריין, ווי געזונט־מאַכנדיקע קוואַלן. ערגעץ האָבן קליינע כוואַליעס זיך אַלעמאָל צונויפגעשלאָגן אין וואַסער־בערגלעך, צעקלאַפּט געוואָרן, און דאָס צעפּאַלן זיך האָט צעשפּרייט עפּעס אַן אומהיימלעכקייט... די אַרומיקע טיילווייז־אָפּגעשניטענע פעלדער און בערג פון יענער זייט טייך, זענען געלעגן איינגעשטילטע, ווי אַלטע, פוסטע מקומות, און אַרויפגעוואָרפן אויף זייער לעבעדיקן שכן, דעם טייך, זייער אומעט און אייביקע פאַרחלומטקייט. און דער טייך האָט זיך איינגעהערט צו די נאַכט־סודות פון דער ערד, אויפגעכאַפּט יעדן טאָרך, יעדן קלאַנג, און זיי צוריק אויסגעזונגען פאַר דער מוטער־ערד דורך שטילע וואַסער־ניגונים.

און חיים־בער איז געזעסן אַ פאַראַרעמטער, אַ פאַרחלומטער, און האָט געטראַכט וועגן זיין מאָרגן...

קאַפּיטל 9

אַ גאַסט

פרייטיק אָוונט.

לאה, מאַטל פישערס ווייב, איז געזעסן אין קליינעם הייזל ביים טיש. שוין געווען שפּעט. זי האָט אויסגעזעצן מיד פון דער ערב־שבתדיקער אַרבעט. מיט די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט און צושאָקלענדיק דעם אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ מיטן הויכן קובליק פון הינטן, האָט זי ווײלעווייז לייכט איינגעדרימלט און זיך אַלעמאָל אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענע. איבערן פּריפּעטשיק אויף דער אויוון־וואַנט, אַנטקעגן די קליינע פּראָנטפּענצטערלעך, האָט געברענט אַ קעראָסין־לעמפּל און צעשפּרייט אַביסל שיין איבערן לאַנגן צימער. אויפן טיש זענען די שבת־ליכט אין די גרויסע מעשענע לייכטער שוין אויסגעגאַנגען. אַרום איז שטיל געווען. ס'איז אָבער נישט געווען די אַמאָליקע בנעימותדיקע פרייטיק־צו־נאַכט־שטילקייט, די זיסע שבת־רו, וואָס איז דאָ, אין איינזאַמען העק, געווען איינגעפּירט שוין יאָרן. יענע שטילקייט איז איצט צעשטערט געווען. אין די ווינקלען זענען געלעגן שטומע, גראָבע שאָטנס און האָבן די זאָרג און וויסטע עלנטקייט וואָס שווערער געמאַכט. פון דרויסן האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך פון קיין געוויקס, צי פון אַן אַנדער לעבעדיקע זאַך; דאָס איינציקע היימישע הויז־באַשעפעניש, די קאַץ, איז, הפּנים, ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן; און דאָס שטיבל איז געווען אַרומגענומען מיט שטילקייט און סודות.

די מוטער האָט געוואַרט אויף איר זון:

— אַזוי שפּעט? ער האָט דאָך צוגעזאָגט... ווען קומט ער שוין?...

שוין היינט דריי וואָכן זינט דער זון קומט מער נישט אַהיים. ער האָט זיך איינגעעקשנט: ער וויל מער דעם טאַטן נישט קענען. „און ער זאָל נישט מיינען, דער טאַטע, אַז ער, חיים־בער, שרעקט זיך איבער פאַר אים, — האָט ער באַפוילן מיט סעמיאָן ראַקאָוואַי, וואָס העלפט ערב־שבת ביים טייך,

— נאָר ער וויל זיין פּנים נישט אָנקוקן... און וווינען וווינט ער ביי אהרן בויקע, דער זון. אַ דאַנק גאָט, אַבי כאָטש ביי אַ ייִדן. ס'האָט איר ווייניק געזונט געקאָסט? תחילת איז ער דאָך געווען ביי די דערעווניאַקס! אַ פּאָר טעג נאָך יענעם פאַרשטערטן ערב־שבת, אַז זי, די מאַמע, האָט געפילט, אַז דאָס האַרץ צעגייט זיך איר פון ווייטיק און איז אַוועק אין דאָרף זען איר זון, האָט זי אים געטראָפן ביי אַלעקסאַנדער דערעוויאַק אין גאָרטן. וויפל זי האָט ניטש געוויינט און געבעטן, אַז ער זאָל גיין אַהיים — ס'האָט נישט געהאָלפן. „ניין, מאַמע, — האָט ער זי נישט אויפגעהערט גלעטן און איינשטילן, — כ'בעט דיך, כ'לעבן איך קען נישט...״ איין זאַך האָט זי גע־פּועלט: ער זאָל אַריבערגיין וווינען צו אַ ייִדן, צו אהרן בויקע.

מיט אהרנען האָט זי קיין סך נישט געדאַרפט איינטענהן. „פאַרוואָס נישט? — האָט דער אַרענדאַר צוגעשטימט, — אַזאַ קליינינקייט אָפּזאָגן?״ און פון דאַן אָן איז ער ביי אהרנען אין הויז, און זי, די מאַמע, לויפט יעדן טאָג אים זען. מאָטל שרייט, רייסט זיך — און זי אַנטלויפט. היינט אינדער־פרי האָט זי אים אויך געזען, דעם זון. זי האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים מיט טרערן, אַז זיין בענקל וועט היינט אַוונט, ביים שבתדיקן טיש, ווידער שטיין ליידיק. זאָל ער אַהיימקומען כאָטש נאָר „עסן שבת״. „אַז מ'לעבט אַזוי עלנט, פאַרוואָרפן אין אַ העק, — האָט זי אַלץ געבעטן רחמים, — פון ייִדן איז מען אָפּגעריסן און פון קיין אמתן שבת און יום־טוב ווייסט מען נישט, זאָל מען כאָטש דעם שבתדיקן טיש נישט פאַרשעמען... קום, קינד מיינס, טו צוליב דער מאַמען...״

— ער וועט קומען, — האָט ער צולעצט איר צוגעזאָגט, — אָבער ווען דער טאַטע וועט שוין שלאָפן.

און איצט וואַרט זי.

אַלץ האָט זיך איצט אַרומגעפּלאָנטערט אין דער מוטערס אַראָפּגעבוי־גענעם קאָפּ, ווי אין אַ פּיינלעכן, צעדרייטן חלום. זי האָט אַלעמאָל אייַנגע־דרעמלט, און פון צולייגן זיך אַפילו נישט געטראַכט. דאָס איינגעצויגענע קעראָסין־לעמפּל איבערן פּריפּעטשיק, האָט געוואָרפן אַ שוואַכע שיין אויף איר לענגלעכן פּנים און אויף איר שייטעם, גלאַט־פּאַרקעמטן, שוואַרץ־גלאַנציקן קאָפּ האָר מיטן געדיכטן קובליק פון הינטן. זי האָט נאָכגעטראַכט

וועגן זון, זיך געראנגלט מיטן שלאָף און אַלעמאָל געקוקט צו דער טיר:
— ווען וועט זי אים שוין זען?

פונעם צווייטן צימער האָט זיך דערהערט דעם פישערס הויך און גע־שמאַק כראָפּען. די מוטער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שפּעט, און איז גע־וואָרן אומגעדולדיק. זי האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען מיט אַ מעסער צונויפשאַרן די ברעקלעך, וואָס זי האָט אויפן ווייסן טישטוך פאַרגעסן. דאָ האָט זי ביים טיש דערפילט די רו פון פרייטיק־צו־נאַכט און די חשיבות פון שבת. זי האָט אָפּגערייניקט די ברעקלעך, אַ פּאָר מאָל געעפנט די דרויסן־טיר און אַ פאַרטראָגענע גענומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער:

— וואָס וועט ווערן פון איר קינד? האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַזוינע שלעכטע וועגן. חברט זיך מיט די שקצים און שיקסעס און נעמט איבער אַלע זייערע גויִשע מידות, אַז ווי איז איר. ער קען זיך — גיט איבער אהרן בויקע — אַ טאָג אין שטוב נישט איינהאַלטן. לויפט אַלעמאָל אַוועק אין אַן אַנדער פויערישן הויז — און לעצטנס ווערט ער פאַרפאַלן אויף גאַנ־צע טעג. ער שיכורט מיט די שקצים, שלעפּט זיך אַרום מיט שיקסעס און זיי וועלן נאָך, חלילה, אינגאַנצן דאַרט פון אים אַ תל מאַכן, די לאָפּעצאַ־נעס. יאָ, ס׳טוט אים שוין, הפנים, באַנג, מאָטלען. מ׳דערקענט דען נישט? נאָר — ער וועט זיך דען אונטערגעבן, דער עקשן־משומד?... און ד׳ערוויל ווערט דער זון פאַרלוירן. זי האָט שוין אַפילו געהערט, אַז חיים־בער שלעפּט זיך אַרום מיט אַ שיקסע. זי זאָל עס גאָרנישט דערלעבן, רבונו של עולם! וואָס־זשע וועט זיין? שטענדיק נאָר ס׳ציט אים צו „זיי", אָ, גאָטעניו!...

אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר.

לאה איז שטיל געלאָפן עפענען: „ווי איז איר. מאָטל זאָל, חלילה, נישט דערהערן". באַלד האָט זי דעם זון אַריינגעפירט ביי דער האַנט אַ צע־רודערטע און אַן איינגעהאַלטענע, ווי דער גנב אַריינבערענגענדיק זיין רויב. זיי זענען געבליבן זיצן ביים טיש, צוויי נעבעכדיקע, שטומע ברואים, האָבן זיך אָנגעקוקט מיט רחמנות און מורא געהאַט צו רעדן.

— נו, וואָס־זשע טוסטו, מאַמע? — האָט דער בחור זיך אַרומקוקנדיק ענדלעך אַרויסגערעדט. — אַ גוט שבת דיר...

— אַ גוט יאָר דיר, מיין קינד... אוי, איך בין אַזוי גליקלעך!...

זי האָט אים געהאַט אַ סך צו זאָגן, די מוטער, און זיך געפילט מאָדנע־אומבאַקוועם.

— ווי־זשע פילסטו, קינד מײַנס?

— ווי אַזוי זאָל איך פילן? איך בין געזונט און איך אַרבעט.

— און אהרן מאַכט עפּעס גוטע מסחרים? אַ ווױלער ייִד, איאָ?

— איך... איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת, מאַמע... כ׳בין שוין נישט ביי אהרנען.

— וו־אָ־ס? נישט ביי אהרנען —? האָט די מוטער זיך צוריקגעצויגן הינטערווײַלעכטס, — ווו דען?

— ביי קאָפּריאַן פּאָלטאָראַדני, מאַמע. פון נעכטן אָן...

די מוטער האָט אײַנגעהאַלטן דעם ווייטיק. זי האָט גענומען אײַנרעדן איר קינד מאַמיש־ווייך:

— באַרעכן זיך, מײַן זון. אויב שוין זײַן אין דער פרעמד, איז פאַר־וואָס נישט ביי אַ ייִדן? און אַז דו העלפסט אַרבעטן, פאַרוואָס בעסער נישט העלפן אַ ייִדן? און אַמאָל קענסטו טאַקע פאַרן אין שטאָט אַריין מיט דער תבואה, וואָס אהרן קויפט־אויף. זעט מען אַ ייִדן, מ׳זעט וואָס ייִדן טוען, ווי זיי לעבן, מ׳הערט וואָס זיי רעדן... אין דאָרף ווערט מען דאָך פאַר־גויִישט. און ביסט נאָך אַזוי יונג...

— כ׳האָב דאָך אָבער נישט ליב די אַרבעט, מאַמע.

— יאָ, אָבער ס׳הייסט אַ ייִדיש קינד זאָל זיך רייסן נאָר צו די גויִים?

זי האָט אַרויסגעזאָגט אירע לעצטע ווערטער ציטעריק־בעטנדיק און געקוקט צום זון מיט אַ פרום־פאַרדאגהטן פּנים און אַזוי דערשראָקן, ווי איר קינד וואָלט שוין געווען אין געפאַר. יאָ, נישט אומזיסט האָבן זיי אַלע יאָרן מורא געהאַט, אַז זייערע קינדער זאָלן דאָ אין פאַרוואָרפענעם עק, ווייט פון ייִדן, נישט אַראָפּ פונעם ייִדישן דרך. איצט שלעפּט זיך חיים־בער אַרום מיט אַ גויִישער טאָכטער און מסתם נישט אויף קאַטאָוועס... וואָס טוט מען? זי האָט אײַנגעשוויגן און זיך פאַרקוקט אין דער האַלב־טונקל, ווי זוכנדיק דאָרט דעם ענטפער.

און דער זון האָט איר נאָכגעקוקט מיט רחמנות:

ער האָט זי אַזוי ליב, די מאַמע, זי איז אים אַזוי געטריי. ער וואָלט

אין פייער געשפּרונגען פאַר איר. און זי האָט צו אים נישט קיין צוטרוי. וואָס טראַכט זי איבער? זי מיינט, אַז ער איז קיין ייד נישט? ער געדענקט נישט ווי זי פלעגט אַזוי ציטעריק אים אָפּהיטן פון קליינערהייט אָן? ווען ער פלעגט אַוועקגיין אויפן גאַנצן טאָג אין חדר — מיט וויפל נחת זי פלעגט אים פאַרנאַכט באַגעגענען! „נו, מיין קינד, וואָס טוסטו עפּעס?" — האָט זי אים געצערטלט, געקושט און זיך גאַרנישט געקענט שטילן מיט אים, — „טו זיך אויס, מיין אוצר. ווי אַזוי האָסטו זיך הייַנט געלערנט אין חדר? זאָג דעם אמת". זי האָט אָנגעקוואָלן פון זיין לערנען זיך, פון זיין „זאָגן אין סי־דור", פון זיין שרייבן שורה־גרוסן און בריוולעך צו טאַטע־מאַמע — און אַז ס'איז געקומען שבת, האָט זי געשיינט פון גליק. זי האָט איבערפרי אי־בערגעחזרט מיט אים די „מודה", אַביסל „קריאת־שמע" אויף אויסנווי־ניק, אים פאַרהערט עפּעס פונעם שבתדיקן דאַוונען און דאָס נחתדיק־צע־שיינטע פּנים אירס איז געוואָרן אַלץ ליכטיקער. דאָס גאַנצע פישער־שטיבל איז פול געווען מיט איר שמחה. אַפילו דער טאַטע, וואָס האָט שטענדיק אין זינען נאָר דעם טייך, און אַפילו שבת, ווען ער אַרבעט נישט, שפּאַנט ער אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס און קוקט אַרום זיין באַלעבאַטישקייט — אַפילו ער איז שבת נאָכן אָנבייסן געבליבן זיצן ביים טיש און זיך צו־געהערט צו זיין „תורה" און „עברי". אַלע יאָרן טענהט זי צום טאַטן: „כ'בעט דיך, מאָטל טייערער, מיר האָבן נישט מער ווי צוויי אויגן אין קאָפּ, מ'דאַרף זיי אָפּהיטן". און זינט דער ברודער נח איז אין דער דינסט, ווייסט זי נישט וואָס צו טאָן מיט אים, מיט חיים־בערן. זי קוקט אים נאָך יעדן טראָט.

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מאַמע? — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט.

— האַ?... טרויעריק?...

זי האָט זיך שיער נישט צעוויינט.

— טראַכסט איבער פון מיר, מאַמע, איאָ?

— וואָס־זשע, קינד, ס'איז נישטאָ וואָס איבערצוטראַכטן?

— האָסט מורא כ'זאָל דיך נישט פאַרלאָזן? יועסט נאָך האָבן נחת פון מיר, מאַמע, וועסט זען...

— הלוואי, רבונו־של־עולם...

און די מוטער האָט געקראָגן מוט:

— ווייסט דאָך, מיין זון: וויפל דו ביסט ביים טאַטן און דו קומסט זיך נאָר אַמאָל צונויף מיט די גויִים, איז נאָך צו דערליידן. אָבער אַזוי... ביסט דאָך פאָרט אַ יונג קינד. און דאָ זענען זיי אַ סך, און דו — איינער. מען שמייכלט צו דיר, מ'איז מיט דיר גאַנצע שמעלקעס, מ'עסט פון איין שיסל, מ'טרינקט אינאיינעם און מ'לעבט אינאיינעם, און מען ציט דיך ביסלעכ־וויז אַריין. נאָך דעם זאָגט מען דיר: „ווייסיך, דאַרפסט זיי בויטיק האָבן, די זשידאָנעס? וועסט ביי אונדז לעבן בעסער!" אַמאָל, מיין קינד, קען מען שוין נישט אַרויסקריכן, די שעה זאָל נישט זיין...

— הערסט, מאַמע, נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, — האָט דער זון גע־פרוווט די מוטער צו צעשטרייען.

— לאַכן? מיינסט וויינען...

די לעצטע ווערטער זענען אַרויס מיט אַזאַ פיינלעכער ערנסטקייט, אַז דער יונג האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן פונעם מענקל. ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט איבער איר, געגלעט איר קאָפּ מיט רירנדיקער געטריישאַפט און זיין גראָבע שטימע האָט געציטערט:

— וואָס איז מיט דיר, מאַמע? וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? דו ווייסט דאָך וואָס מיך ציט אַזוי צו די גויִים. כ'האָב ליב די ערד־אַרבעט, און ביים טייך בין איך איינזאַם. אָבער דאַרפסט נישט זאָרגן, מאַמע, זע ווי דו קוקסט אויס!...

די מוטער האָט אים אָנגעקוקט. חיים־בער האָט מער נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. האָט ער שטייענדיק איבער איר אַרומגענומען איר קאָפּ מיט וויי און מיטלייד, זי געגלעט, געקושט און געטרייסט אָן ווערטער, ביז ער האָט אָנגעשפאַרט זיין קאָפּ אויף איר קאָפּ און פּלוצים שטילערהייט זיך צע־כליפּעט...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געעפנט די טיר און איז אַרויס.

קאַפּיטל 10

חיים־בער איז פאַרליבט

אָוונט.

דאָס רוישיקע, אַרבעטסזאַמע דאָרף האָט זיך איינגעשטילט. העט־אַרום אין דער לופטן, אויף אַלע וועגן און אין יעדן טונקעלן ווינקל, האָט זיך אַ טיפע רו צעלייגט. אַלץ האָט זיך נייגעריק און פאַרגאַפט איינגעהערט אין דער סודותפולער נאַכט.

אין די פויערישע כאַלופּעס איז שוין געוועזן נאָך וועטשערע. די באַלעבאָסטעס האָבן איצט ברייט די ווייסע, ציכטיקע פאַרהענגלעך איבער די קליינע פענצטער פאַרצויגן, שטיל צוגעמאַכט די טיר און מיטן שפּינדל אין די הענט זיך אַוועקגעזעצט ביים אויוון אויפן דיוואַניקל. אין די טונקעלע הויפן זענען די ביימער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, וועלנדיק ווי נישט צעשטערן די אָוונט־רו. עס איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. די נאַכט האָט אַלץ דורכגענומען און באַהערשט, ווי מיט כישוף. פרידן פאַר אַלע ברואים אויף דער ערד, געבענטשטע רו. איצט האָט יעדע לעבעדיק באַשעפעניש מיט איינגעהאַלטענע טריט צוריקגעשפּאַנט צו זיין היים, זיין נאָרע און זיין באַהעלטעניש, אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און באַלד איינגעשוויגן אויף זיין געלעגער. אַז ערגעץ אויף אַ בוים האָט דער שפּאַרבער אַרויסגעקוקט פון זיין נעסט און פּלוצים אַ קוויטש געטאָן; צי אַ בלאַט האָט זיך אָפּגעריסן און דורכגעפלויגן די לופט מיט אַ שאַרפן שאָרך — איז די פאַרשוויגנקייט נאָך טיפער געוואָרן און ס׳האָט זיך דערפילט אין דער לופטן ווי עפּעס אַ פאַרוואורף: איצט־אָ?...

אַלץ האָט זיך איינגעהערט אין דער אָוונט־שטילקייט, ווי אין אַ וווּנדערלעכער מיסטעריע. אַ הינדל האָט ערגעץ אָפּירגעגראָבן אַ קערנדל, און איז געבליבן שטיין מיט אַ לאַנג־פאַרריסן העלדזל מיטן קערנדל אין מויל, און מיט תמעוואַטע אייגעלעך זיך איינגעהערט אין דער איינגעשטילטקייט;

אַ קעלבל איז פריִער אַרומגעשפרונגען אין שטאַל ווילד און נאַריש, האָט עס איצט צוגעשפּאַנט צו דער אייזן־פרענטע ביי דער אָפענער טיר, געבליבן שטיין ווי פאַרחידושט און צוריקגעהאַלטן דעם פאַרבענקטן „מע״, וואָס האָט זיך געריסן פונעם האַלדז; און אין שפּייכלער, אויף אַ קופּע זאַנגען, האָט אַ גרויסער, ווייסער שטשור זיך אַ הייב געטאָן אויף צוויי הינטערשטע פיסלעך, אויפגעפינקלט מיט די קיילעכדיקע, אומרויִקע אייגעלעך, און די אויפגעשפּיצטע אויערלעך האָבן זיך נייגעריק איינגעהערט אין געהיימניספולן חושך:

— צ־צ... װוּנדער!...

חיים־בער האָט געשפּאַנט איבערן טונקעלן דאָרפס־וועג. זיין פעסטער טראָט איז איצט געווען איינגעהאַלטן. ער האָט צוגעשפּאַנט צו אַ פּלויט אַרום אַ קליין שטיבל. דאָ האָט ער זיך אַריבערגעבויגן איבער די געפלאָכטענע ריטלעך און שושקענדיק גערופן:

— קאַטערי־נאַ!... קאַ־טערי־נאַ!...

ס׳האָט זיך געעפנט אַ פענצטערל:

— שש... איין מינוט, הײַם־ביר...

ער האָט אַ ווײלע געוואַרט. פון שטיבל האָט זיך אַרויסגעגנבעט אַ מיידל. זי איז געלאָפן איבער די גראָזן אויף די שפּיצן פינגער, איז צו צום בחור און האָט גענומען שעפּטשען אין דער פינצטער אַריין:

— איין מינוטקעלע, הײַם־ביר, מיין מאַמע שלאָפט נאָך נישט... כ׳איר זאָגן, אַז איך גיי צו אַ חברטע... וווהין זאָל איך קומען?...

— ווילסט הינטערן קלויסטער, קאַטערינאַ?

— ווו דו ווילסט.

— נו, גוט, ביים קלויסטער...

אַז קאַטערינאַ האָט הינטערן דאָרף אַ רוף געטאָן „הײַם־ביר!״, איז דער בחור איר באַלד אַנטקעגנגעלאָפן. זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט מיט גדולה ביי די הענט, ווי גליקלעך־איבעראַשטע קינדער. דאָס מיידל האָט זיך אַרומגעקוקט: קיינער זעט נישט?... שוין געווען שפּעטלעך. ווו ערגעץ אַ ווינקל, איז דאָס געווען אָנגעפילט מיט חושך, און די פוסטקייט האָט געשראָקן, ווי אַ וויסט אָרט. האָט דאָ געשפּאַנט אויף די ליידיקע וועגן אַן איינ־

זאַמער מענטש, איז זיין גאַנג געוואָרן ציטערדיק־איינגעהאַלטן, ווי אַט שפּאַנט ער אַריין אין אַ גרוב. דאָס פעלד איז שוין געלעגן שטיל און אויס־געליידיקט. פּלוצים, ערגעץ ווייט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונג קול פון אַ שייגעץ, וואָס האָט זיך עזות־פריי צעזונגען.

חיים־בער און קאַטערינאַ האָבן זיך פאַרוווּנדערט:

— איצט־אָ?...

דאָס קול איז געקומען נענטער. דער שייגעץ איז, זעט אויס, אַריין אין התלהבות. ווייל אַט האָט ער געזונגען עפּעס אַ דאָרפס־ליד מיט הויכע, ברומענדיקע קולות און אַלע מאָל פאַרענדיקט מיט אַ פריילעכן קוויטש; אַט האָט ער גענומען אויספייפן אַלערליי פעלד־ניגונים און מאָלדאַווישע „שטיקלעך" און זיך אַלע מאָל צעלאַכט; און דאָ פּלוצים האָט ער זיך שוין גאָר צעהוליעט: האָט זיך אָנגעהויבן משוגע מאַכן, נאָכגעקרימט ווי ס'קרייען די הענער, ווי ס'מוקען די קי און ווי ס'מעקען די לעמער, און נאָך דעם גענומען זינגען און שפּרינגען, טאַנצן און טופּען מיט די פיס, ווי אַ פאַר־שיכורטער הפקר־יונג.

— ש־ש, דאַכט זיך, ער קומט אַהער...

— וואָס־זשע האָסטו מורא, קינד?...

— ווער זאָל דאָס זיין, חיים־ביר?...

— ווייסיך, ער'ט באַלד אַריבערגיין...

דאָס פּאָרל איז געוואָרן אומרויק. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז די צע־ווילדעוועטע קולות אין דער טיפער נאַכט וועלן באַלד אַ שטיק דאַרף אויפ־הייבן. וואָס וואָלטן זיי געטאָן ווען די דאָרפס־לייט פּאַקן זיי דאָ?...

דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן צום קלויסטער:

— הייליקער יעזוס.

דאָס קול האָט זיך איינגעשטילט, פאַרבייגעגאַנגען. אין די יונגע גופים האָט ווידער אויפגעקוועלט די פרייד:

— מ'איז גליקלעך!

מ'האָט זיך אַרומגענומעןביידי טאַליעס און געשפּאַנט אין די טיפע גראָזן.

— האָסט נאָך מורא, קאַטערינאַ?

— ניין, הײם־ביר.
— ס׳האָט דיך קיינער נישט געזען אַוועקגיין?
— ניין, טייערער.
— דער טאַטע און די ברידער שלאָפן שוין?
— יאָ... און דער „מאַמוצען" האָב איך געזאָגט, אַז כ׳גיי־צו נישט וויט צו אַ חברטע.
— זי קען דאָך דיר קומען רופן!
— נאַרעלע, כ׳האָב איר דען געזאָגט צו וועלכער חברטע...

די טריט זענען געוואָרן זיכערערע. דאָס דאָרף שלאָפט. די געדיכטע פינצטערניש, האָט ווי אַ דיקער פאָרהאַנג זיי אַרומגענומען און אויסבאַהאַלטן פון בייזע בליקן. איצט זענען זיי פריי. האָט מען שפּאַנענדיק זיך געטוליעט איינער צום צווייטן. אין די יונגע גופים איז וואַרעמער געוואָרן. עס האָט אויפגעקאָכט די פאַרשטיקטע ליידנשאַפט. אַ באַרוישנדיקע פרייד האָט אַרומגענומען און ס׳האָט זיך געגלוסט וואָס מער הנאה צו האָבן.

— פילסט זיך גוט, הײם־ביר?
— יאָ, טייערע.
— איאָ, ס׳איז אַ גוט אָרט פאַר אונדז?
— זייער אַ גוט... פעלד און הימל...
— און דאָס דאָרף שלאָפט.

ער האָט זי געקושט.

מ׳האָט געשפּאַנט ווייטער אָן לשון. גאָט, וויפל נחת ס׳איז אויף דער וועלט פאַראַן!

— קאַטערינאַ!
— אָ, הײם־ביר!

דאָס מיידל האָט זיך געכאַפּט:

— זע־נאַר, שוין דער קלויסטער...

און זי האָט זיך עפּעס ווי צעטומלט:

— הײם־ביר, ווייסט וואָס איך טראַכט איבער?
— טראַכסט איבער?...
— יאָ... מיר פאַרברענגען אַרום קלויסטער...

— ס׳זעט דען עמיצער?

— ניין... כ׳מיין, ס׳איז אַ זינד...

דער יונג האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. נעבנטער צום דאָרף איז אויך נישט גוט, און דאָ האָט זי מורא... וואָס טוט מען?

— הער, קאַטערינאַ, — האָט ער זי געוואָלט צעשטרייען, באַרויקן, — ווילסט זיך פֿאַרוועטן לויפֿן אין דער פֿינצטער?

די שיקסע האָט אויפֿגעלעבט:

— לויפֿן? פֿאַרוואָס נישט? אָבער אַז דו זאָלסט מיר נאָכלויפֿן.

און זי האָט זיך באַלד אַוועקגעשטעלט:

— נו, זיי גרייט, חיים־ביר!

— מיינסט טאָקע, כ׳וועל דיך נישט כאַפּן? — האָט דער יונג אָנגעקוואָלן פֿון איר ״אַזוּוּקייט.

— אַוודאי וועסטו כאַפּן... דעם ווינט!

— מיר׳ן זען. גרייט? איינס, צוויי, דריי!

ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפֿן מיט אַ פֿריילעכן געלעכטער. פֿרייע, זאָרגלאָזע קינדער. זיי האָבן אויף דער מינוט פֿאַרגעסן אַז ס׳איז איצט נאַכט, אַז דאָס דאָרף שלאָפֿט, אַז אין דער היים וואַרט מען. דאָס שטילע פֿעלד האָט פֿון זייערע הויכע געלעכטערס אויפֿגעציטערט, ווי אויפֿגעריסן פֿון חלום, און זיך צעהילכט מיט ווידער־קולות.

דאָס רוישיקע פֿאָרל האָט איצט נאַרנישט געזען און געהערט אַרום זיך. זיי זענען רוישיק געלאָפֿן צווישן די ביימער, גראָזן, תבואה־וואָרצלען און געשפּרונגען מיט אַלע כוחות ווייטער. דאָס מיידל איז געלאָפֿן פֿאָרויס מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ, ווי אַ ווילד־צעפֿלאָשעט פֿערד, מיטן קאָפּ האָר צעפּאַטלט און מיט שפּרינגענדיקע צעפּ אויף די פּלייצעס; געוואָרפֿן די הענט און זיך געריסן אין די ווייטן, לאַכנדיק און קוויטשענדיק מיט באַנומענע קולות; און ער, דער תמימותדיקער, הויכער, אייזן־פֿעסטער בחור, מיט די ברייטע, גבורהדיקע פּלייצעס, איז איר נאָכגעלאָפֿן — אָט פּאַקט ער זי און די וועלט איז זיינע.

חיים־בער איז געלאָפֿן און האָט אָנגעקוואָלן פֿונעם נאַיוון מיידל: אַ מלאכה זי צו כאַפּן... איין גוטער שפּרונג, און זי איז ביי אים אין די הענט.

ח. באַרקאַן

האָט ער איר נאָכגעיאָגט און האָט הנאה געהאַט פון איר איינגערעדטער העלדישקייט. נישקשה, ער וועט זי כאַפּן. קאַטערינאַ אָבער האָט זיך גע־ריסן פאָרויס אַזוי עקשנותדיק און האַסטיק, אַז ווען חיים־בער האָט זי איינ־מאָל אָנגעכאַפּט, האָט זי זיך קונציק אַרויסגעליטשט, ווי אַ בריהש פייגעלע פון נעץ. דער יונג האָט זיך אַזש פאַרשעמט. ער האָט זיך אימפּעטדיק אַ לאָז געטאָן, ווי אַ ווינט, אָבער — אַך, דאָס צעקאָכטע בלוט פון דער שיקסע! זוי פון אַ טייוולשער מאַכט איז זי איצט געטראָגן געוואָרן. זי האָט זיך גע־יאָגט פאָרויס מיט אַזאַ קראַפט און פלינקייט, ווי זי וואָלט פאַרמאָגט ריזיקע כוחות און די ערד וואָלט איצט געווען העט־אַרום מיט זון באַגאָסן.

— העי, וועסט פאַלן, קאַטערינאַ! — האָט ער איר נאָכגעשריגן, — וועסט זיך פאַרטשעפּען, וועסט דערהרגעט ווערן!...

קאַטערינאַ איז אַ דיקלעכע, מיט אַן אָנגעבלאָזן פּנים, געזונטע, רויטע באַקן, און מיט אַ האַרטן, פול־אָנגעלייגטן בוזעם. אַז זי שפּאַנט מיט איר מי־טעלער, פעטער וווקס, גייט זי איינגעהאַלטן, ווי אַ באַיאַרגטער מענטש, און זי קלאַפּט אָפּ יעדן טראַט. און אַזוי ווי זי איז אַ שווערע און פאַמעלעכדי־קע, אַזוי איז זי פול מיט לעבן און באַוועגונג. אין די פאַרנאַכטן שטייט זי אַ קוים־איינגעצוימטע ביים טויער פון איר הויף און אַז ס׳גייט פאַרביי אַ שיינער בחור, גיבן אירע גרויע, גלאַנציקע אויגן אונטערן שוואַרצן קאָפּ האָר אַ פינקל־אויף מיט תאווה־לוסט. זי וואַרפט דעם בחור צו אַ קיצלדיק וואָרט און זי שמייכלט אונטערטעניק־ליב... אין דער געזעלשאַפט פון יוגנט, אַז אַ שייגעץ טוט זי אַ פּאַק, נעמט זי אַרום און דרייט זי אַ פּאָר מאָל דורך, איז זי שוין אָנגעצונדן. זי נעמט דעמאָלט הוליען שטונדן־לאַנג, און ווערט גאָרנישט מיד. ווייסט מען שוין אין דאָרף: אַז קאַטערינאַ צעהוליעט זיך, אַרבעטן אין איר רוחות...

איצט, אַנטלויפנדיק פון חיים־בערן אין פעלד, האָט זי טאַקע אויסגע־קוקט, ווי שדים וואָלטן זי געטאַסקעט.

— אַ!...

קאַטערינאַ איז געפאַלן.

— אָ, גאָט, אַ צוויג אין מיטן פעלד... פאַרשאָלטענע!...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. די רעכטע קני איז געווען צעקלאַפּט, צע־

רוטשעט. זי האָט אַביסל פאַרהויבן דאָס קליידל און אַנגעטאַפּט אויף דער קני וואַרעם בלוט. „אָ, יעזוס, בלוט!"...

חיים־בער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אַ פאַרשולדיקטער:

— ס'טוט ווי, טייערע?

— אָ, ס'שניידט אַזוי.

— פאַרבינדן, איאָ?

ער האָט אויסגעטאָן דעם זשילעט און געבליבן זיצן ביי אירע פיס. צאַרט און באַזאָרגט, זי איינשטילנדיק, האָט ער מיטן זשילעט אַרומגענו־מען אירע קני. ער האָט געפילט דעם מיידלס פלייש אונטער דער קני און זיך געפרייט. באַלד אָבער האָט ער פאַרענדיקט דאָס פאַרבינדן און אַראָפּ־געשאַרט דאָס קליידל.

— פילסט זיך שוין בעסער?

— אַביסל.

— האָסט זיך איבערגעשראָקן, איאָ?

— דאָס האַרץ איז מיר שיר אַרויס.

— ביסט אַזאַ גוטער.

זיי זענען געזעסן אויפן גראָז. זי האָט אים געקושט די הענט און אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע פיס. ער האָט אָן ווערטער געגלעט אירע באַקן, איר וויכן, רייצנדיקן האַלדז, זיך אַרומגעשפּילט מיט איר געדיכטן, שוואַרצן קאָפּ האָר — און פּלוצים האָט ער אַ הייב געטאָן איר פּנים צו זיינעם און איז מיט ווילדער תאווה צוגעפאַלן צו איר מויל:

— אָ, קאַטערינאַ!...

שטיל. די ערד איז געלעגן פאַרשוויגן און געחלומט פון די העלע טעג, וואָס די גוטע זון שענקט איר. זי איז געלעגן איצט, די ערד, פון אויבן אָפּגערייניקט, פּוסט און אָרעם, און אינעווייניק פול אָנגעלאָדן מיט איר גבורה און מיט איר אייביקער רויער פעטקייט און לעבנס־זאַפט. די ליבע מאַמע־ערד! אַלע מאָל גאַרט זי מיט אַזוי פיל צניעותדיקער בענקשאַפט נאָך זריעה, אַז זי זעטיקט זיך גאָרנישט. אויך איצט ליגט זי און וואַרט, אַז אירע קינדער זאָלן זי אין גיכן מיט האַרבסט־קערנער באַפרוכפּערן, ווען זי נאָך דעם אַ צופרידענע מיט שפּעטע פרוכט זיי באַלוינען.

נאַכט־שטילקייט. אַלץ איז געווען איינגעשלאָפן. די זיסקייט פון רו, האָט זיך געגאָסן אין יעדן ווינקל, אין די מענטשן, אין די פלאַנצן און אין דיביינער פון אַלע לעבעדיקע ברואים. האָט זיך ערגעץ אין דאָרף צייטנ־ווייז אויפגעהויבן אַ קלאַנג, האָט עס שוין קיינעם נישט געשטערט. אַ הונט האָט אין זיין בודקע אַ הייזעריקן ביל געטאָן, אויפוואַכנדיק פון אַ צעדרייטן חלום, און באַלד זיך צוריקגעוואָרפן אויף זיין שטרויענעם געלעגער אַן אויפגערעגטער פון זיין צעשטערטן פרידן; זשוקעס און פעלד־פליגעלעך האָבן שטיל אַרומגעזשומעט; ס׳האָט זיך אַן אויפהער געהערט אַ סודותדיק גרילצעריי פון גרילן; אַ פלאַך, קוואַלנדיק וואַסערל איז פון אַ בערגל אַראָפּ־געפאַלן, געלאַסן געפּליושקעט זיך און געמורמלט; פון טייך איז אויפגעגאַנ־גען דאָס קראַקען פון די זשאַבעס ביי די ברעגן. און פון די אַלע קלאַנגען איז די טיפקייט פון דער נאַכט טיפער און סודותדיקער געוואָרן.

און דאָ האָט די נאַכט זיך גענומען אויספּוצן:

דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. ס׳האָט זיך באַוויזן די לבנה. די דיקע שוואַרצקייט אין דער לופטן איז געוואָרן דינער, דורכזיכטיקער, און אַן אַנגענעמע לבנה־שיין האָט זיך צעשפּרייט איבער דער ערד. שטערן האָבן אויפגעשיינט איינס נאָכן אַנדערן, געבליבן הענגען אָנגעצונדענע, ווי פּרעכטיקע לעמפּלעך אין אַ גרויסן, הערלעכן יום־טוב, און אַלע מאָל האָט ערגעץ אַ ניי לעמפּל אויפגעלויכטן. אויף אַ פּאָר ערטער זענען נאָך אַרומ־געשווומען קליינע, גרויע בערגלעך, האָבן זיי זיך גענומען רייסן און צע־רינען.

חיים־בער און קאַטערינאַ האָבן אַרומגעשפּאַצירט. ער האָט זי גע־האַלטן מיט איין האַנט אַרום דער טאַליע, מיט דער צווייטער געגלעט אירע האָר, די באַקן און זי לייידנשאַפטלעך געקושט. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און איז געווען שטאַרק אויפגעלייגט; זי האָט זיך געחנדלט פּאַר אים מיט אירע תאוודיקע, פּוכקע באַקן מיט חן־גריבעלעך, מיט די גלאַנציקע, גרויע אויגן, געשמייכלט און ווילעווייז זיך ווילד צעלאַכט מיט אַן אויסער־געוויינטלעכער גדולה — און די צעקלאַפּטע קני האָט זיך, הפנים, שוין פאַרהיילט...

דאָס מיידל האָט אַרויפגערוקט חיים־בערס האַנט אַרום איר טאַליע אַביסל העכער.

— פילסט זיך גוט, חיים־ביר?

— כ'ווייס דיר נישט וואָס צו זאָגן, קאַטערינאַ...

זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין פּנים און אים געקושט צום ערשטן מאָל.

דער בחור האָט זיך צעטומלט. שטיל. זיי האָבן געשפּאַנט שווייגנדיק און איבערראַשט. די פרייד פון דערנענטערונג האָט זיך זיס געגאָסן אין די לייבער.

— האָסט מיך ליב, קאַטערינאַ?

— ווי מיין לעבן.

— און דו מיך?

— אויך, קאַטערינאַ.

האָט זי אים אויך אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און אויפגעהויבן די שמייכלענדיקע אויגן פון אַ זייט:

— ס'איז דיר אָנגענעם, חיים־ביר?

זי האָט געוווּסט ווי מיט אים זיך צו באַנעמען, קאַטערינאַ; זי האָט אים גוט געקענט. זי האָט אים נישט איין מאָל פריִער באַגעגנט אין דער יוגנט־געזעלשאַפט פון דאָרף. זי האָט שוין געוווּסט: חיים־בער איז ווייך, ווי אַ לעמעלע, און שעמעוודיק, ווי אַ תמימותדיק קינד. מיט יעדן איינעם איז ער אַ „גוטער ברודער". אַמאָל, אין אַ קריג צווישן שקצים און שיק־שעס, איז ער דער שלום־מאַכער. איז שטיל, געלאַסן און פול מיט געבענטש־טער אינערלעכער רו... אָבער זאָל עמיצער אים ווייטאָן, אויפרייצן, האָט ער באַלד פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ער הייבט זיך אָן טומלען, כעסן און די גבורה זיינע טוט זיך אַ צעשויבער מיט שטורעמדיקן בונט. אַ טבע: אָדער ער איז גאָר גוט, זיס ווי צוקער, אָדער — צעבונטעוועט, ווי אַ נישט־גור־טער. און אַזוי איז ער אויך מיט זיין ליידנשאַפט. אַט זיצט ער צווישן שק־צים און שיקסעס שטיל, שעמעוודיק, ווי אַ נישט־דערוואַקסן יינגל; און אַט האָט אים אַ מיידל עטוואָס פאַרטשעפּעט, און ער ווערט פאַרשייט; ער טשעפּעט זיך שוין צו אַנדערע מיידלעך, און זיי לויפן אַרום מיט קוויטשערייען און געלעכטערס און קענען זיך נישט אָפּטשעפּען פון אים.

וואָס־זשע איז ער איצט אַזוי איינגעהאַלטן, חיים־בער?

זי האָט מיט אַמאָל זיך פלינק אַ דריי געטאָן, אַנגעכאַפּט פון פאָרנט זיין האַלדז און אים אָנגעבויגן און געקושט.

— ביסט מיין בעסטער פריינד, הײַם־ביר, איאָ, טייערער? — האָט זי אין אים אַריינגערעדט.

ער האָט זיך אַזש צעמישט פון גליק. ס׳האָט אין אים אַ שפּאַר געטאָן אַ היץ, אַז ס׳האָט אים דאָס גאַנצע לייב פאַרגאָסן.

— אָ, דו מוידן! — האָט ער אויפגעפלאַמט. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, זי אויפגעהויבן אין דער לופטן און זי געהאַלטן שטייף אין זיינע געזונטע אָרעמס מיט אַזאַ גבורה, אַז זי האָט זיך אַזש געגומען וואַרפן מיט די פיס. און דאָ האָט דער צעקאָכטער יונג זי גענומען טאַסקען מיט אַזאַ שמחה, ווי טראַגנדיק אַן אוצר.

ער האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן גראָז.

— הו — — —!...

ער איז געשטאַנען איבער איר אויף די קני און זי דאָרשטיק געקושט:

— אָ, קאַטערינאַ!...

ער האָט מיטן דאָרשטיקן מויל געזוכט איר גלאַטן, רייצנדיקן האַלדז, אירע בליענדיקע באַקן, אירע רויטע, זאַפטיקע ליפּן, און זיך גאָרנישט גע־ווּוסט ווי צו שטילן.

דאָס מיידל איז געלעגן אַ מידע, מיט די האָר ווילד־צעשויבערט, דער דיקער, צעפּאַטלטער שוואַרצער צאָפּ הויך פאַרוואָרפן אויפן גראָז און די הענט צעשפּרייט, ווי אין חלשות. זי איז געלעגן מיט אַ טיפן פאַרגעניגן אין זיך, שנעל און הייס געאָטעמט און זיך איבערגעגעבן אין בחורס הענט.

ער האָט אָפּגעלאָזט איר פּנים. זיי זענען אַ ווײַלע געבליבן זיצן שטיל. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס מיידל האָט פאַרריכט אירע האָר און אויס־געריסן אַ גרעזל.

— ביסט צו ווילד, הײַם־ביר.

— וואָס־זשע, כ׳האָב דיר עפּעס שלעכטס געטאָן, קאַטערינאַ?

— ערשט דאָס פערטע מאָל אַז מיר גייען אַליין אַרויס...

זי האָט געריסן די גרעזלעך:

— אַך, ווען מיינע עלטערן ווייסן...

ער האָט זיך צעמישט:

— דיינע עלטערן?... ווילסט אפשר גיין אַהיים, קאַטערינאַ?

— יאָ, הײם־ביר...

קאַפּיטל 11

אַ פינצטערע בשורה

פאַר מיטאָג.

דער הונט לייבוש, אַ הויכער, אַ פעטער, מיט אַ געקרייזלטן, געדיכטן שוואַרץ־פאַרוואַקסענעם רוקן און לאַנגן עק, איז אַרויס פון זיין הילצערנער בודקע און זיך צעבילט. ער איז אַראָפּגעלאָפן דאָס בערגל, ווו עס שטייט דאָס פישער־שטיבל און זיך אַוועקגעלאָזט גלייך מיטן שליאַך ביים ברעג.

פון שטוב איז אַרויסגעקומען לאַה, די באַלעבאָסטע, און מיט נייגעריקע בליקן נאָכגעקוקט דעם הונט. זי האָט געשפּאַנט מיט פעסטע טריט. אַזוי־אַ איז זי מיט איר שיינער, גלייכער וווּקס, אַ שלאַנקע און אַביסל דיקלעך, אַראָפּ פונעם משופּעדיקן בערגל, דערקענט ווער ס׳קומט און וואַרענענדיק צוריקגערופן דעם הונט. לייבוש איז צוריקגעלאָפן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַן אונטערטעניקער צו לאהס פיס, זיך דורכגעוואַלגערט אויף דער ערד, אַרויפקוקנדיק מיט חניפה צו דער באַלעבאָסטע, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס, זיך אַ דראַפּע געטאָן אויף איר און איז אַוועק צוריק צו זיין נאָרע.

— אַ גוטער טאָג, באַלעבאָסטע!

— אַ גוטער טאָג, אַנדריי!

ס׳איז געווען דעם גלחס משרת פון דאָרף, אַן אַלטער גוי.

— ווי גייט דיר עפּעס, אַנדריי? און וואָס הערט זיך נייעס אין דאָרף?

אַנדריי האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן דאָרף זייער ערנסט, ווי זיין הויכער באַלעבאָס, דער גלח, ווען יענער רעדט צום פאָלק. איז ער געבליבן שטיין מיט תמעוואַטע־אַנגעשטעלטע אויגן, ווי פאַר אַ טיפער, ערנסטער פראַגע, און אַזש אָנגעבלאָזן דאָס ווייס־ באַוואַקסענע פנים מיטן קורצן, באַצופּטן, ווייס־גרויען בערדל.

— האָ? נייעס? וואָס פאַר אַ נייעס קען איך דיר דערציילן, דראַגו*
לעיאָ? אָט, אַ שטייגער, ווייל דאָס פאָלק נישט גיין אין קלויסטער. איז דאָס
אַ נייעס? זיי שיכורן בעסער ביים ייִדן אין שענק, פאַרשאָלטענע... וואַלגערן
זיך דורך די נעכט הינטער די פּלויטן, ווי די קרעציקע הינט, און הולטאַ־
יעווען, די פאַרשיווע...

לאה איז דערווייל צוריקגעגאַנגען צום שטיבל און דער אַלטער האָט
איר נאָכגעשפּאַנט פון הינטן און געבאַלאַקעט.

— האָסט עפּעס געוואָלט? — האָט די פישערקע געפרעגט לעבן הייזל.

— דער האָספּאָדאַר מאָטליע איז נישטאָ אין שטוב?

— ער איז אַוועק אין שטאָט.

דער אַלטער איז אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט.

— וואָס־זשע טוט מען? דאָס „פּאָטערל" האָט מיך געשיקט — — —

— כ׳פאַרשטיי, אַנדריי.

לאה האָט דעם אַלטן משרת שוין גוט געקענט. ער איז דאָ געווען אַן
אָפטער גאַסט. דער גלח האָט זייער ליב פיש. איז נישטאָ די וואָך וואָס ער
זאָל אַנדרייען נישט אַראָפּשיקן כאָטש צוויי־דריי מאָל נאָך אַ „פּאָר קאַרפּע־
לעך". ער האָלט, דער גייסטלעכער, אַז דערפאַר וואָס די פויערים פון זיין
דאָרף אויף יענער זייט טייך באַגנבענען נישט מאָטלען די פיש און מאַכן
אים נישט אַ תל פון זיין טייך־באַלעבאַטישקייט, קומט אים אַ דאַנק. אַז
ס׳קומט ערב חגא, פוילט ער זיך נישט און לאָזט זיך אַליין אַראָפּ צום טייך.
ער שלעפּט זיך גדלותדיק־אָנגעבלאָזן מיט זיין פאַמעלעכדיקן און בכבודיקן
גאַנג, שפּאַנט איבערן וועג מיט זיין הויכער און ברייטער פיגור, אַן אָנגע־
כּעלצטער אין דריי קאַפּטנס; מיט דער אייבערשטער, לאַנגער, שוואַרצער
מאָגע אויפגעשפּיליעט און מיטן גרויסן זילבערנעם צלם, וואָס הענגט אויף
אַ קייט אויף דער ברוסט; ביידע הענט פאַרלייגט פון הינטן, דעם קאָפּ שטאָלץ
פאַרריסן אין דער הייך און די גרויסע, ערנסטע אויגן קוקן שאַרף פאָרויס:

— דרך־ארץ, מענטשן, דער „הייליקער" גייט!

* פריינד.

צוקומענדיק צום פישער, ציט ער צו אים פּאַמעלעך אויס די בכבו־דיקע האַנט:

— גאָט העלף דיר, מאַטליע, וואָס טוט עפּעס אַ ייִד?

—אַ דאַנק, פּאַטערל, וואָס זאָל מען טאָן? מ׳האָרעוועט.

— איי־איי־איי, מ׳האָרעוועט נעבעך, — טוט זיך דער „הייליקער" שפּאָטיש אַ קרים, — ער אַרבעט נעבעך אומזיסט, מאַטליע.

ווערט שוין דער פישער אָנגעדראָלעט

— זאָלסט דיר אין די אויגן, טאַטעלע, — טוט ער אַ כאַפּ־אָפּ אין זיין אייגענעם לשון. ער טוט זיך אומשולדיק אַ דריי־אויס מיטן רוקן צום „טאַ־טעלע" און נעמט זיך צו זיין אַרבעט.

דער גלח פּאָלט אַביסל אַראָפּ ביי זיך. ער שטייט און וואַרט, ביז ער פאַרלירט דאָס געדולד.

— העי, מאַטליע, — טוט ער אַ רוף בייזלעך, — גיסט יאָ, גיסט נישט? האָסט פאַרגעסן, אַז דאָס „פּאַטערל" שטייט און וואַרט?

— אָ, זע נאָר, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, — טוט זיך דער פישער אַ כאַפּ, — איר וואַרט נאָך דאָ פון דעמאָלט אָן? הער נאָר הער... עפּעס אַ שיין קאַרפּעלע, איאָ, פּאַטערל?...

— נו, אַוודאי! — ברומט שוין דער גלח אַ צעקאָכטער.

דער פישער געפינט אַ שיינעם קאַרפּ און לייגט אים אַריין אין קיישל צו אַנדרייען, וואָס גייט די גאַנצע צייט נאָך דעם „פּאַטערל" און שווייגט ווי אַ פיש.

איצט איז דער אַלטער משרת געקומען אַליין.

ער איז נאָכגעגאַנגען לאהן אין פּאָדער־קעמערל פון שטיבל, ווו דער פישער האַלט זיינע טייך־מכשירים. אין אַ קויש, אָנגעשפּאַרט אָן דער ברע־טערנער וואַנט, האָבן זיך אַרומגעוואָרפן אַ דרייסיק פונט פיש פון אַלערליי מינים. לאה האָט זיך דאָרט גענומען גריבלען. דערווייל האָט דער אַלטיטש־קער אָוועקגעשטעלט זיין קיישל אויף דער ערד, אָנגעשאָטן די לאַנגע ליול־קע, אָנגעצונדן און געשמאַק פאַרצויגן. אַז די פישערין האָט אין קיישל אַריינגעוואָרפן אַ היפּשן קאַרפּ און אַביסל „קליינוואַרג" און אויסגעגלייכט איר הויכע וווקס, האָט אַנדריי געלאָסן אַ פּיפּקע געטאָן די ליולקע און זי

באַטראַכט מיט זיינע שמאָלע, גרויע אייגעלעך. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם רויך איבער די געדיכטע, פאַרגעלטע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס און ווייס־פאַרהאַריקטן פּנים און — געלאַסן:

— איז וואָס־זשע זאָגסטו, דראַגו לעיאַ? ווערן מיר, הייסט עס, אין גיכן מחותנים?

די פרוי האָט אויפגעפּראַלט קעגן אים אַ פּאָר ווילדע אויגן און ס'האָט זי אַזש אַ טרייסל געטאָן פון שרעק.

— וואָס זאָגסטו, אַנדריי? וואָס באַלאַקעסטו גלאַט אין דער וועלט — מחותנים?...

אַנדריי האָט אָבער ווייטער פויל געפּיפּקעט די ליולקע און פאַרגע־זעצט מיט דער זעלבער צעקראַכנקייט:

— גלאַט אין דער וועלט אַריין, זאָגסטו? וואָס־זשע, דו מאַכט זיך נישט וויסנדיק, באַלעבאָסטע — צי דו ווייסט טאָקע נישט? דיין זיגדעלע הײַם־ביר שלעפּט זוך דאָך אַרום מיט קאַטערינאַן, ניקולאַי רובאַקס טעכטערל. ווייסט גאָר נישט? כי־כי... דו קענסט אים דאָך, ניקולאַיען! אַ פיינער גוי, אַ, זייער אַ פיינער. און זיי האָבן זיך, נעבעך, ליב, די אָרעמע נשמהלעך... צוגעוואַקסן, די טייבעלעך, איינס צום צווייטן, ווי די ביינדעלעך אין איין לייב... נו, וואָס איז דען די עוולה, וואָס? אַ רחמנות זיי צו צערייסן און אַ זינד, כ'לעבן אַ זינד. פוּף... אָט, אַ שטייגער, קומען זיי אין אָוונט אַרויס אויפן פעלד הינטערן קלויסטער — איז דאָך פּשוט אַ פאַרגעניגן צו הערן ווי זיי קושן זיך אין דער פינצטער אַזוי געשמאַק אין די פּיסקעלעך, די פרומע טייבעלעך. אַ זינד זיי צו שטערן, כ'לעבן... פוּף... ווייסטו טאָקע פון גאָרנישט, באַלעבאָסטע? פוּף... מ'האַלט דאָך שוין, זאָגן זיי אין דאָרף, מיט הײַם־בירן אויף אַ וועג; מעגסט אַפילו זיך שוין צוגרייטן צום יום־טוב...

לאה האָט געקוקט אויפן אַלטן גוי מיט פאַרגאַפטע, אויסגעגלאָצטע אויגן, געציטערט, ווי אין פיבער און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

און אַנדריי? ער האָט זיך אָפּגעזאָגט די גוטע בשורה מיט אַלע איינ־צלהייטן, ווייטער פויל געפּיפּקעט זיין ליולקע — און אַזוי ווי די פישערקע איז געשטאַנען צערודערט אין איר צער, אַזוי האָט ער זיך אויסגעדרייט

מיט אַ רויק־שטילן „אַ גוטן טאָג, דראַגו לעיאַ" און איז שוין געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר פון קעמערל.

— נישט געזאָרגט, דראַגו לעיאַ, נישט געזאָרגט, — האָט ער איר צו־געוואָרפן אַ טרייסט־וואָרט צום געזעגענען זיך, — וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו זאָרגן?...

די פרוי איז אַריין אין הויז. זי איז געווען פאַרמאַטערט, ווי נאָך אַ לאַנגער האַמעטנער אַרבעט. זי איז געבליבן זיצן אין פראָנט־צימער ביים נידעריקן טישל, ווי פאַרחלשט. דער קאָפּ האָט זיך פאַרצרהט אַראָפּגעבויגן, און ס'האָבן זיך דאָרט ווידער דורכגעוויקלט אַנדרייס רייד, וואָרט נאָך וואָרט. זי האָט די רייד פשוט ווידער געהערט. זי איז געווען פאַרוויטיקט און דערנידעריקט, האָט געוואָלט וויינען, זיך אויסוויינען — און איז געזעסן ווי פאַרשטיינערט. אַלע מאָל האָט זי שוואַך אַרויסגערעדט, ווי אַ פאַרטראַ־גענע אין וואַנזין:

— שלעכט, שלעכט.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט: וואָס זיצט זי אַזוי אָפּגעלאָזן? מ'דאַרף שוין עפּעס טאָן, שוין! ווו איז מאָטל?...

זי האָט שוין נישט געקענט רוען, די מוטער. זי האָט זיך געדרייט אי־בערן צימער, אַלע מאָל אַרויסגעקוקט דורך די פענצטערלעך און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר קינד איז שוין אַוועקגעריבט געוואָרן פון איר.

— אָ, מיין זון!...

— געוואַלד, ווו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן, מאָטל?

זי איז ווידער אַרויס צום ברעג. זי האָט ווייט אַוועקגעקוקט איבערן טראַקט פאַזע טייך און דעם מאַן נישט געזען. זי איז אַריין אין שטאַל, ווו ס'זענען געשטאַנען די צווי אייגענע פערד, געגאַנגען צו דער עופות־שטייג, כדי צו זען עפּעס אַ לעבעדיקן נפש, און זיך קיין אָרט נישט געפונען.

זי איז ווידער געווען אויפן בערגל.

— ער גייט שוין!

נישט ווייט האָט געשפּאַנט דער פישער. זי האָט אויפגעלעבט: זי וועט אים אַלץ דערציילן, ער איז אַ טאַטע, ער דאַרף אַלץ וויסן פונקט ווי זי.

וואָס פאַרשטעלט ער זיך? ס'טוט אים דען נישט וויי? יאָ, אינאיינעם וועלן זיי געפינען אַן עצה...

ס'איז געווען נאָך מיטאָג. דער פישער האָט איינגעקויפט אין שטעטל קלייניקייטן פאַרן באַלעבאַטישקייט און פאַרלוירן צייט. ער האָט זיך גע־איילט. ער איז אַרויף דאָס בערגל ראַשיק, פאַרשמייעט, און האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט לעבן זיין וויב. ער האָט בלויז, אַרויפשפּאַנענדיק, איר עפּעס איבערגעפרעגט און איז גלייך אַריין אין שטיבל. דאָ האָט ער געכאַפּט אַ שטיק קאָרנברויט מיט קעז, און איז אַוועק צום ברעג מיט אַ לאַנגער שער אין האַנט און מיט אַן אָנגעשטאָפּטן מויל.

דאָס וויב איז אים נאָכגעגאַנגען.

— מאָטל!

— האַ, האָסט עפּעס געוואָלט זאָגן?

— הער, מאָטל טייערער...

— גיכער, נישטאָ קיין צייט!

האָט די פרוי שוין געוואָלט אויסגיסן איר פּיין — און האָט נישט גע־ווּסט ווי אָנצוהייבן.

— נו, רעד שוין אַמאָל!

—ה... האָסט נאָך היינט אַ סך אַרבעט, מאָטל?

— וואָסי דען?

— גאָרנישט. האָרעוועסט אַזוי שווער...

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, לאה?

דער פישער איז געוואָרן אומרויק. ער האָט דערקענט אין דער פרויס אויסזען, אַז ס'רוקט זיך אָן אַ סכנה. וואָס איז שוין ווידער ער האָט אַוועק־געלייגט די לאַנגע שער אויפן דנאָ פון אַן איבערגעקערטער לאָדקע און זיך אויסגעדרייט אַ ווייכער צום וויב:

— ס'האָט עפּעס געטראָפן, איאָ, לאה? וואָס־זשע באַהאַלסטו פון מיר, כ'בין אַ פרעמדער?

— ס'הייסט, כ'באַהאַלט?

— ווילסט מיר נישט אויסזאָגן?

דאָ האָט די פרוי אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן געיאָמער. זי האָט

זיך אויסגעדרייט מיט איר הויכער פיגור, פאַרדעקט מיט די הענט דאָס קלאָגנדיקע פּנים, און האָט גענומען אַרויפּשפּאַנען צום שטיבל מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ.

און מאָטל איז נאָכגעגאַנגען און אַלץ געוואָיר געוואָרן...

דער פישער איז אַרויס פון הייזל אָן אויפגעזאָטענער.

— אַזאַ אויסוואורף גאָר איז ער, דער זון!... ער וויל זיין נאָמען נישט הערן!...

ער איז אַוועק מיט אַ שיפל אויפן טייך.

ער האָט זיך געפּלאָגט, דער פישער, און זיך נישט געוואָלט אונטער־געבן: אַזאַ זאַך וויל ער גאָר טאָן, דער „טייערער" זון! ניין, ער וועט נישט גיין זיך בעטן ביי אַזאַ הפקר־יונג! אַ בחור זאָל נאָר ציִען צו גויִים! לעבט מיט זיי, ווי מיט אייגענע, און פון די עלטערן ווערט ער אַלץ פרעמדער. זאָל ער גיין אין דער אַדמה, דער כאַמולע! איידער אַזאַ קינד, איז בעסער אים צו פאַרגעסן!... און — ווער ווייסט? אפשר ווען ער, דער טאַטע, וועט קומען צו אים אַן אונטערטעניקער, מיט תחנונים, וועט דער כלאָפּ נעמען נקמה פון אים און אים פאַרטרייבן פון זיך? ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס פון אַ משומד!...

ער האָט געדרודערט דאָס שיפל מיטן לאַנגן רודער־שטעקן, זיך צייטנ־וויִיז געכאַפּט, אַז ער דאַרף זיך ערגעץ אָפּשטעלן, און נישט געוווּסט וווּ. אַזוינע פאַרדראָסן!.... האָט ער, דער פּראָסטער מאָטל פישער, דען נישט גע־טאָן אַלץ פאַר זיינע קינדער, ווי אַנדערע טאַטעס? קליינערהייט אין „חדר" זיי געשיקט, חיים־בערן און נוחן; ער האָט נאָך געבעטן הערשל כיטראַק, דעם פיש־הענדלער פונעם נאָענטן שטעטל, ער זאָל אָפּט צו זיינע קינדער אַ קוק טאָן, טאָמער פעלט זיי עפּעס אין „חדר". און דער רבי אַליין פלעגט זיי אויך אָפּהיטן, דאָס בענקל אונטער זיי אָפּשאַרן. דערפאַר פלעגט ער אַ פּאָר מאָל אין וואָך שיקן דעם מלמד אַביסל דריבנע פיש אַ מתנה און אויף שבת אַ היפּשן „באַלעבאַטישן" קאַרפּ, נאָך מיט אַביסל „קליינוואַרג" אַלס צוגאָב. וואָס האָט ער פאַר זיינע קינדער נישט געטאָן? האָט זיי געקויפט די שענסטע מלבושים און זיך געשפּיגלט אין זיי. און אַז זיי זענען אַוועק אין „חדר" אין אַ בלאָטיקער „פּאָגאָדע", האָט ער זיי אַפילו אין קאַלאָשן אויס־

געפוצט, זיי זאָלן, חלילה, נישט פאַרשעמט ווערן פאַר די שטאָט־קינדער. ס׳איז געווען עפּעס צופיל? מ׳האָט געציטערט איבער זיי, געהיט און נאָכ־געגעבן זיי, ווי פּריצישע קינדער — און פאַרנאַכט, געקומען פון „חדר״, איז אין שטוב געוואָרן יום־טוב. וואָדען, מ׳איז דען אַ גאַנצן טאָג נישט אַרומגעגאַנגען מיט דער נשמה אין די הענט און אַלץ געטראַכט וועגן זיי? נו, וואָס טוט איר? ווי אַזוי האָט זיך עפּעס געלערנט אין „חדר״? — האָט מען זיי געקוקט אין די אויגן, די צוויי אוצרות... און דאָ איז נאָך חיים־בער געווען אַזאַ ווויל בחורל, אַ ווייכער, אַ גוטינקער, זיך געקלעפּט צום האַרצן. נו, און ביי דער טייך־אַרבעט? האָט באַוויזן פון קליינערהייט אָן אַזאַ גבורה, אַז טאַטע־מאַמע זענען געוואָרן ברייטער ווי לענגער פון נחת. צו אַכט יאָר האָט ער שוין געפירט די גרויסע לאָדקע און זי אַליין פונעם ברעג אַראָפּ־געשטופּט. נו, און אַרויפשטעלן אויפן רעכטל אַקסל אַ קיילעכדיקן קויש מיט אָנדערהאַלבן פּוד פיש און אַוועקטאַסקען, ווי אַ דערוואַקסענער, האָט דער קליינער חברה־מאַן נישט געקענט? האָבן זיי אַלץ געהאָפט: אַז גאָט וועט העלפן, די קינדער וועלן אַביסל אונטערוואַקסן — מיט אַזוינע צוויי בנים, קיין עין־הרע, וועט זיי שוין גאָרנישט פעלן. ער, מאָטל, פלעגט זיך שוין אַפילו אויסמאָלן ווי אַזוי די צוויי געזונטע יונגאַטשעס אַרבעטן גרויסערהייט ביים טייך און ער פלעגט אָפּט פון אַ זעלטענעם נחת באַהערשט ווערן... נו, האָט זיך אויסגעדרייט פונקט פאַרקערט. דער עלטערער, נוח, וואָס איז פאַר דער שווערער טייך־אַרבעט געווען שוואַך, האָט אַרויסגייענדיק פון „חדר״ צו עלף יאָר, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט ברען, מיט לייב און לעבן. און חיים־בערן, אַז מ׳האָט אָפּגענומען פון חדר (אויך צו עלף יאָר), האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. ער האָט זיך נאָר געחברט מיט די שקצים פונעם נאָענטן דאָרף. ביים טייך האָט ער זיך אומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און ס׳האָט אים גאָרנישט געאַרט. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרגנבענען זיך און פאַרלוירן ווערן אויף גאַנצע טעג.

און וואָס עלטער, אַלץ ערגער. ער האָט זיי, די עלטערן, פּשוט דאָס לעבן פאַרפינצטערט. ער האָט געקענט, אַ שטייגער, שטיין און קוקן ווי נוח פאַרט אַריינשטעלן אויף ביינאַכט די יעטרעס און פאַרט זיי באַגינען אויס־טרעסן און — ווי נישט אים מיינט מען! דער טאַטע מיטן ברודער טאַסקען

זיך מיט שווערע קוישן פיש פון די לאָדקעס אויפן ברעג אַרויף; מ׳שלעפּט ערב־שבת דעם נעוואָד און די געדונגענע גוי:ים צי:ען די שטריק, געוואַלדע־ווען מיט ווילדע קולות, און דערוויל שטופּן זיי אָן פולע בוזימס און קע־שענעס מיט פיש — און ער, דער ממזר, שטייט און קוקט און טוט זיך נישט קיין ריר.

און ווינטער איז שוין גאָרנישט איבערצוטראָגן. ס׳קומען־אָן שווערע קעלטן; דעם פאַרפרוירענעם טייך דאַרף מען אַלעמאָל האַקן; און די יאָגנ־דיקע ווינטן פון די אַרומיקע בערג זענען דאָ אַזוי שאַרף־שניידנדיק, דורכ־גענומען מיט גליווערנדיקער אייז־קעלט. דעמאָלט ווערט חיים־בער גאָר אין גאַנצן ווי אָן הענט. וואָס זאָל ער טאָן? — קלאָגט ער אַ פאַרנעבעכטער. אַז ער קען פאָרט נישט פאַרליידן דאָ די קעלט? און טוט ער שוין עפּעס, איז מיט אַזאַ פאַרזויערטן פּנים — שוין בעסער ער זאָל נישט טאָן.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אָפּט, אָדער געבראַכט די שקצים אין שטוב אַריין. וויפל טאַטע־מאַמע האָבן זיך נישט געבעטן ביי אים: „טייערער זון, ביסט דאָך אַ יידיש קינד. ווילסט האָבן חברים? האָסטו דאָך נישט וויט די שטאָט״. איז, איינמאָל ניין! ער האָט בעסער ליב צו פאַרברענגען זיך מיט די שקצים. און פאַרטרייבן זיי, די לאָפּצאַנעס, קען מען דאָך נישט — מ׳מוז לעבן מיט די גוי:שע שכנים בשלום. האָט ער, מאָטל, זיך געגומען צום זון מיט בייזן. וואָס־זשע טוט דער בייסטרוק? הערט ער אויף ברענגען די שקצים, און הייבט־אָן אָוועקגיין צו זיי אין דאָרף כמעט יעדן טאָג. נאָכדעם האָט ער שוין אָנגעהויבן נעכטיקן ביי זיי, פאַר־ברענגען דאָרט גאַנצע טעג, און טאַטע־מאַמע, דער טייך און דאָס גאַנצע רייכע באַלעבאַטישקייט האָט ער ווי פאַרגעסן.

יאָ, ער האָט פון חיים־בערן געגוג יסורים איינגענומען...

זע־נאָר, ווו איז ער?... דער פישער האָט דערזען, אַז ער איז שוין באַלד ביים עק טייך. דאָ צי:ען זיך די וואַסערן אַוועק אין שמאָלע ריטשקעס און עס שטאַרצן אַרויס פון צווישן די אויסגוסן צעוואָרפענע פלאַכע ערד־בערג־לעך. ער האָט געגאַפּט, דער פישער: שוין ביים עק? ער פאָרט שוין, הפּנים, זייער לאַנג. וואָס האָט ער געדאַרפט טאָן? אונטערשערן אויפן וועג די וויל־דע וואַסער־געוויקסן, וואָס שטערן דאָס פאָרן... גוט, אָט דאָרט וועט ער אָנ־

הייבן, וועט זיך אַביסל אומקערן. ווו־זשע איז די שער? זע־נאַר, האָט גאָר פאַרגעסן די שער אויפן ברעג. וואָס טוט מען איצט? אַך, דער חיים־בער!...

ער האָט זיך פאַרקירעוועט אַהיים.

ער איז געפאָרן קעגן ווינט. ער איז געווען צעוואָרעמט, און האָט זיין אָפּגעקילט. דאָס שיפל האָט זיך געשלעפּט פּאַוואָליע, ווייל דער באַלעבאָס איז פון גריזעניש געווען אויסגעמאַטערט. זיין האַרט פּנים איז געווען פאַר־שאָטנט, צעקרומט, און די טיפע אויגן אונטער די שוואַרצע, געדיכטע און צעפּאַטלטע ברעמען האָבן פאַרטראָגענע אַוועקגעקוקט אין דערשטוינונג. דאָס שיפל האָט זיך אַרומגעוויגט אין ווינט, און די אויפגעפּאַטשטע כוואַ־ליעס האָבן שוואַך און מאָנאָטאָן געגרוישט, ווי זיי וואָלטן צוגעפּאַסט צום פּישערס געמיט אַ קלעגלעכן ניגון. און דער טייך־באַלעבאָס האָט געגרוקט דעם שטעקן ביים הינטערשטן עק שיפל אין בלאָטיקן גרונט אַריין, גע־שטופּט די לאָדקע, ווי מיט לעצטע כוחות און געקוקט פאַרזאָרגט איבערן ברייטן טייך:

— וואָס וועט זיין?...

אָט דאַרף מען זיך נעמען אויסרייסן פון טייך די געדיכט־אָנגעוואַקסע־נע גראָזן, וואָס שטאַרצן ווילד אַרויס. אַלעמאָל פּלעגט ער די אַרבעט טאָן מיט נוחן. איצט איז דאָס שוין באַלד אַ יאָר פאַרנאַכלעסיקט. וויפל מאָל האָט ער זיך שוין מיט חיים־בערן וועגן דעם אַרומגעריסן? און יענער לייגט אַלץ אָפּ. ער האָט איינמאָל זיך גענומען דערצו, אָפּגעאַרבעט אַ טאָג און איז מיד געוואָרן, דער תכשיט. „ער׳ט עס מער נישט טאָן, כאָטש הרגע אים״, — איז ער זיך געלאָפן קלאָגן פאַר דער מוטער. ער וויל זיך אין וואַסער נישט ווייקן. ער קען באַשטיין דער טאַטע זאָל דינגען גויים.

און זינט נוח איז אַוועק אין דער דינסט זענען בערג מיט גראָזן אויפן טייך אָנגעוואַקסן. מ׳מוז זיי אויסרייניקן; אי זיי פאַרשטעלן דעם וועג, אי דער נעוואָד ווערט צעריסן, אי די פיש האָבן אַ גוט באַהעלטעניש. און אויף אַ גוי קען מען זיך פאַרלאָזן? פאַר דעם איז אַזאַ אַרבעט צו שווער, אַ צוויי־טער ציטערט ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין טייך. וויפל גויים האָט מען שוין געפונען אין טייך דערטרונקענע... און — אַ גוי, אַ פרעמדער, וואָס אַרט אים? פעלשעוועט ער. מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן. אויך

דער טראַשטש ביים ברעג איז שוין צו ווייט אַריינגעוואַקסן אין טייך, אַ פאַרמעגן מוז זיך דאָרט באַהאַלטן, אַ ים מיט פיש. און איצט איז ער שוין אינגאַנצן אַוועק, חיים־בער...

איצט, אַז די גויים, וואָס גנבענען פיש ביינאַכט, וועלן זיך דערוויסן, אַז חיים־בער איז אַוועק — אַ, ווי זיי וועלן זיך אַ לאָז טאָן! און וואָס קען אַ מענטש טאָן איינער אַליין? זיי וועלן אים צעשלעפּן דעם טייך, די בורמי־לעס... נו, און די בושה?... זיי וועלן מער נישט קענען קוקן אַ ייִדן אין פּנים אַריין, און ווייזן זיך אין שטעטל אַוודאי נישט...

ער איז אַרויף אויף דער יבשה. ער האָט אַרויפגעשפּאַנט דאָס בערגל און אַ קלער געטאָן וועגן ווייב. וואָס טוט זי איצט, לאה? ס׳אַראַ צרות זי מוז, נעבעך, דורכלעבן. און זי האָט אים דאָך ליב, דעם פאַלשן זון!... ער האָט זיך געקראַצט אונטערן היטל, ווי רייסנדיק אין קלאָג די הויט. ס׳האָט אים אי אַנגענומען אויפן ווייב אַ ביטערער רחמנות, אי ער האָט זיך גע־בייזערט אויף איר: וועער איז מער שולדיק, ווי זי? זי האָט אים צעבאַלע־וועט. אין אַ קריג מיטן טאַטן, איז ער אַלעמאָל געווען ביי איר גערעכט, אַ כשר לעמעלע... און איצט קלאָגט זי...

ער איז אַריין אין שטיבל. ער האָט כלומרשט עפּעס אַרומגעזוכט אַ שטאַרק פאַרנומענער, און דערווייל האָט ער גנביש געכאַפּט אַ קוק צום ווייב. זי האָט געשפּאַנט איבערן פּראָגנט־צימער און געשוויגן. זי האָט בלויז געהאַלטן אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט די באַקן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און די רויטע, פאַרוויינטע אויגן האָבן געקוקט פאַראויס, פאַרגלי־ווערט אין צערדיקן געבעט. אַז מאָטל איז אַריין, האָט די פרוי זיך נאָך שטום אַרומגעדרייט אַ ווײַלע און איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין לעבן מאַן, וואָס האָט זיך איצט אַרומגעפּאָרקעט צווישן די אָנגעוואָרפענע זעק אין פּידפּיל (אַ לאָך, אונטן ביים אויוון).

— וואָס ט׳זיין, מאָטל?

דער פישער האָט זיך אויסגעגלייכט:

— וואָס־ זשע, ס׳וועגדט זיך אָן מיר?

— אַוודאי! דאַרפסט שוין לויפן, איידער ס׳ווערט שפּעט. כ׳זאָל עס בעסער נישט דערלעבן...

ער האָט זיך נישט געוווסט ווי אויסצודרייען:

— גיי דו, אפשר וועסטו פועלן?

— וואָס־זשע, דו מיינסט חיים־בער ער וועט מיר אַנטקעגנלויפן? די מערדער האָבן אים מסתם גוט פאַרזאָרגט. אָבער דו — אַלע אין דאָרף קענען דיך, האָסט פריינד צווישן די גוי׳ם און — ביסט דאָך אַ מאַן!

שטיל. מ׳האָט געטראַכט וועגן די קומענדיקע צערפולע טעג. וואָס זאָל ער טאָן, דער פישער? האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צום פידפיל, זיך גענומען דאָרט גראָבן, נישטערן, נאָכאַנאַנד אונטערגעהוסט און אונטערגעוואָרטשעט, זיך שטיקנדיק מיט די ווייטיקן, און זיך מיט אַמאָל אַ הייב געטאָן אַן אָנגעלאָדענער:

— אַז סך־הכל, לאה, ביסטו דאָך אינגאַנצן שולדיק!

— אי־ך?

— דו, דו! ווען דו לאָזט מיך אים לערנען פון קליינערהייט אָן, ווי אַ טאַטע, און האַלטן דעם משומד צוגעבונדן צום טייך, וואָלט דערצו נישט געקומען!

— און אפשר פאַרקערט? אפשר, מאַטל, האָסטו אים פאַרטריבן?

דער פישער האָט זיך אָנגעצונדן. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר און זי ווילד אויפגעפראַלט:

— מ י ך זאָלסטו אָפּלאָזן, דו הערסט? טו וואָס דו ווילסט!...

און ער איז אַוועק.

קאַפּיטל 12

די מוטער זוכט איר זון

אָוונט.

מאָטל איז, הפּנים, אַוועק אין שטאָט. אָדער אפשר אין דאָרף? ווער קען פאַרשטיין זיינע וועגן ווען ער צעבונטעוועט זיך? אַרום טייך, אָבער, זעט מען אים נישט. פון בייטאָג אָן, זינט ער איז אַרויס פון הייזל, אָן אָנגע־ברוגזטער אויפן ווייב, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן. לאה איז שוין עטלעכע מאָל אַרויס אויפן בערגל און האָט אַרומגעקוקט דעם טייך; זי איז אַפילו אַרומגעפאָרן מיט אַ שיפל אַרום די ברעגן פון יענער זייט טראַשטש — נישטאָ מאָטל! האָט זי שוין אָנגעהויבן איבערטראַכטן: ער לעבט איצט ווייניק איבער? איז זי אים שוין געגאַנגען זוכן הינטערן שטיבל אויפן שטיקל פעלד פון גרינוואַרג; אינעם לאַנגן גראָבן, וואָס ציט זיך פון הינטערן פי־שער־הייזל העט־אַרויף, ביז צו דער דעפּאָ און די באַן־רעלסן; פאַרן הויז, אונטערן בערגל, פון ביידע זייטן וועג — נישטאָ! דאָס האַרץ איז איר שיר אַרויס. פּלוצים איבערלאָזן אַלע אַרבעטן און אַוועק פון הויז? גאַרנישט זיין טבע. פריִער, ווען ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, האָט זי אים ביי דער אָפענער טיר גערופן הויך, מיט אַ וויינענדיקן קוויטש און — קיין ענטפער! איז איר באַפאַלן אַ שרעק. וואָס־זשע האָט די איבערגעשראָקענע פרוי גע־טאָן? זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמטערן און גענומען זוכן איר מאַן, ווו ער־געץ אַ לאָך: אין אייז־קעלער, אין שטאַל, אין דער עופות־קאַמער, אין די שיפלעך ביים ברעג, העט־אַרום אין די גראָזן און אַפילו ביים הונט אין בודקע.

— יאָ, ס'האָט געמוזט געשען עפּעס בייז. דער מענטש, אַז ער צע־קאָכט זיך, ווערט ער משוגע, מיינע שונאים!...

זי האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן. אַלעמאָל האָט זי ווידער איבער־געטראַכט וועגן מאָטלס טענות צום זון, זיינע פאַרדרוסן, ערגערנישן, און

געהאַלטן פאַר די אויגן זיין יעדער קרומע מינע, זינט זי האָט אים אָנגע־זאָגט די „בשורה״.

בלויז פון צייט צו צייט האָט זי זיך געפּרוּווט טרייסטן:

אפשר איז ער אַוועק אין דאָרף? איז דאָך פאַרט אַ טאַטע! און ביי אים קען מען וויסן? אָט איז ער אַ וואָלף, אָט אַ לעמעלע. אוי, גאָטעניו!...

אַזוי ביז שפּעט אין אָוונט.

נאַכט.

לאה האָט פאַרזיכטיק־שטיל געעפנט די טיר פון שטיבל, ווי נישט צו שטערן די רו פון דער איינגעשלאָפענער וועלט און איז אַרויס. זי איז אַוועק צום פעלד, היטערן דאָרף, לעבן קלויסטער.

— ווער ווייס? אפשר וועט זי דאָרט טרעפן איר קינד? ניין, זי וועט עס נישט פאַרלאָזן!

אַך, די מאַמע! אַ פייער האָט אין איר געגליט. זי האָט נישט איינגע־רוט. ס׳הייסט זי וועט וואַרטן און לאָזן איר זון פאַרפאַלן ווערן צווישן גויים? מיט וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרזינדיקט ביי גאָט, אַז גראָד איר קינד זאָל איבעררייסן דעם יידישן פאָדים? ס׳האָט זי אַזוי געמאַטערט, אַז זי האָט נישט געוואַרט אויפן מאַן און איז אַוועק.

זי איז געלאָפן אין דער טיפער, פוסטער נאַכט איבערן פעלד מיט איר הויכן, שווערלעכן גוף און איז גאַרנישט מיד געוואָרן לויפנדיק. דאָס לאַנ־גע, ברייטע קליידל האָט געפלאַטערט אין שאַרפן נאַכט־ווינט, זיך געבלאָזן און זיך געפּלאָנטערט, ווי אויף צו להכעיס, צווישן אירע יאָגנדיקע פיס; אירע לאַנגע הענט האָבן זיך נערוועז אַרומגעוואָרפן, זיך ראַנגלענדיק מיטן שטערנדיקן ווינט און מיט איר שוואַכן לייב; דאָס פּנים האָט זיך געקרימט, געקאָרטשעט, און דערציילט דער וועלט פון איר טריבן געמיט; און רייסנ־דיק זיך פאָראויס און סאַפּנדיק, האָט זי נישט אויפגעהערט צו קלאָגן שטי־לערהייט, ווי אין אַ תפילה: „אָ, זון מיינער, האָב רחמנות אויף דיין מאַמען, פאַרלאָז מיך נישט!...

דאָס ברייטע פעלד, פאַרזונקען אין נאַכט־רו, האָט זיך געשפּרייט אין שטילער שלווה אונטער דער מוטערס פיס און זי האָט זיך, ווי אַ שוועבנ־דיקער מלאך, דורכגעטראָגן אַלע וועגן אָן אַ מכשול. ביי די זייטן פון די

פעלד־שליאַכן, רעכטס, לינקס, ווו די פאַרקלאָגטע מוטער איז פאַרבייגעלאָפן מיט איר בראָך, האָבן דיביימער זיך געבויגן מיט סודותדיקן גערויש, נאָכקוקנדיק די פאַרביילויפנדיקע, און צוגעשאָקלט מיט די צווייגן, ווי אין טרויער־מיטגעפיל.

פאַרוואָס האָט איר גאָט אַזוי געשטראָפט? — האָט זי נישט אויפגעהערט אויפן וועג צו באַוויינען איר מזל. — שוין עטלעכע יאָר, אַז זיי הערן זיך נישט אויף צו קריגן, פאָטער און זון. חיים־בער וויל דעם טייך נישט אָנקוקן און מאָטל וויל אים צווינגען אי צו אַרבעטן, אי צו זיין געטריי. איז נאָר מ׳קריגט זיך, די שטוב גייט כאָדאָראָם, און ער, דער מאַן, גייט אַרום אַ בייזער, אַ פאַריסורימטער, און דאָס גאַנצע רויִקע לעבן ביים טייך איז צעשטערט. איז וואָס פאַר אַ טעם האָט שוין דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס, וואָס מ׳האָט דאָ אין משך פון דורות אָנגעזאַמלט? ס׳באַקומט דען? און — נאָך אַלעמען: מ׳קען דען אַ קינד צווינגען? איז יעדעס מאָל וואָס מאָטל קומט אַריין אין שטוב אַ פאַרהאַוועטער און טרעפט חיים־בערן זיצן ליידיק, פלאַמט ער אויף, ווי אַ העליש פייער און ס׳ווערט אַן איבערקערעניש. און זי, די מאַמע, מוז שטיין פון וויטנס. האָט זי נאָך געהאַט אַ טרייסט: דער עלטערער איז אַוועק איז כאָטש דער יינגערער לעבן איר. איצט איז מיט דעם אויך צרות. זי זאָל אים כאָטש נישט אָנווערן אינגאַנצן, רבונו של עולם!... זי האָט שוין לאַנג געציטערט. „געדענק, מאָטל, — האָט זי אים וויפל מאָל געוואָרנט, דעם מאַן — חיים־בער איז אַ גוטע נשמה און דאָס איז אַלץ, וואָס איז אונדז געבליבן. אויב דו וועסט אים מוטשען, וועט ער אַנטלויפן פון אונדז״. אָבער מאָטל האָט זיך אויסגעלאַכט, אַז ווייַ איז איר. איז ביז אַרום דרייצן יאָר פלעגט ער, חיים־בער, נאָך אַ געשלעג זיך הפקרדיק אַרומוואַלגערן אין שטוב אויף דער ערד, אָדער אין דרויסן אויפן גראָז, אַפליגן שטונדן און כליפּען. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן ביים פאָטערס קלעפּ אַרומלויפן איבערן צימער, אַלעמאָל בלייבן שטיין קעגן טאַטן און וואָרענענדיק, טופּען מיט די פיס: „הער־אויף שלאָגן, טאַטע! שלאָג נישט, זאָג איך דיר, ס׳וועט דיר באַנג טאָן!״ און שפּעטער איז ער געשטאַנען לעבן איר, דער זון, געגלעט זי, געקושט און גאָרנישט געוווסט ווי זי איינצושטילן:

— כ׳בעט דיך, מאַמע... הער־אויף וויינען. ער האָט מיר דען אַפילו ווײ־געטאָן?

— ער מוטשעט דיך אַזוי, מיין קינד...

— כי־כי... מ׳קען מיינען ער דערהרגעט מיך...

און איצט וויל מען אים ביי איר צונעמען.

זי איז געווען שרעקלעך מיד, די מוטער. אַלעמאָל איז איר לויפן געוואָרן איינגעהאַלטענער. זי האָט ווײלעוויז געשפּאַנט געלאַסן, און ווידער אונטערגעלאָפן. איצט האָט זי מיט אַ צעהיצטן פּנים, אַ צעשויבערטע, זיך אַ ריס געטאָן אויפסניי איבערן נאַכטיקן וועג פאַראויס.

זי איז שוין געלאָפן אָן אָפּשטעל, די מוטער: זי מוז אים איצט זען, איר זון! זי האָט געפילט, אַז זי גייט דאָ אויף די וויטע, אויסגעליידיקטע פעלדער, ווי אַ פרעמדער, בלאָנדזשענדיקער וואַנדערער. יאָ, קיינער וויל פון איר אומגליק נישט וויסן... זי איז שוין נישט געווען ווייט פון קלויסטער. באַלד טרעפט זי „זיי" און נעמט אַהיים חיים־בערן. זי האָט געגומען שפּאַנען שטיל, פאַמעלעך און זיך צוגעהערט צו יעדן שאָרך: „ווו, אַ שטייגער, זענען זיי איצט? אָדער זיי שפּאַצירן דאָ, אָדער זיי זיצן זיך אין די גראָזן און סודן זיך, ווי פאַרליבטע, אַז ווײ דער מאַמען... שאַ, אפשר זענען זיי היינט נישט געקומען אַהער? אויב זיי זענען דאָ, באַהאַלטן זיי זיך מסתּם אונטער אַ בוים, אָדער אין טיפע גראָזן. מ׳הערט נישט עפּעס?... זי איז אַראָפּ פון גראַדן וועג, אַריף אויפן פעלד און אַריין צווישן געדיכטע גראָזן, דאַרע, נידעריקע קוסטעס און האַרטע תבואה־וואָרצלען.

זי איז געווען לעבן קלויסטער. דאָ באַגעגענען זיי זיך. זי האָט געשפּאַנט לייכט און אָנגעשטרענגט, ווי די קאַץ וואָס לויערט אויף איר רויב:

— מ׳הערט זיי נישט?

יעדעס ווינקעלע וועט זי דורכנישטערן.

פּלוצים — אַ שושקעריי. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אַ ווײלע האָט זי נישט געוווסט וואָס צו טאָן פון צעטומלטקייט. זי האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. זי האָט זיך מוטיק געלאָזט צום אָרט פון די סודות. אַ טראַגישער גאַנג: אַ טראָט, זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט — ווידער אַ פאָרזיכטיקער טראָט. דאָס מורמלען האָט נישט אויפ־

געהערט. זי האָט זיך דערנענטערט. דאָ האָבן אין דער נאַכט־שטילקייט זיך דערהערט אומקלאָרע, צערטלעכע רייד פול מיט רירנדיקער גוטסקייט און איבערגעגעבנקייט. דאָס זענען זיי! — האָט זי שיר נישט אויסגעשריגן. פּלוצים איז דאָרט אַ רגע געוואָרן שטיל, און ווידער אַ שושקעריי און — קושן און קושן.

די פרוי האָט זיך אַ יאָג געטאָן.

— מיין זון! — האָט זי אַ רוף געטאָן נאָענט לעבן אָרט פון שושקעריי.

פון די גראָזן האָט זיך פלינק אַ הייב געטאָן אַ קליינע, דיקלעכע פיגור, אַ קוויטש געטאָן און געגומען אַנטלויפן. די מוטער האָט אין חושך בלויז באַמערקט וואָרפנדיקע הענט און אַ קאָפּ לאַנגע ווילד־צעפלאָסענע האָר. די פיגור איז פאַרשווונדן.

די מוטער האָט זיך באַגעגנט מיט איר זון.

חיים־בער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. האָט זיך געוואַקלט אַ פּאַר־צאַפּלטער, אָן ווערטער, ווי אַ באַוועגלעכער, שטומער שאָטן און געקוקט מיט פאַרגלאָצטע אויגן אויף דער פאַרקלאָגטער מוטער. ער האָט געוואָלט פאַרשווינדן ערגעץ — און איז געשטאַנען ווי פאַרשטאַרצט. און די פרוי האָט שטייענדיק מיטן קאָפּ אויפגעהויבן, גלייך און באַוועגלאָז, ווי אַ סלופּ, געוואָלט אַרומכאַפּן דעם געפונענעם זון — און עפּעס נישט געוואַגט. זי האָט געקוקט מיט געבעט:

— אָט זאָגט חיים־בער אַ וואָרט — און זי איז געראַטעוועט!

פלוצים האָט דער זון זיך אומגעקערט מיטן רוקן, מיט די הענט אויפן קאָפּ, אַרויסגעפּלאַצט אַ ווילד, ברומענדיק קלאָגעריי, איבערגעלאָזט די מו־טער און איז אַוועק.

ווען לאה איז אַהיימגעקומען, איז שוין מאָטל געלעגן אין הינטער־צי־מער אין בעט. ער איז געשלאָפן אין די קליידער, מיטן פּנים צו דער וואַנט, אין ליכט פון אַ קליינעם קעראָסין־לעמפּל. אַז לאה איז אַריין, האָט זיך דער פישער אויפגעהויבן, זיך אַרומגעקוקט און זיך אויסגעריבן די אויגן:

— דאָס ביסטו, לאה?

— יאָ...

— זע־נאָר, כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן אָנטועכץ...

אויף פרעמדער ערד

— ווו ביסטו געווען אַ גאַנצן טאָג, מאָטל?
— כ׳ווייס ווו?... אויף יענער זייט טייך.
— און מיר איז שיר די נשמה אַרויס...
פּיינלעך־שטיל.
— ביסט שוין געשלאָפן, מאָטל?
— כ׳ווייס? עפּעס פיל איך זיך היינט פאַרמאַטערט...
— פאַרמאַטערט... דו מיינסט, מאָטל, איך האָב קיין אויגן נישט?
— און ווו ביסטו געווען, לאה? זעסט אויס אַזוי שלעכט...

זי האָט אים שוין אַלץ דערציילט, און פאַרענדיקט:
„און אַזוי ווי ער האָט מיך דערזען, איז ער געבליבן שטיין, ווי אַ שטיק האָלץ, און מיך אָנגעקוקט מיט אַזאַ צער — דאָס האַרץ האָט זיך מיר שיר אָפּגעריסן. און פּלוצים האָט ער זיך צעיאָמערט און איז אַוועק. וויפל כ׳האָב אים נישט נאָכגעשריגן: „חיים־בער! קינד מיינס! כ׳בעט דיך, איין וואָרט!״ ער האָט זיך נישט אומגעקערט. אוי, כ׳וועל עס גאָרנישט איבער־טראָגן!...״
— און איך וואָלט אים געהאָט אין דר׳ערד! — האָט דער פישער זיך געבייזערט.
— ס׳רעדסטו, מאָטל? גראָבסט פאַר מיר אַ קבר...
און זי האָט זיך שטיל צעקלאָגט.
דער פישער האָט זיך שטאַרק געערגערט: ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי פאַרצרהט! קוק־אָן אַ פּנים! ס׳איז גאָרנישט די פריִערדיקע לאה... און דיבורים זי רעדט: „גראָבסט פאַר מיר אַ קבר, מאָטל!״ ס׳האָט דעם פאַרעקשנטן פישער אַזש אַ פּחד דורכגענומען: אויב ס׳זאָל עפּעס טרעפן מיט חיים־בערן, וועט זי נאָך אינגאַנצן אַוועקפאַלן. וואָס־זשע וועט זיין? ער באַהאַלט זיך. אָבער ער אַליין נעמט איין ווייניק יסורים? ס׳איז דאָך זיין אייגן בלוט און פלייש, ער איז דאָך אַ טאַטע! ס׳איז אים אָבער אַ פאַרדראָס אויף דעם כאַמולע, דער רוח זאָל אים וויסן!...
— וואָס־זשע ט׳זיין, מאָטל? האָסט גאָר אויף מיר קיין רחמנות נישט?

קאַפּיטל 13

אין פאַרצווייפלונג

אויף מאָרגן האָט זיך מאָטל היפּש איינגעשטילט; איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי מיט אַ לייכטן געמיט, האָט גערעדט צו לאהן ווייך, גוטמוטיק און נאָכגעקלערט ווי צו ראַטעווען זיין זון.

„יאָ, ס׳קען ווערן צו שפּעט“, — האָט ער איבערגעטראַכט.

ער ווייסט דען נישט ווי ס׳האַלט מיט חיים־בערן? אין זעלבן טאָג, ווען לאה האָט דערהאַלטן די „גוטע בשורה“, האָט ער אויך אָפּגענומען אַ גרוס פונעם זון. וואַסילי מאַשקאַט האָט אים דעם גרוס אָפּגעגעבן. יענער איז גע־גאַנגען פאַרנאַכט אַהיים פון פעלד, האָט ער, מאָטל, אים אָפּגעשטעלט מיט אַ תמעוואַטער מינע: „נו, וואָס הערט זיך עפּעס אין דאָרף, זשיפּוני וואַסי־לי? אפשר ווייסט זשיפּוני וואַסילי, וואָס מיינע קינדער, חיים־בער און זיין כלה טוען? מ׳האַלט שוין באַלד ביי דער חתונה, אַיאָ? נו, פאַרוואָס נישט? פאַרקערט, ס׳טוט אים הנאה: די קינדער האָבן זיך דאָך ליב!... איז ווען גייען זיי חתונה האָבן, ווען?...“ און דער כאָם האָט זיך דערפרייט, אים גע־קלאַפּט איבער די פּלייצעס, געכיכיקעט און אים אַלץ דערציילט: אַז דאָס פּאָרל איז פאַרליבט שוין עטלעכע חדשים; אַז דעם מיידלס פאָטער, ניקאָלאַי רובאַק, שרייט קאַראַול, ער וויל נישט קיין „זשידאַן“ פאַר קיין איידעם, אַפילו נישט דעם בעסטן. און זי, די פאַרקאָכטע מויד, וויינט און קלאָגט: „זי קען אָן הײַם־בירן נישט לעבן. זי וועט זיך דערטרינקען, אַז מ׳וועט אים איר נישט געבן“. דערפאַר אָבער איז דעם דאָרף דער שידוך זייער געפעלן. „הײַם־ביר, — זאָגן זיי, — האָט זיך ערלעך פאַרדינט, אַז מ׳זאָל אים אַריינ־נעמען אין דער הייליקער הראָמאַדע און אים צורעכענען פאַר אַ ברודער“. און נישקשה,, ניקאָלאַי, דעם מיידלס טאַטע, וועט זיך איבערבעטן. מען וועט טאַקע באַלד נעמען גרייטן זיך צום יום־טוב און פראַווען אַ חתונה.

— און חיים־בער באַשטייט, וואָדען? — האָט מאָטל זיך נאָכגעפרעגט.

— הײם־ביר? כי... װאָדען, ער זאָל נאָך נישט װעלן?... אַ גוטן טאָג, מאָטלי, כי־כי־כי...

איז מאָטל אַװעק אין דאָרף צו אָשר שענקער. דער אַלטער אָשר איז אַ קלוגער ייִד, אַ גוטער, און װעט אים זיכער געבן אַן עצה. װאָס דען, אָשר אַליין איז דאָך אויך אַ ייִד! אפשר קען מען הײם־בערן ראַטעװען? פאַר־שטייט זיך, אַלץ דאַרף געטאָן װערן בסוד־סודות, דאָס דאַרף זאָל נישט װיסן. ער קען נאָך אויפרייצן קעגן זיך די מאָלדאַװאַנעס! מער פעלט אים נישט, דעם אַלטן אָשרן...

לאהן האָט ער דערװייל גאָרנישט געזאָגט; זאָל נאָר זיין גוטס, װעט זי שוין װיסן.

צו אָשר שענקער איז דער פישער אַריינגעקומען דורך דער הינטער־טיר. גאָלדע, אָשרס װייב, האָט אים פּלוצלינג דערזען. האָט זי זיך אויפגע־הויבן מיט דער מיטעלער װוקס פון לעבן קיך־טישל, זיך אַ װיג געטאָן קעגן אומדערװאַרטעטן גאַסט מיט איר אַפּגעלאָזענער, שװערער פעטקייט אַ פאָר טריט פאָרויס, און איז געבליבן שטיין אַ צעשמייכלטע מיט די הענט אויפן ברייטן בויך:

— זע נאָר אַ גאַסט! מאָטל פישער, װי קומט איר אַהער?

— כ׳װייס װאָס... אַזוי... געקומען זען רב אָשרן.

— קומט אַרייך, קומט אַריין נעענטער. זיצט!

האָט זיך דער פישער צוגעזעצט.

— רב אשר איז דאָ אין דער הײם, גאָלדע?

— יאָ, איין מינוט, אָט שיק איך אים אַריין.

ס׳איז אַריינגעקומען דער אַלטער. ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם גאַסט מיט זיין נידעריקן, אויסגעטריקנטן קערפּער, אַ רירעװודיקער. שטיין גע־בליבן קעגן אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און האָט אים דורכדרינג־לעך באַטראַכט, אַריבערקוקנדיק איבער זיינע דיקע, בלויע שפּאַקולן.

— זע נאָר אַ גאַסט! שלום עליכם!

— עליכם שלום, רב אָשר.

— װאָס־זשע מאַכט עפּעס אַ ייִד?

— װאָס זאָל מען מאַכן? כ׳װייס װאָס...

מ׳האָט געכאַפּט אַ שמועס און דער אַלטער האָט זיך נאָכגעפרעגט: ווי אַזוי איז איצטביים טייך? וואָס שרייבט עפּעס נוח פון דער „אַרמיע״? ווי פילט זיך דאָס וויב זיינס, לאה? זי, זיין לאה, שטייט אים נאָך פאַר די אויגן מיט איר מיידלשער שיינקייט און געזונטקייט. און דער טייך „זאָגט עפּעס ווערטער״ די לעצטע צייט? ער, אָשר, געדענקט, מיט אַ פערציק יאָר צוריק, פלעגט דער זיידע זיינער פון דעם טייך אַרויסשלעפּן גאַנצע אוצרות. אַ מין שפּע! ער קען זיך עס דען פאָרשטעלן, מאָטל? פערציק־פופציק פּוד מיט איין „שלעפּ״, און אַמאָל זעכציק און זיבעציק אויך...

דער גוטער אַלטיטשקער האָט געוואָלט, אַז דער פישער זאָל זיך נישט פילן צוליבן זון אַזוי שפּלדיק, האָט ער וועגן אַלץ איבערגעפרעגט און גערעדט מער ווי אַלע מאָל. האָט זיך אַרומגעפּורקעט אין דער לאַנגער צעפלאָנטערטער, שוואַרץ־גרויער באָרד, גערעדט פאַרזיכטיק און נישט געלאָזט דעם פאָטער דערקענען, אַז ער ווייסט פון דער געשיכטע מיט חיים־בערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער איז געקומען צוליבן זון. וואָס דען איז ער אַזוי בלייך און צעמישט? און וואָס איז ער אַריין דורך דער הינטערטיר, ווי בגנבה?...

— ביים טייך מוז זיין איצט אַ סך אַרבעט, מאָטל?

דער פישער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער פראַגע.

— האַ? אַ סך אַרבעט?... אַז כ׳וועל נישט אַוועקפאַלן, וועל איך זיין פון אייזן. סיידן, לאָזן דעם טייך פאַרוואַקסן ווערן מיט גראָזן, אָדער נישט היטן, און זאָלן די מאַלדאַוואַנעס אים צעשלעפּן. אַז יעדעס קליינקייט פאַלט אויף מיר אַליין. צונעמען אַ פרעמדן — איז ער פאַלש. נוחן האָב איך נישט. לאה איז פאַרט אַ שוואַכע יידענע. און חיים־בער... ממ, חיים־בער, ווייסט איר דאָך...

— יאָ... נישט גוט

— אויף שלעכטע וועגן איז אַוועק מיין זון.

— וואָס דאַרפסטו זיך ערגערן, נאַרעלע?

— איר האָט געהערט עפּעס נייעס, רב אָשר?

— כ׳ווייס?... אין דאָרף... גויים קומען אַריין, רעדט מען.

— וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען.

און מאָטל האָט זיך גענומען באַקלאָגן:

פון דורות וווינט זיין משפחהביים טייך. איז וויפל מאָל גייען אַריבער וואָכן און מ׳זעט נישט קיין יידיש פּנים; פון דעסטוועגן איז מען געבליבן יידן, פראָסטע, אָבער גוטע יידן, ווי גאָט האָט געבאָטן. קומט שבת, שפּרייט מען אַ טיש, ווי ביי די שענסטע יידן: מיט וויין, מיט חלות און מיט טייערע שבתדיקע מאכלים; ער מאַכט קידוש, מאָטל, מאַכט „המוציא״, זינגט זמי־רות און רוט זיך אַ גאַנצן שבת אויס די ביינער, גלייך מיט אַלע יידן. אין שטוב הענגט אַ פּושקע פון רב מאיר־בעל־הנס; ער צאָלט אין שטעטל פאַר „ביקור־חולים״, און אַמאָל נעמט מען ביי אים פאַר דער אַלטער שול, צי פאַר אַן אָרעמער כלה. צייטנווייז קומט אַפילו אַ שיינער באַלעבאָס אַראָפּ צום טייך מיט אַ פּאָר יידן, שליחים פון וויט, און ער גיט אַ נדבה פאַר אַ ישיבה, צי פאַר אַן אָפּגעברענט יידיש שטעטל. יאָ, איז, דאַנקען גאָט, אַ ייד גלייך מיט אַלע יידן. און קומט יום־טוב, גייט מען אין גאַנצן אַוועק אין שטעטל, אין שול אַריין. מ׳דאַוונט אינאיינעם מיט יידן, מ׳הערט אַ קלוג וואָרט, אַ מעשה, אַ יידיש ווערטל, מען קוועלט אָן פונעם שאַרפן יידישן קאָפּ, מען קושט די תורה, מ׳הערט דעם רב דרשענען, און מ׳דערוויסט זיך וואָס ס׳טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט מיט אונדזערע יידעלעך, זאָלן לעבן. און אַז מ׳קערט זיך אום אַהיים, פילט מען טאַקע אַז מ׳איז אַ ייד... יאָ, אַ געזונטער בוים געוועזן אַלע יאָרן די יידישע פישער־משפּחה, אַ שטאַרקער בוים מיט טיפע וואָרצלען, רב אָשר. און איצט האַלט זיך איין צווייג ביים אָפּברעכן, באַהיט גאָט...

— נעם זיך נישט אַזוי צום האַרצן, מאָטל!

— ממ, וואָס־זשע, איך בין פון שטיין, צי קיין ייד נישט...

דער אַלטער אָשר איז געבליבן זיצן פאַרצווייפלט. ער האָט געקוקט דורך די בלויע שפּאַקולן קעגן זיך אַ טרויעריק־ פאַרטראַכטער, אומרויק געקלאַפּט מיט די קליינע אויסגעדאַרטע פינגער פון דער רעכטער האַנט איבערן טיש, און מיט דער צווייטער האַנט זיך געפּלאָנטערט אין דער לאַנ־גער באָרד. ווו געפינט מען אַן עצה?... ער אַליין איז דאָך אויך אַ ייד... ער איז אָבער אין אַ שווערער לאַגע: ער לעבט אַלע יאָרן צווישן אַ פּולן דאָרף מיט גויים, קוים דריי יידישע פאַמיליעס פאַראַן דאָ. אַ קלייניקייט זיך צו

פּאַרקריגן מיט „הראַמאַדע״? און נאָך אַ ייִד דערצו... און נאָך ביי אַזאַ זאַך!...

— נישט גוט, מאַטל...

— קענט איר, הייסט עס, גאָרנישט טאָן פאַר מיר, רב אָשר?...

די ווערטער זענען אַרויסגעקומען מיט אַזוי פיל יאוש און געבעט, אַז דעם אַלטן ישובניק האָט אַזש אָנגעכאַפּט ביים האַרצן.

— מיינט, טאַקע אינגאַנצן גאָרנישט?

— אָ, כ׳דאַנק אייך, רב אָשר, לאַנג לעבן זאָלט איר.

— נאָר געדענק, מאַטל, בסוד־סודות; דאָס דאַרף זאָל זיך, חלילה, נישט דערוויסן.

ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט.

— הער, מאַטל, כ׳וועל רופן היים־בערן אין אָן אָוונט און זיך דורכרעדן מיט אים...

— אָבער נאָך אַ זאַך, רב אָשר: לאָזט אונדז שטילערהייט וויסן, וועל איך און מיין לאה אַריינקומען. כ׳בעט אייך, רב אָשר.

— און טאָמער זעט מען אייך?

— וואָס רעדט איר, רב אָשר? נישטאָ קיין הינטערוועגן? מיר זענען עפּעס קינדערלעך?

— נו, גוט.

דער פישער האָט זיך אויפגעהויבן צום אַוועקגיין.

— און האָט נישט קיין יסורים, רב אָשר. אַזוי ווי גאָט האָט אייך אויסגעהיט ביז איצט, וועט ער אייך ווייטער אויסהיטן...

קאַפּיטל 14

די אסיפה אין דאָרף

האַרבסט.

דאָס דאָרף האָט זיך אַרומגענומען מיט אַ כמורנער טונקלקייט און איז געוואָרן איינגעהאַלטן און אָפּגעלאָזן. דאָס לעבן העט־אַרום האָט גענומען וועלקן. אַ שווערע, נודנע פוילקייט האָט אין יעדער זאַך זיך צעלייגט. אַלץ איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט, זיך געפּרוווט ראַנגלען מיט דער מאָדנער אומ־באַהאָלפנקייט, און מער נישט געקענט אויפקומען. גאַנצע טעג איז דאָס דאָרף געווען פאַרחלומט, ווי פאַרזונקען אין אַ היגער־פּלעט, און איינגע־שוויגן אין אַ מאַכטלאָזער שטילקייט. ווייט אַרום האָט זיך אַ מרה־שחורה איבער דער וועלט אויסגעגאָסן, און דעם מענטשנס האַרץ איז אויסגעגאַנ־גען פון בענקעניש נאָך דער זון, נאָך העלער שיין און וואַרעמקייט. ס'האָט גענומען טריפן אַ דריבנער רעגן, האָט ער געטריפט אַ טאָג און צוויי, מיט אַ נודנער, קאַלטער פייכטקייט און זיך איינגעגעסן אין די ביינער, ס'האָט אַזש אָנגענומען ביי דער נשמה. האָבן זיך די מענטשן איינגעבויגן, זיך גע־קאָרטשעט און געטוליעט אין זיך אַריין, געוואָרטשעט און זיך געבלאָזן, און נישט געוווסט מיט וואָס דעם איינגעפּרעסענעם האַרבסט־אומעט צו פאַר־טרייבן. האָט אַ פּויער אויפגעזוכט זיין זעג, געוואָלט עפּעס טאָן, אַביסל אויפקומען. איז ער אַרויס אין דרויסן, אַרויף אויף אַ לייטער און האָט גע־נומען אויף אַ בוים די צווייגן אונטערזעגן. האָט זיך דער ערשטער גע־דיכטער צווייג אָפּגעבראָכן מיט אַזאַ ווילדן טרעשטש אין דער אַרומיקער טויטקייט און פאַרלוירנקייט, אַז דער גוי איז אַראָפּ פון לייטער: „עד, זאָל שוין זיין, ער'ט עס טאָן אַן אַנדערש מאָל“. אַנדערע האָבן זיך פאַררוקט אין די קאַמערן און אָנגעהאַקט האָלץ אויפן ווינטער: „שוין היפּש אין האַרבסט, ס'קען ווערן מיט אַמאָל ווינטער“. ס'האָבן די פּויערים פונעם האַקן און קלאַפּן עטוואָס אויפגעלעבט — און פונעם אומעט זיך אַלץ נישט געקענט

באַפרייען. ס׳האָט זיך אַריינגעהערט אין די כאַטעס דאָס מאָנאָטאָנע און דריבנע רעגענען, וואָס האָט גאָרנישט געוואָלט אויפהערן; דאָס וואַרפן זיך און רוישן אינעם אָסיען־ווינט פון די אויסגעווייקטע, אַרומגעפליקטע ביי־מער, ווי זיי וואָלטן זיך באַקלאָגט פאַר דער וועלט אויף זייער אָפקומעניש; דאָס רוישיקע אַרומשאַרן זיך און אַרומפליען פון די אָפגעפאַלענע, פאַר־געלבטע בלעטער — און דאָס אומאויפהערלעכע גיסן פון די דעכער אויף די קעפּ און העלדזער האָט גאָר דול געמאַכט.

צייטנווייז איז איבערן דאָרפס־וועג אַ פערד און וואָגן דורכגעפאָרן. האָט דער פורמאַן, אַ דורכגעווייקטער און מידער, זיך געשלעפּט צו פוס אי־בער די שמוציקע לוזשעס מיט אַ האַנט אויפן וועגעלע, פאַרשפּריצט ביז איבערן קאָפּ, און אי נישט געוואָלט זיך אַריינזעצן אין וועגעלע, שאַנעווענ־דיק די אָרעמע חיה, אי געוואָלט שוין דערצי׳ען צו דער ליבער היים. ס׳איז לאַנגווייליק איצט אין דאָרף. אַפילו אין די צוויי שענקען קומט מען איצט ווייניק אַריין. אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט גאָר שטיל; און פאַרנאַכט קומט אַ קונה, און נאָך אַ קונה, איינציקווייז, און איידער־עפּעס האָט מען אָפּגעכאַפּט די גלאָז משקה און אַהיים געלאָפן. ס׳איז אומעטיק, אומעטיק. און דאָס פרי׳ערדיקע מוטיקע איבערשרייען זיך פון די שכנים פון הויף צו הויף; און די הויכע שטימען פון פרייד און זאַטקייט אין די הייזער; די האַרציקע, גראָב־ברומענדיקע געלעכטערס פון די פויערים אין דרויסן אַרום די פריז־בעס; און די הילכיקע, פריילעכע לידער פון דער יונגוואַרג, וואָס פלעגן זיך הערן בייטאָג אויף די ליכטיקע פעלדער און אין אָוונט אין די הויפן אָדער אויף די טונקעלע דאָרפס־וועגן — איז אויסגעגאַנגען.

וואָס טוט איצט דאָס פעלד? — האָבן די דאָרפס־מענטשן בענקענדיק באַכגעטראַכט.

דאָס פעלד... און סך־הכל האָט מען אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער־לעך צו די נעפּלדיקע ווייטן, און ס׳האָט זיך אַפילו די שוועל נישט גע־גלוסט אַריבערצוטרעטן. אָט איז אַ פויערטע אַרויס אויפן הויף צו דער קרעניצע אַביסל וואַסער אָנצושעפּן, איז זי צוריקוועגס אונטערגעלאָפן, פאַרגאָסן דאָס וואַסער, אַבי זיך גיכער צו ראַטעווען פון דער כמורנעקייט און קאַלטער נעץ. ערגעץ אויפן בלאָטיקן דאָרפס־וועג האָט זיך פון שכנות־

דיקן דאָרף געשלעפּט אַ פויער מיט אַ לאַנגן צווייג אין האַנט און מיט אַ זאַק איבערן קאָפּ; האָט ער פריזער, אַן איינגעטוליעטער, פאַרבייגעשפּאַנט דעם קלויסטער און זיך געפוילט איבערצוצלמען; און איצט האָט ער אַ פּאָר מאָל באַגעגנט אין די הויפן היימישע פויערים און זיך אַפילו נישט געגריסט. אַך, דער פאַרשאָלטענער וועטער! מ'אַרבעט ווייניק, מ'איז מיד, פויל און אָפּגעלאָזן, און די געדריקטקייט דערגייט צום האַרצן.

און איינזאַם פילט זיך איצט יעדער איינער. העט אַרום איז גרוי און טונקל און די וועלט איז פאַרשטעלט. זיצן די מענטשן אין זייערע כאַלו־פּעס שטיל און ליימעוואַטע, און חלומען מיט גרויסע, פאַרגלאָצטע אויגן, ווי פאַרבענקטע אין אַ תפיסה. אָט באַגעגענען זיך צוויי פויערטעס אינעם דאָרפס־קרעמל. שווייגן זיי און וואַרטן אויף די באַשטעלטע זאַכן, וואָס דער קלייטניק גרייט זיי צו. און פּלוצים רופט זיך איינע אָן:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם דרויסן, זשעניאַ?

— דער דרויסן? המ... נאָר קריסטוס זאָל זיך דערבאַרעמען, — ענט־פערט שטיל די צווייטע.

— מאַמעלע, ס'נאָגט דאָך אינעווייניק, אַז די נשמה גייט אויס.

— אַזוינע שווערע טעג.

אָוונט.

דער קליינער, דריבנער רעגן האָט זיך פאַרשטאַרקט. אַ פּאָר מאָל האָט שוין היפּש געליאַפּעט. די רעגן־בייטשן האָבן געדיכט און שווער געשמיסן איבער די שטרויענע דעכער, געזעצט און געקלונגען איבער די קליינע שטיבלעך־פענצטער און הילכיק גערוישט איבער די הילצערנע דעכער פון די קאַמערן. אַלע האָבן איצט זיך צוגעהערט צום דרויסן. ס'האָבן שווייגנ־דיק און פאַרחידושט זיך איינגעהערט די בהמה, די שטוב־חיה און דער עוף; אויך דאָס נאַכט־פליגעלע און די גריל אין די גראָזן האָבן זיך איינגע־שטילט; בלויז די שרעקעוודיקע פערד האָבן אַרומגעדרייט זייערע אויפגע־הייבענע קעפּ, געריסן מיט די פאָדקאָוועס די ערד און צעשטערט די שטיל־קייט פון אַנדערע ברואים מיט זייער אומרויִקן הירזשען. נאָך דעם האָט דער גאָס־רעגן אַביסל נאָכגעלאָזט. מ'האָט אָבער נאָך אַלץ אַריינגעהערט אין די שטיבער ווי אין הויף פּאַטשן די וואַסערן אויף די געלע האַרבסט־

בלעטער, וואָס זענען אין די לעצטע גיסנדיקע טעג קופּעסווייז פון די ביי־מער אַראָפּגעפאַלן, און מ'האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט זיי אָפּצוראַמען.

ביסלעכווייז איז שטילער געוואָרן. עטוואָס בלויז האָט דער רעגן זיך נאָך פויל געזיפּט. ס'איז געווען פרי אין אָוונט. די מענטשן האָבן זיך אָבער שוין געשלעפּט צו זייערע געלעגערס. די לאָמפּן אין די הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן.

בלויז איין שטוב אין דאָרף האָט געלויכטן העל און יום־טובדיק. ס'האָט זיך דערקענט אָן דעם אָפּשיין, וואָס איז געפאַלן פון יענעם הויז ווייט איבער די הויף־גראָזן און אונטער די צעוואָרפענעביימער, אַז מ'האָט אינעווייניק גרויסע בליך־לאָמפּן אָנגעצונדן.

אָן אויסערגעוויינטלעכער אָוונט דאָרט. הפּנים, אַ שמחה.

דאָס איז געווען ביי אַלעקסאַנדער דערעוווניאַק, אין גרויסן הינטער־צימער. דער גלח פון דאָרף האָט אויף היינט אָוונט באַשטימט אַן אַסיפה וועגן שידוך צווישן חיים־בערן און קאַטערינאַן. דער באַלעבאָס פון הויז, האָספּאָדאַר דערעוווניאַק, לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אַז דער שידוך זאָל געשלאָסן ווערן. ניקאָלײַ רובאַקן, דעם מיידלס פאָטער, האָט ער, דערעוווניאַק, שוין באַלד איינגערעדט. בלויז מיט דעם בחור גייט עס צו שווער: ער האַלט זיך אין איין וואַקלען. אָט זאָגט ער יאָ, אָט האָט ער חרטה, און מ'זעט אַז דעם יונג גייט אויס דאָס חיות — ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. דער גלח וויל העלפן. ער האָט אָפּגערעדט מיט חיים־בערן, ער זאָל היינט אָוונט אַהער אַריבערקומען. אַחוץ אים, וועלן זיך דאָ צונויפ־קומען זייער חשובע דאָרפס־באַלעבאַטים מיט זייערע ווייבער, און מ'וועט מיטן בחור קומען צו אַ טאָלק.

דער הויז־באַלעבאָס, אַ נידעריקער און דיקער, איז זיך רחבותדיק געזעסן אויף אַ ברייט בענקל פונקט אַנטקעגן דער זייטיקער הויף־טיר, מיט די אָנגעפּוכקעטע, האַריקע, קליינע הענט אויפן גרויסן בויך. ער האָט געקוקט מיט די דריבנע־איינגעגראָבענע אייגעלעך אויף די פון צייט צו צייט אַריינקומענדיקע מיוחסדיקע האָפּאָדאַרעס און זייערע פּלוניתטעס, און דאָס ברייט־צעליאַפּעטע, אָנגעבלאָזענע פּנים מיט די בלויע אייגעלעך האָבן געגלאַנצט, זיך געפּרעגלט פון נחת. מ'האָט זיך געהאַלטן אין צונויפזאַמ־

לען. איז אַריינגעקומען אַ פּאָרל אין דער אויסגעפּוצטער „קאַסי מאַרי",* איז דער באַלעבאָס אויפגעשטאַנען, אויסגעשטרעקט גאַסטפריינדלעך די אָנגעפּוכקעטע האַנט און באַגעגנט דעם מאַן מיט אַ טיף־באַסאָון, גוטמור־טיקן: „העי־העי, שי פאַש, האָספּאָדאַרילע?** צום גאַסטס פרוי האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. און ער, דער חשובער אורח, איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ביי דער שוועל, אַן אײַנגעקאָרטשעטער פון דער דורכנעמענדיקער נעץ, אַראָפּגעכאַפּט דרך־ארצדיק די קוטשמע און געזאָגט: „אַ גוטן אָוונט, גוטע מענטשן!". נאָך דעם האָט ער געלאַסן אָפּגעטרייסלט די נעץ פון דער קוטשמע און פון רעקל און אַריינגעשפּאַנט מיט די בלאָטיקע שטיוול טיפער אין „קאַסי מאַרי" אַריין. דער באַלעבאָס מיטן גאַסט האָבן אַ מינוט זיך היימיש איבערגערעדט, און דעם חשובן אורחס ווייב האָט דערווייל אין אַ זייט געכאַפּט אַ וואָרט מיט דער הויז־ווירטין. נאָך דעם האָט דער מאַן זיך אַרומגעקוקט אין צימער, אַלעמען באַגריסט, דערלאַנגט די מענער די האַנט — און די „פּימייע"*** האָט אים נאָכגעשפּאַנט ווי אַ צוגעטשעפּעטע פון הינטן, און צו יעדן איינעם בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זי מיינט, הייסט עס, דאָס זעלבע ווי איר אויבערהאַר.

תחילת האָט די „הראָמאַדע" געפּלאַפּלט פּוסטע דיבורים. די מענער האָבן זיך איינגעבויגן פּאָרויס־צו אויף צווי ברייטע, נידעריקע דיוואַנען מיט די טייערע, וואָלענע קיליעמעס, אָנגעשפּאַרט זיך אָן די קני מיט די הענט אונטער די מאָרדעס און געבאַלאַקעט. מ'האָט גערעדט וועגן פעלד און וועגן מיאוסן וועטער; וועגן די פּרייזן פון תבואות און די ייִדישע אויפ־קויפערס. ווידער האָט מען זיך דערציילט וועגן די באַלעבאַטישקייטן: ביי דעם איז אַ פערד געפּגרט, ביי יענעם איז אַ קו געשוואָלן געוואָרן, און ביי אַן אַנדערן האָט מען אין מיטן וועג, אַקעגן זיין הויז, אַ חזיר אַ פּיסל, נעבעך, איבערגעפאָרן... און די ווייבער? זיי האָבן זיך אַרויפגערוקט אויף די ברייטע דיוואַנען העכער צו דער וואַנט און געהאַלטן אין איין פּלוידערן און באַרעדן די וועלט הינטער זייערע מענערס פּלייצעס.

---

* „גרויסע שטוב", אַ צימער פאַר געסט.

** העי, וואָס טוסטו עפּעס, באַלעבאָס.

*** ווייב.

ח. באַרקאַן

ס'איז אָנגעקומען מיקו, דעם באַלעבאָס' זון, מיט חיים־בערן. דער עולם האָט זיך איינגעשטילט. די שטימונג איז פּלוצים געוואָרן אַן אָנגע־צויגענע. די באַרעדעווודיקע ווייבער, וואָס האָבן ערשט פריער געפּאַטשט מיט די פּיסקעס הינטער זייערע מענערס פּלייצעס אויף וואָס די וועלט שטייט, האָבן מיט אַמאָל פאַרהאַקט די מיילער. זיצנדיק הויך ביי די ווענט, האָבן זיי זיך איצט אַראָפּגערוקט צום ברעג דיוואַן, זיך געטוליעט אין די קורצע יאַקלעך אַריין און נייגעריק באַטראַכט דעם ייִדישן בחור. באַלד האָבן זיי זיך גענומען דרייען, ווי אומגעדולדיקע קינדער ווען זיי דער־וואַרטן עפּעס גוטס, און אָנגעקוקט די האָספּאָדאַרעס.

— וואָס זענען זיי געבליבן זיצן פאַרגולמט, ווי שטרויענע טשוטשו־לעס, די יאָלדן?... ממ... ס'האָט זיי אָפּגענומען דאָס לשון!... אַבי אין דער היים קעגן די שוואַכע ווייבער זענען זיי בריהס!..."

איינע האָט אַזש אַ וואָרטשע געטאָן:

— וואָס איז מען געבליבן שטיל, ווי די נאַרישע לעמער? פון אַזוי פיל מענער קען נישט קיין איינער עפּעס זאָגן ביז דאָס „הייליקע פּאָטערל" וועט קומען?

וואַסילי קאָוואַלס ווייב, — די שערעמעטעכע, וואָס שטופּט אומעטום אַריין די לאַנגע ניאָניע, האַלט נישט קיין שלום מיט די גויעס, און באַרעדט זיי פאַר זייערע מענער, — האָט אָנגעהויבן ווייזן אירע שטיק. זי האָט אי־בערגעביטן איר אָרט, פאַרכאַפּט אַ זיץ־אָרט לעבן חיים־בערן און אָנגע־הויבן מיט אירע גרויע, בליאַסקענדיקע אייגעלעך און מיט די פּאָדערשטע גרויסע ציין אין דרויסן, זיך צושמייכלען צו אים און פלאַפּלען. די פויער־טעס האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך געדרייט אויף די ערטער און נישט גע־קענט אויסהאַלטן איר חוצפּה: אַז סך־הכל איז דאָך איר מאַן אַ פּראָסטער זשלאָב, אַ שמיד; אים, דעם קאָוואַל, האָט מען דאָך פאַרבעטן אַהער, בלויז וויל ער איז אַ שטילער פויער און אַ כיטרער קאָפּ, טאָמער וועט ער דאָ העלפן מיט אַ קלוג וואָרט. מעג זי דאָך, די אַרורה זיינע, כאָטש וויסן איר אָרט. און דאָ, חיים־בער איז ערשט אַריינגעקומען, אַלע שווייגן נאָך, און זי, די פּיסקאָטע, באַווייזט שוין וואָס זי קען. דראַקוליע!*

* שד!

האָבן זיך די פּויערטעס שטיל צעוואָרטשעט:

— האָט זיך שוין גענומען קהלן, די פּיסקאַטע באַבע, האָט שוין קיין צייט נישט.

— נו, וואָס דען? דער פּיסקאַטש אירער קען דאָך נישט איינרוען אַ מינוט, ער גייט אויף שרייפלעך.

— און — שש... זי איז דאָך צווישן מענער... זי האָט דאָך נאָך ליב מענער אויך, די אויסגעדאַרטע צויג...

— וואָס דען? אַז דער מאַן אירער איז אַ גאַנצן טאָג אין קוזניע, שלעפּט זי זיך אַרום הינטער די פּלויטן...

— און ער האָט דאָך נאָך מורא פאַר איר, פאַר דער פגירה.

— פאַר דער גאַנצער וועלט אַ פוקס, און אַ מאַן אַ גבר, און פאַרן אייגענעם ווייב ציטערט עס, ווי אַן אָפּגעשוירן לעמל אין פראָסט.

— כאַ־ליע־ראַ!

דער באַלעבאָס, אַלעקסאַנדער דער־עווניאַק, האָט זיך אומגעקוקט צו חיים־בערן, וואָס איז געזעסן לעבן זיין זון מיקו. אים, דעם האָספּאָדאַר, האָט אויך געערגערט דאָס עזות פּונעם קאָוואַלס ווייב. אַזאַ צעלאָזענע! אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ און וואַרטן הכנעהדיק, אַז ער, דער דאָרפס־נגיד און ווירט פון הויז, זאָל דער ערשטער אָנהייבן רעדן מיט חיים־בערן, ביז דאָס „פּאָטערל״ וועט קומען — און זי ליאַפּעט שוין! טאַטעלע מיינס, אַ מין גיסן! צעבערס מיט רייד! און זי ווייסט דען וואָס זי פּלאַפּלט, די שדי־כע? און ווו, מיינט זי, געפינט זי זיך איצט? זי מיינט, אַז זי שטייט ביי זיך אין הויף ביים טירל, ווו זי קריגט זיך איבערן וועג מיט די שכנות? אַלע ווייבער זיצן אָנשטענדיק לעבן זייערע מענער, נאָר זי, די לעפּטשעכע, האָט איבערגעלאָזט איר מאַן און גאַגערט אָן אַן אויפהער, טייוולשע טאָכטער... כ'לעבן, ווען נישט איר שטילער, בכבודיקער מאַן, וועמען דאָס דאָרף האָט ליב, און הערט זיך צו צו זיין מיינונג, וואָלט ער זי אַ פּאַק געטאָן ביים דאַרן הינטן און זי אַרויסגעמאַרדעוועט, אַז זי וואָלט ביי אים געפלויגן ווי אַ פייגעלע, די פּאַסקודסטווע. און וואָס וועט זיין שפּעטער, אַז דער גלח וועט דאָ זיין? וואָס דען, אַזאַ־אַ האָט פאַר עמיצן אָפּשיי? קוק זי נאָר אָן ווי זי האַלט אין איין טענהן צו חיים־בערן, ווי הראָמאַדע וואָלט זי אָנגעשטעלט.

דער אמתער שליח!... אָבער, לאָז נאָר קומען דאָס „פּאָטערל”. ער, דער הויז־
ווירט, וועט איר פאַרשטאָפּן דעם פּיסק מיט אַ שמאַטע, אַז זי וועט אים
אַליין נישט פאַרמאַכן — כאָליעראַ!...

אַלעקסאַנדער דרעוווניאַק האָט קוים איינגעהאַלטן דעם כעס:

— העי, היים־בירו, קום נאָר אַהער, זעץ זיך לעבן מיר אויך אַביסל...
וואָס טוסטו עפּעס?

דער בחור האָט זיך געלאָזט צום באַלעבאָס.

— יאָ, יאָ, קום אַהער! — האָט זיך איינער אָפּגערופן היימיש, ווי אַ
נאָענטער מחותן.

דאָס איז געווען פּעטראָ מולטאַר, אַ פּויער מיט ברייטע באַקן, אַ מאָ־
גערן גוידער, אַ ראַזירטע מאָרדע, גרויע, געדיכטע וואָנסעס און מיט אַביסל
פּלאַכע, גרויע האָר אויפן קאָפּ, צוגעפּוצט מיט אַ שרינט אין מיטן. מולטאַר
איז געווען אַ גוי אַן עושר און אַ נאָענטער שכן פון די דרעוווניאַקס. ער איז
איצט געזעסן לעבן אַלעקסאַנדערן. אַז חיים־בער איז צוגעקומען, האָט דער
רייכער האַספּאָדאַר ליבלעך זיך צעשמייכלט און זיך איבערגעזעצט אויף אַ
דערבייִיקן צווייטן בענקל:

— זיץ, היים־ביר.

חיים־בער האָט זיך געזעצט צווישן דרעוווניאַקן און מולטאַרן. דער
לעצטער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן יונגס פּלייצעס:

— וואָס־זשע טוסטו עפּעס, דראָגו היים־בירו? ווי גייט עס דיר?... מיר
האָבן דיך ליב, היים־בירו, ביסט דיאָנאָסטרי!*

דער הויזווירט האָט גאָר אויפגעלעבט. האָט לייכט אַ קלאַפּ געטאָן דעם
בחור איבער אַ ליטקע:

— ווי לעבט זיך דיר, טייערער? כ'בין אַזוי צופרידן דיך דאָ צו זען.

— ווי זאָל זיך לעבן? — האָט דער נאַיווער יונג זיך אַביסל צעטומלט
פון אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט.— דאַנקען גאָט...

— און ווינסט נאָך אַלץ ביי אַראָן בויקע?

— יאָ... נאָך אַלץ.

---

* פון אונדזעריקע.

— ממ... דו הערסט, הײם־ביר, איך האָב דווקא דעם ייִד נישט אַזוי ליב. המ, אַ שלעכטער מענטש איז ער, אַט דער אַראָן — און אַ קמצן. הו־הו, אַ מין גייציקער מענטש! ווי דער הונט מיט די לאַפּעס איבערן ביין, אַזוי ציטערט ער איבערן גראָשן. איך האָב פיינט אַזאַ ייִדן, פּיו!...

אַרום איז שטיל געוואָרן. דערהערט דאָס וואָרט „ייִד״, האָט מען זיך בייגעריק אומגעקוקט: „וואָס וועט ער ענטפערן, דער ייִדישער בחור? יאָ, אַ כיטרער פוקס, דער באַלעבאָס; האָט אים אַ נעם געטאָן פון דער ריכטי־קער זייט״. און דעם ווילן חיים־בערן דאַרף מען דאָך נאָר אַ הענץ טאָן... אַז סך־הכל האָט ער די ייִדן פיינט, קלעפּט זיך נאָר צו זיי, צו די פּויערים. אַפילו זיין פאָטערס היים, מיטן גאַנצן רייכןווירטשאַפט, איז אים נישט צום האַרצן. נאָר עפּעס קען ער זיך פון „זיי״ נישט אָפּרייסן! אַ כישוף ליגט אין דעם פאַרשאָלטענעם פאָלק! אַ ייִדיש קינד לעבט צווישן קריסטן, האָט זיי ליב און איז נאָך פאַרליבט אין אַ שיין מיידל, אַ טאָכטער פון אַ רייכן, חשובן דאָרפס־באַלעבאָס — און וויל נאָך אַלץ קריסטוסעס הייליקן גלויבן נישט אָננעמען. אַ מאָכט די זשידאָקעס האָבן!

חיים־בער האָט געענטפערט אַלעקסאַנדערן:

— אָ, שוין איינמאָל אַ קמצן, אַראָן! די הענט ציטערן אים דאָך, ווען ער נעמט אַ קאַרטאָפליע צום מויל!

— האָסט כאָטש ביי אים דאָס שטיקעלע מאַמעליגע, הײם־ביר?

— מילא... דאָס ווייב זיינע איז אַ גוטע...

— מ, אַ גו־טע! — האָט עמיצער אַ מורמל געטאָן.

און אַלעקסאַנדער האָט אים גענומען איינרעדן:

— און איך זאָג דיר, הײם־ביר, אַז דו ביסט אַ נאַר. ביסט דאָך אַ באַ־לעבאָטישער בחור און אַן אונדזעריקער. איז ווי אַזוי קענסטו וווינען מיט אַזאַ זינדיקן ייִדן, וואָס פאַרגינט דיר נישט דעם ביסן אין מויל? זאָג דעם אמת, הײם־ביר, ווען דו ביסט ביי מיר אין הויז, וואָלט דיר נישט געווען בעסער, האַ? ווי אַן אייגן קינד וואָלסטו דאָך ביי מיר געווען! און דאָ האָט דיך שוין מיקו וויפל מאָל געבעטן, און — איינמאָל ניין! וואָס־זשע, מיט דעם קאַרגן ייִדן, מיט דער פאַרשאָלטענער נשמה, איז דיר מער אָנגענעם?...

דער יונג האָט געפּילט אויף זיך אַלעמענס בליקן, און זיך נישט גע־

ווסט ווי אויסצודרייען. אין די אויערן האָבן אים געקלונגען דעם באַלע־באָס׳ אומעטדיקע רייד און זיינע טענות. וואָס ענטפערט מען?...

— כ׳וויס טאַקע נישט וואָס כ׳ליג דאָרט, — האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרויסגעכאַפּט.

ס׳זענען אַריינגעקומען אַ פּויער מיט זיין פרוי, אָפּגעגאָסענע, מיט נאַסע פּנימער, און דערפילט, הפּנים, באַלד די שטייפע אָנגעצויגנקייט. האָבן זיי ביי דער טיר זיך אַרומגעטרעסעט פון דער נעץ, און דער מאַן האָט בלויז באַמערקט:

— לאַדראַקו,* ס׳גיסט שוין ווידער מיט עמערס...

און זיי האָבן זיך שטיל אַוועקגעזעצט.

אַלע האָבן זיך צוגעהערט צום שמועס, וואָס איז געוואָרן אַלץ ערנסטער און אינטערעסאַנטער. מ׳האָט זיך איינגעהערט מיט שווערע קעפּ, אָנגעשטאָפּטע מיט פעלד־ און דאָרף־דערפאַרונגען און מיט פּשוטער לעבנס־חכמה, און מ׳איז נייגעריק געווען ווי קליינע קינדער: „ווען וועט שוין חיים־בער ענטפערן? וואָס וועט פאַרקומען?...". זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט נאָר דער האָספּאָדאַר דערעוווניאַק איידער דאָס „פּאַטערל" קומט. דער עיקר קומט ערשט. אָבער, יאָ, ער צילט ריכטיק, דער כיטרער דאָרפס־נגיד, מ׳וועט אים איבעררעדן, דעם ייִדן... ווען־זשע וועט ער שוין אַריינקומען, דער „הייליקער"?

אַלעקסאַנדער האָט זיך אויפגעמונטערט:

— יאָ, חיים־ביר, ווען דו פאָלגסט די עצה פון דיינע פריינד, די דערעוווניאַקס, — אַ, אַ, טייערער, ס׳וואָלט דיר שוין גאָרנישט געפעלט!

— איר מיינט, זשיפּוני אַלעקסאַנדער, איבערצוציען צו אייך אין הויז?

— וואָס דען? חיים־ביר קען דאָך דעם האָספּאָדאַר דערעוווניאַקס הויז... אוודאי צו מיר, וואָס דען?

און ער האָט זיך געווענדעט צו די אַרומיקע:

— וואָס זאָגט איר, נישט אַזוי?

און צוריק צום בחור מיט כיטרע־פאַרשנדיקע בליקן:

* צום טייוול.

— נו־ו?

די גערופענע צו הילף האָבן זיך צעטענהט:

— וואָס דען, ס׳קען דען זיין אַ שענערע היים, ווי אין אַזאַ עשירות, קיין גוט־אויג?

— נו, און דער כבוד אין אַזאַ באַלעבאַטישקייט און דאָס הערלעכקייט דאָ אין יעדן ווינקל, — איז אַריינגעשפּרונגען דעם קאָוואַלס פלוניתטע, — מ׳קען עס דען מיטן מויל אַרויסרעדן? יעזוס מיינער, ליבינקער, טייערינ־קער, גוט־האַרציקער, די שונאים מיינע זאָלן אַזאַ גדולה גאָר קיין מאָל נישט דערלעבן!...

— און אי אַ ווייב אַ בילד, „אַ מויד מיט זיבן פּאָלעס״, אי אַ באַלע־באַטישקייט ווי ביי אַ רייכן פּריץ...

דאָ האָט זיך אַלעקסאַנדער אַ קער געטאָן צו חיים־בערן:

— נו, ליבער, בין איך נישט גערעכט?

— האַ?... כ׳לעבן גערעכט...

פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ שטיוול־קלאַפּעריי און אַ גראָב הוסטן. ס׳איז אַריינגעקומען דער גלח. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר אַן אויסגעשטרעקטער מיט זיין הויכער, פעסטער וווקס און ברייט צעוואַקסענעם קערפּער, און האָט מיט גרויסע אויגן באַקוקט דעם עולם, וואָס האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון די ערטער. ער האָט אַרויסגעזאָגט גראָב און חשיבותדיק:

— אַ גוטן אָוונט, באַלעבאַטים!

דאָס פולע פּנים איז געווען שטרענג און ערנסט און די שוואַרצע, לאַנ־גע און ברייטע באָרד מיט די געדיכטע, אָנגערוקטע ברעמען, האָבן דאָס פּנים נאָך ערנסטער געמאַכט. אויפן גרויסן קאָפּ איז געזעסן דער שוואַר־צער, וייכער קאַפּעליוש מיט די ברייטע ראַנדן, און צוגעגעבן שטאָלץ און יחוס. אַזוי איז ער אַ רגע געשטאַנען און דורכדרינגלעך באַטראַכט חיים־בערן און די אַרומיקע. נאָך דעם האָט ער אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן קאַ־פּעליוש און אים אָפּגעטרייסלט פון דער נעץ. דער באַלעבאָס איז באַלד געווען לעבן אים. האָט צוגענומען דעם הוט און אים געהאָלפן אויסטאָן דעם לאַנגן אויבער־מאַנטל.

— טוט זיך אויס, טוט זיך אויס, פּאַטערל.

און אַז דאָס „פּאַטערל" איז געבליבן שטיין אין אונטערשטן שוואַרצן, זיידענעם מאַנטל מיט די ברייטע אַרבל, ווי פליגלען; מיטן הוילן, נידעריק און גלאַט צוגעקעמטן קאָפּ מיט אַ שרינט אין מיטן און מיט די לאַנגע, שוואַרצע האָר פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען; און אַז דער גרויסער, זילבערנער צלם האָט נאָך פון אַ קייט אַזוי הערלעך אַראָפּגעהאַנגען פון דער ברוסט, האָט זיך ערשט דעמאָלט דעם „טאַטעלעס" גאַנצע גרויסקייט באַוויזן. דאָ האָט ער מיט זיין לאַנגער, קאַליריקער פּאַטשיילע מיט די רויטע פלעקן, זיך גוט אַרומגעווישט די פּייכטע, האַריקע הענט און אַלע האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון די ערטער. מ'האָט זיך אַ לאָז געטאָן קושן די ערלעכע האַנט פון דעם הייליקן.

מ'האָט זיך געערוקט איינער לעבן צווייטן, שטיל און דרך־ארצדיק. איינעם גרויסן גאַסט־צימער זענען געווען אַ פּופּצן פערזאָן. ווי אַן ערנסטע פּראָצעסיע דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג האָבן זיך דאָ די מענטשן געשאַרט, און זיך געפּלאָנטערט מיט די הענט צוצוקומען צום גלח. יעדער איינער האָט געוואָלט איינבייגן דעם קאָפּ פאַרן הייליקן צלם; פאַרן באַרעמהאַרציקן האַר יעזוס; און טאַקע פאַר אים, דעם גלח, דעם גייסטיקן פירער פון קהל. ער איז דאָך צו זיי אַזוי גוט. ער רעדט מיט זיי שטענדיק ווי אַן אייגענער, גיט זיי עצות ווי צו לעבן מיט גאָט און מיט לייט, און האַלט־אויף אין דאָרף דעם ברידערלעכן שלום; איז זיי מוחל זייערע זינד און טרייסט דאָס אומוויסנדיקע פאָלק אין שווערע טעג. אין די הייליקע חגאות אין קלויסטער, אַז ער צערעדט זיך אַמאָל פייערדיק און שטרענג און שטראָפט דאָס פאָלק פאַר זיינע אומרעכטן און וואָרנט — אַפילו דעמאָלט, קערט ער זיך אויך אום ביים סוף פון שטרענגקייט צו מילדקייט און פאַרענדיקט, אַז גאָט אין הימל וועט זיך דערבאַרעמען און מוחל זיין אַלע זינדיקע, אין זכות פון זיין איינציקן זון, דעם בן־יקיר, האַר יעזוס, אָמן.

דערפאַר האָט זיך דאָס פאָלק אַזוי הכנעהדיק געשטופּט צו זייער פירער, ווי אומבאַשיצטע שעפעלעך צו זייער געטרייען פּאַסטוך. אָ, ווי דאָס ערלעכקייט האָט איצט אַרומגענומען די נשמות! אַז מ'האָט אַזאַ וויכטיקן פאַרשטייער פאַר גאָט, מעג טאַקע דאָס פאָלק זיך פילן גליקלעך און באַ־

שיצט. און ערשט אַז מ׳דערזעט דאָס הייליקע פּאָטערל אין זיין גאַנצן גלאַנץ, ווי איצט, דערפילט מען ווי זינדיק מ׳איז. אַז מ׳גייט אַפילו נישט אין קלויס־טער! און אין דער היים איז דען בעסער? מ׳פּרעפלט אָפּ פּאַר די איקאָנעס אַ וואָרט, צוויי, און מ׳אַנטלויפט צו דער אַרבעט. און אויך קיין איינזעעניש מיטן אַרעמען ברודער האָט מען נישט, און מ׳שיכורט ביז צום ברעכן און מ׳רעדט ניבול־פּה, ווי די ערגסטע; מ׳טרייבט רכילות און מ׳קריגט זיך מיט די שכנים און מען שלאָגט אַזוי דאָס ווייב, אַז ס׳נעמט אָן ביים האַרצן... און דאָ נאָך — אָ, אַז די פינצטערע נשמה צעווילדעוועט זיך! מ׳גייט־נאָך דעם שטן, און מ׳וואַלגערט זיך אַרום איבערן דאָרפס־וועג אונטערגעטרונקענע און צערייצטע, מיט אומריינע בלוטן, ביז מען געפינט ערגעץ הינטער אַ פּלויט אַ נאַרישע באַבע און מ׳טוט אָפּ דאָס ערגסטע... פיו, ווי דער מענטש איז מיאוס!...

איצט, אַז מ׳האָט זיך געפונען אינאיינעם מיטן גלח, האָט מען צוגע־זאָגט אין האַרצן, אַז מ׳וועט שוין זיין פרום.

דער גלח האָט געהאַלטן אונטערגעהייבן די לויטערע, האַריקע האַנט, און אַלע האָבן זי געקושט. ער האָט דערביי געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט; די פּעך־שוואַרצע, צעשפּרייטע באָרד איז געלעגן אויף דער ברוסט, כמעט איבערן צלם, און די גרויסע, שאַרפע אויגן האָבן פון אונטער די גע־דיכט־באַוואַקסענע ברעמען אַראָפּגעקוקט מיט הנאה אויף די צוגעשפּאַנטע. די האַנט האָט ער געהאַלטן אויסגעבויגן מיט די פינגער אַראָפּ, און אונ־טער יעדן איינעמס מויל זי אונטערגערוקט.

אַז אַלע זענען שוין ווידער געזעסן אויף די ערטער, האָט דער גלח אַ שמייכלענדיקער צוגעשפּאַנט צו חיים־בערן, וואָס האָט זיך פריִער אויפגע־הייבן, געשטאַנען ווי אַ צעדולטער, און נאָר־וואָס זיך צוריק אַוועקגעזעצט. דער גייסטלעכער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן בחורס אַן אַקסל און אים אַריינגעקוקט אין פּנים:

— אַ גוטן אָוונט... וואָס טוט עפּעס אונדזער הײם־ביר? שוין אַ לאַנגע צייט דיך נישט באַגעגנט, מיין פריינד.

— ...גוט, פּאָטערל.

דעם גלחס האַרציק וואָרט, האָט דעם פּראָסטן, גוטן חיים־בערן מיט

הכנעה דורכגענומען. ער האָט זיך אַזש דערפּילט שולדיק, וואָס דער היילי־קער האָט אים שוין אַ שטיק צייט נישט געזען... די גרויסקייט פון אַ גייסט־לעכן! געדענקט אַזוי יעדע קלייניקייט! אַפילו אַזאַ מענטשן ווי ער, חיים־בער, פון אַ פרעמד אָרט און נישט פון דער אייגענער אמונה, האָט ער אויך אין זינען...

די באַלעבאָסטע האָט אונטערגעטראָגן דעם גייסטלעכן אַ בענקל לעבן איר מאַן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך אָנגעבלאָזן און — מיטביידע הענט אויף די קני:

— אַלזאָ, באַלעבאַטים, וואָס־זשע טוט איר? פאַראַן אין דאָרף עפּעס נייעס?

דער באַלעבאָס האָט געמיינט, אַז ער מוז ענטפערן דער ערשטער:

— נייעס וויים איך נישט, פאָטערל; נאָר אַ דאַנק גאָט פאַר דעם אַלטן, אַבי דאָס ברויט ליגט שוין אין די שפּייכלערס... סלאַווא דימניאַדזו... (גע־לויבט איז דער האַר).

— וואָס דען? אַז דער טומאַן מיטן קאַלטן רעגן הערן נישט אויף, איז ווו זאָל מען נעמען נייעס, אַז מ׳ליגט אין די לעכער?

— יאָ, אַ מיאוסע פּאַגאָדע, — האָט אַ וואָרטשע געטאָן קאַטערינאַס פאָטער, דער נישט־געוואַגטער ניקאָליַי רובאַק און זיך געכאַפּט צו די גרויע, דיקע, אַראָפּגעלאָזטע וואָנסעס.

דאָ האָט זיך געלאָזט הערן דעם קאָוואַלס פּלוניתטע מיט איר קוויי־טשיקל:

— נישקשה! לאָז מען זיך ווייניקער זען, וועט מען זיך ווייניקער אַרומ־רייסן, ווי הינט אַרום אַ ביסן, און מ׳וועט איינער דעם צווייטן נישט וואַרפן אַזוי פיל פון די שטיבער, מיט אַ קני פון הינטן...

— איז וואָס־זשע דאַרפסטו אַזוי קוויטשען, ווי אַן אָפּגעבריטער חזיר?

— האָט דער שמיד זיך שוין נישט איינגעהאַלטן און שטיל אַ מוסר געטאָן זיין „בעסערע העלפט״, — ביסט אין שטעטל אויפן יאַריד, צי דו פּאַטשט זיך איצט מיט די שכנות?

— דו פאַרשטאָפּ מיר בעסער נישט דאָס מויל, גרויסער מאַן! נישקשה, צווישן מענטשן וויים איך אויך צו זאָגן אַ וואָרט, — האָט זי אָפּגעענטפערט.

דער גלח האָט אָנגעקוקט די פויערים מיט פאַרדראָס, נאָכטראַכטנדיק:

— יאָ, ווילדע זענען זיי נאָך, די פויערים... איין וואָרט געזאָגט, און מ׳האָט זיך שוין צעפלוידערט ווי וואַסער...

דער הויז־באַלעבאָס האָט דערפילט דעם בזיון:

— העי, מענטשן גוטע, מיט אונדז איז דאָך איצט פאַראַן אַ חשובער גאַסט, דאָס „פאַטערל״!...

האָט מען זיך איינגעשטילט.

דער גלח האָט אַ ווײלע געזוכט דאָס ריכטיקע וואָרט, אָנצוהייבן מיט חיים־בערן דעם שמועס מכוח איבערגיין צו דער אמונה פון ליבע און גע־רעכטיקייט. ער האָט פאַטערלעך־ווייך זיך אַ קער געטאָן צו חיים־בערן:

— און סך־הכל, הײַם־ביר, ביסטו דאָך איצט ביי אונדז דער געערטער גאַסט.

און צום עולם:

— יאָ, ברידער, אַזאַ מענטש ווי הײַם־ביר פאַרדינט אַ סך כבוד, זייער אַ סך... איר זעט דאָך, ווי דער מענטש איז זיך מתקרב צו זיינע קריסטלע־כע ברידער מיטן גאַנצן האַרצן און מיט ליבע... יאָ, אַ פאַרגעניגן צו זען צווישן אונדז אַזאַ מענטשן...

און ווידער צו חיים־בערן:

— קומסט כאָטש געווען אָפט צווישן פויערישן פאָלק, מיין זון?

— אָפט, פאַטערל.

די גוטמוטיקייט האָט זיך צום גייסטלעכן מיט אַמאָל, ווי דורך אַ כי־שוף, אומגעקערט. ער האָט צוריק באַקומען זיין שטאָלץ און זיך באַקוועם געמאַכט אויפן געזעס. איבערן פולן פנים האָט זיך צעשפּילט אַ ליכטיקער שמייכל.

ער האָט פאַרגעזעצט:

— און דו מיינסט, הײַם־ביר, אַז איך ווייס נישט, אַז דו ביסט נאָענטער צו אונדז, ווי צו „זיי״?

— ווער „זיי״? — האָט חיים־בער זיך נאָכגעפרעגט.

— נו, „זיי״, די ייִדן... כ׳פאַרשטיי נישט, כ׳לעבן: אַז אַלע מאָל ביסטו אין דאָרף; לעבן לעבסטו מיט אונדז, ווי אַן אייגענער, און איצט האָסטו

דאָך שוין אונדזערע אַ טאָכטער אויך... איז פאַרוואָס־זשע נישט ווערן אַ מענטש ווי מיר אַלע, אַן ערלעכער קריסט? און דאָס שיינע מיידל וועסטו קריגן... אַוודאי!...

חיים־בער האָט זיך דערפילט אין אַ קלעם. ער האָט זיך דאָ דערפילט מיט אַמאָל פרעמד, קליין און דערשלאָגן. אַלע האָבן איצט אויף אים געקוקט, און ער האָט דאָס געשפּירט. ער האָט אויף שנעל איבערגעטראַכט:

„זע־נאָר, מ'האָט אים קוים אַריינגעפּאַקט! מ'וויל אים מיט געוואַלד נייטן צו זאָגן „יאָ"... ער האָט זיך שטאַרק גערוגזט אויף מיקון: ער האָט דאָך מסתמא געוווּסט וואָס דאָ וועט פּאַרקומען, וואָס־זשע האָט ער אים אַהער פאַרנאַרט? ער האָט אים דערציילט אַ מעשה: „גלאַט אַזוי, אַ שמחהלע אין הויז ביי זיי...". ער, חיים־בער, האָט אָבער באַלד דערקענט אין דעם צו ערנסטן קהלן זיך, אַז מ'איז דאָ צונויפגעקומען צוליב גאָר וויכטיקס. אַז ס'איז אַריינגעקומען דער גלח, איז אים ווי דאָס האַרץ איינגעפאַלן. ער האָט באַלד אַלץ פאַרשטאַנען... און זשיפּוני דערעוואַניאַק האָט דאָך אים שוין וויפל מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, און ער, חיים־בער, האָט אים געענטפערט. אַז ער קען עס נישט טאָן... וואָס־זשע האָט מען איצט געבראַכט דעם גלח? און ווער האָט אים, חיים־בערן, אַהער פאַרנאַרט? — מיקו! דער אמתער גוטער פריינד! און מיט אַ גאַנצער הראַמאַדע אים אַרומגערינגלט!...".

ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך געריוויטלט. וואָס זאָל ער ענטפערן?

דאָס פאָטערל האָט זיך דערפילט זיכערער:

— פאַרוואָס־זשע שווייגסטו, חיים־ביר? שעמסט זיך פאַר אונדז? ס'זענען היימישע מענטשן!

— אַוודאי היימישע!

— היימישע, זאָגט איר? ער איז דאָך ווי אונדזער אַ ברודער, חיים־ביר!

— אָ־אָ! און נאָך אַזאַ געטרייער! כ'וואָלט מיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט אויף זיינע הענט געטרויט, — האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אַלעקסאַנדערס שכן.

די קאָוואַדלעכע האָט זיך האַרצרייסנדיק צעיאָכמערט:

— און זי, די כלה־מויד, ליגט דאָך איצט אָפּ גאַנצע טעג מיטן שיינעם פּנימל אין קישן איינגעגראָבן, אַז דאָס האַרץ צעגייט זיך דאָס צוצוקוקן. ס׳איז אַ סכנה, מענטשן. ס׳קען איר נאָך, חלילה, עפּעס געשען, אַז מ׳וועט באַלד עפּעס נישט טאָן... און זי וויינט דאָך נישט ווייט פונעם טייך אויך...

דער גייסטלעכער איז אַזש געוואָרן בייז:

— מענטשן! וואָס איז דאָס מיט אייך? וואָס האַלט איר נישט אין די מיילער אייערע, די זינדיקע?!...

— נו, און דו, חיים־ביר, רעדסט נאָך אַלץ נישט? צי אפשר וויל־סטו מיר עפּעס זאָגן בסוד, צי אויף עפּעס זיך מתוודה זיין? ווי פאַר אַ גע־טרייען פאַטער זאָלסטו מיר אַלץ דערציילן, אָן בושה, דו הערסט? יאָ, טייע־רער, ווי אַן אייגן קינד וועל איך דיר אונטער מיינע פליגל אַרונטערנעמען.

חיים־בערן איז ביסלעכוויז די גלִיענדיקע רויטקייט פון די באַקן אָפּ־געגאַנגען. זיינע בליקן האָבן זיך איצט אָפּגעשטעלט אויפן גלח. ער האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן זיין גאַנצן מוט. זיין היימישקייט מיט די פּויערים האָט אויסגעוואפט אין אים, און ער האָט געקוקט מיט בעטנדיקע אויגן צום „פאַטערל״, ווי אַן אומגליקלעכער קינד, וואָס בעט רחמים.

דאָ האָט דער גלח זיך אַ נעם געטאָן צו מוסר:

— דו ווייסט דאָך, חיים־ביר, אַלע זענען מיר זינדיקע מענטשן. מיר פאַרגעסן אין די הייליקע געבאָטן פון גאָט, פירן זיך נישט אויף ווי מ׳דאַרף און בלאָנדזשען און בלאָנדזשען... אָ, יאָ, נישט אַזוי דאַרפן מענטשן לעבן! מ׳דאַרף זיך היטן, אַז ס׳זאָל, חלילה, נישט קומען גאָטס שטראָף אויף דער ערד. יאָ, מיר דאַרפן אַ טראַכט טאָן פון דער שיינער וועלט, פון דער אמתער און פון דעם אייביקן לעבן, יאָ, חיים־ביר... מיר, מיין זון, לעבן נישט מיטן אמת; פאַרקערט, מיר זינדיקן. אַ מענטש דאַרף נישט טראַכטן וועגן זיין טאַטע־מאַמע אויף דער ערד, נאָר וועגן זיין פאַטער אין הימל, וואָס איז עלטער און גרעסער און אַוודאי מעכטיקער פון אונדז, אָרעמע, אויף דער ערד... און אַ מענטש דאַרף אויך נישט אין זינען האָבן די ירושות און פאַר־מעגנס, וואָס ער זעט דאָ מיט זיינע גייציקע אויגן און וואָס ער קען זיך מיט זיי נישט אָנזעטיקן, נאָר ער זאָל בעסער טראַכטן פון הימלשע אוצרות פון גאָט, וואָס מער גליק און פרייד פון דעם איז שוין גאָר אויף דער וועלט

נישטאָ. ווייל אַזוי האָט אונדז געלערנט אונדזער האַר יעזוס: „לייג נישט אָפּ פאַר זיך קיין אוצרות אויף דער ערד, ווו דער מאָיל און דער ראָסט קענען דאָס פאַרדאַרבן, און ווו גנבים קענען זיך איינברעכן און באַרויבן — נאָר לייג אָפּ פאַר זיך אוצרות אין הימל, ווו נישט קיין מאָיל און נישט קיין ראָסט קענען דאָס פאַרדאַרבן און ווו גנבים קענען זיך נישט איינברעכן און באַרויבן... ווייל ווו דיינע אוצרות זענען, דאָרט איז אויך דיין האַרץ״.

ער האָט אויף אַ מינוט אָפּגעהאַקט.

אַלע זענען געזעסן הכנעהדיק־שטיל: „אָ, ווי דאָס הייליקע מויל האָט זיך מיט אַזאַ פרישן קוואַל וואַרעמע רייד צעגאָסן? פערל שיטן זיך פון זיין מוילן!״. אַ שטימונג פון יראה און באַוווּנדערונג פאַר די דערהויבענע גייס־טיקע הויכקייטן און ערלעכקייטן, וואָס דער פּראָסטער, זינדיקער מענטש קען זיי גאָר נישט באַגרייפן, האָט די פויערים דורכגענומען. מ׳האָט צע־עפנט די מיילער, אויסגעגלאָצט אויפן פּאָטערל ברייט־צעפּראַלטע אויגן און בייגעריק געוואַרט אויף נאָך ווערטער. און חיים־בער איז געזעסן ווי אַ פאַרשטאַרטער און האָט געקוקט דעם פּרעדיקער אין די אויגן אַריין.

דער הייליקער האָט פאַרגעזעצט:

— יאָ, ליבער, ווו דיינע אוצרות זענען, דאָרט איז אויך דיין האַרץ. און איך דענק, הנ״ם־ביר, אַז דיין האַרץ איז איצט מיט אונדז, מיט דעם שיינעם, ריינעם גייסט פון אונדזער האַר יעזוס, און אָט מיט די פיינע באַ־לעבאַטים. און דיין האַרץ איז דאָך שוין אויך פאַרבונדן מיט איינער פון אונדזערע באַלעבאַטישע טעכטער. זי איז דיר איבערגעגעבן מיט איר גאַנ־צער נשמה און דו האָסט זי ליב. דאַרפסטו אויך איר ערלעכן גלויבן אָננע־מען. יאָ, הנ״ם־ביר, זעסט אויס צו זיין אַ קלוגער. דו דאַרפסט זיך גערן מיט אונדז פאַראייניקן. ס׳איז דאָך פאַר דיין אייגענער טובה, פאַר דיין גליק, נישט אַזוי?

— אַוודאי פאַר זיין טובה! — איז דער קלוגער קאַוואַל אומגערן אַריינ־געפאַלן, ווי אין אַ קלעפּיקן זומפּ, און זיך קוים צוריקגעכאַפּט, — המ...

און דאָס פּאָטערל האָט זיך אַלץ מער צעוואַרעמט:

— און וואָס האָסטו דאָרט ביי דיין טאַטן? מיינסט, הנ״ם־ביר, כ׳ווייס נישט ווי ער פּייניקט דיך אָן רחמנות? דאָס הייסט אַ טאַטע? ער איז דאָך אַ

מערדער! אַ מענטש מעג דען אַזוי זיין?... אָ, ביי אונדז קריסטן, וועסטו אַזעל־כע גרויזאַמע מענטשן נישט געפינען. ניין, בשום אופן נישט! און סך־הכל איז דאָך אַזאַ יונגער מענטש ווי דו אַ שיינקייט און אַ ברכה פאַר אַ טאַטן און ער איז זיך אַזוי נוקם אין דיר! יאָ, אַ חידוש, הײַם־ביר, וואָס דו האָסט זיך פון אים ביז איצט נישט אָפּגעריסן. איז אויף ווען וואַרסטו? דו זעסט דען נישט, אַז דיין טאַטע טרייבט דיך פון זיך מיט שטעקנס, ווי אַ קרעציקן הונט? ער איז דאָך דיר אַ דם־שונא, דיין „גוטער" טאַטע!... און פאַרוואָס איז דאָס? — ווייל אַ זינדיקער ייִד איז ער, אַ שלעכטער מענטש, אַ פאַר־דאַרבענער!... און ביים דעם פאַרדאַרבענעם וועסטו קיין גוטס נישט קריגן און קיין גערעכטיקייט נישט געפינען. האָסטו דען נישט געהערט די זיסע ווערטער, וואָס אונדזער האַר יעזוס האָט געפּרעדיקט? „יעדער בוים, זאָגט ער, איז באַוווּסט נאָר לויט זיינע אייגענע פּרוכטן, ווייל פון קיין דאָרן־ביי־מער קענען מענטשן קיין פייגן נישט אַראָפּנעמען, און אַזוי אויך קענען זיי פון קיין בראָמבער־ביימלעך נישט איינזאַמלען קיין טרויבן"... און דיין טאַ־טע, הײַם־ביר, איז אַ שלעכטער מענטש. זיין מויל איז פול מיט קללות און בייזע רייד און זידלערייען, ווי ביי אַ פאַרשאָלטענעם, אַזוי אַז מ'טאָר פשוט אויף זיין ערד נישט שטיין. מיינסט, איך ווייס נישט וואָס ער טוט דיר? אָ, דער האַר יעזוס וועט קיין מאָל נישט מוחל זיין אַ מענטשן מיט אַזוי פיל גאַל און שינאה... אַזאַ שלעכטער ייִד!...

— און אונדזערע קריסטן זענען דאָך גאָר אַנדערש... ביי גאָט, אַנ־דערש, — האָט זיך שוין נישט איינגעהאַלטן דער רייכער שכן.

— און דאָס איז נאָך, מ'שטיינס געזאָגט, אַ טאַטע, כאַ־כאַ־כאַ! — האָט מיט אַ גראָב־צעקייקלט געלעכטער זיך אונטערגעהעצקעט דער קאָוואַל.

— נישט אומזיסט האָט אים די גאַנצע וועלט פיינט, דעם ייִדן!

— אַפילו די ערד האָט אים פיינט, און נישט אומזיסט לאָזט מען אים נישט צו צו איר.

— אַוודאי, אַ פאַרשאָלטענער!...

— אַ פאַר־שי־ווע! — — — —

דער גלח האָט אָנגעקוקט די באַלעבאַטים מיט זייערע ווייבער. יאָ, דאָס פאָלק טרעפט אין ציל. גראָד איצט, ווען ער האַלט ביים ייִדן מאָטלי,

שאַדט נישט, אַז עמיצער זאָל אַריינוואַרפן אַ וואָרט. אָבער — ווי מ׳האָט זיך צערוישט! ווי אַן אָפּגעריסן וואַסער! זאָל ער נאָר נאָכלאָזן די לייצעס, וועט עס קראַקען ווי די וואָראַנעס ביז טאָג, דאָס פּוסטע פּויערים־פאָלק! ער איז געווען צופרידן, דער פירער און האָט מורא געהאַט, אַז די צעלאָזטע צינגער זאָלן חיים־בערן צופיל נישט וויי־טאָן...

ניין, מ׳דאַרף עס מאַכן אויסגערעכנט!.. און ווו איז דער דרך־ארץ? אַלע מאָל שפּרינגען זיי אַריין, די ליידאַקעס, ווי די ווילדע ציגן אין גאָרטן און פאַרגעסן אַפילו, אַז זיי האָבן אים, דעם וועגווייזער, געלאָזט שטיין אין מיטן וועג. פּוסטע פּלוידער־זעק!

אַ פאַרדראָס האָט אים אַ צופּ געטאָן:

— המ, באַלעבאַטים, לאָז שוין זיין שטיל! און איר, באַבעס... פאַרמאַכט די מיילער, לאָזט אויסרעדן אַ וואָרט!

ער איז אַוועק ווייטער, מיט אַלץ מער זיכערקייט. דאָס קול איז געוואָרן העכער, וואָרעמער, פול מיט קראַפט. ער איז געשטאַנען אויף די פיס, און דער קאָפּ האָט זיך שטאָלץ אויפגעהויבן איבערן הויכן ברייטן קערפּער, ווי פעסט באַשלאָסן אויף אַ גרויסן קאַמף. איבערן פעסטן, בלאַסלעכן פּנים האָט איצט אַרומגעשפּילט אַ היציקע רויטקייט, און די אויגן האָבן געלויכטן מיט צופרידנקייט, וואָס ס׳איז שוין אויפגעקומען אין האַרצן די געטלעכע התלהבות.

קוקט אים אָן חיים־בער ווי פאַרכישופט, און ער פּרעדיקט ווייטער:

— יאָ, הנ״ם־ביר, ס׳איז אמת... ביי אונדז, מענטשן פון קריסטלעכן גלויבן, וועסטו אַזוי פיל שלעכטס נישט טרעפן. ביי אונדז האָט נישט דער יצר־הרע און דער שטן אַזאַ שליטה איבערן מענטשן און דער מענטש טראָגט נישט אין זיך אַזאַ רישעות. ניין! און דו אַליין ווייסט עס דען נישט? אָט נעם, אַ שטייגער, אונדזער דאָרף, און טאַקע די חשובע באַלעבאַטים אָט־אָ־דאָ־אָ, — קען מען ביי די ייִדן קריגן אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל גוטסקייט, וויפל ביי זיי? זאָג דעם אמת, הנ״ם־ביר... און דו מיינסט, ס׳אַ חידוש? אָט אַזוי, מיין ליבער, ווערט דאָס קריסטלעכע פאָלק פון קינדווייז אָן דערצויגן, אין ליבע... ווי ס׳שטייט געשריבן אין אונדזערע הייליקע שריפטן: „קיין טויט און קיין לעבן, קיין שום קרעפטן און קיין שום זאַך וועט אונדז

נישט קענען אָפּשיידן פון דער ליבע פון גאָט, וואָס איז אין קריסטוס יעזוס, אונדזער האַר". און האָסטו דען נישט געהערט פון די הייליקע געבאָטן פון אונדזער גרויסן האַר? דאָס ערשטע געבאָט, זאָגט ער, איז: „גאָט איז איי־נער", און דאָס צווייטע, זאָגט ער, איז: „זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין". און איצט פאַרשטייסטו שוין, הנם־ביר, פאַרוואָס אונדזער קריסט־לעך פאָלק האָט אין זיך אַזוי פיל ליבע און באַרעמהאַרציקייט? — עס איז אונדזער גאָטס לערע, מיין טייערינקער, אונדזער הייליקער גלויבן...

אַ היץ האָט אַזש דעם פּרעדיקער דורכגענומען. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך איצט דער לייכטסטער שאָרך נישט געהערט. אַלע האָבן געקוקט אויף דעם ברייטן, שטאָלצן קאָפּ מיט די לאַנגע צעוואָרפענע האָר פון הינטן; אויף דער שוואַרצער, ברייטער באָרד און אויף די צעפלאַמטע דורכדרינ־גענדיקע אויגן, מיט די ערנסטע, געדיכט־באַוואַקסענע ברעמען, און אַ היי־כע פרייד און אַ גרויסע, ערלעכע באַוווּנדערונג האָט די מענטשן אַרומגע־כאַפּט. אַזאַ הייליקייט! אַזאַ הייליקייט! ווי שטענדיק אין אַ געוואַלדיק־ערנ־סטער פּאָזע, הויך־אויסגעצויגן און מיט מלכותדיקער ברייטקייט אויף דער בימה אום פּסח; ווי דעמאָלט, ווען ער צעקאָכט זיך און ס׳שטראָמען פון זיין מויל אַ ים מיט ערלעכע רייד וועגן דעם אומגליקלעכן יעזוסן, דעם פאַר־פייניקטן — אַזוי האָט ער איצט אויסגעזען, דער פּאַסטער.

און — מיט אַלץ מער התלהבות:

— און דו ווייסט, הנם־ביר? די יידן זענען דאָך נאָך אַמאָליקע צייטן שוין געווען זינדיקע. דאָס איז דאָך קיין פאָלק נישט, קיין מענטשן נישט. אָ־אָ, ברידער מיינע, אַ שלעכט פאָלק איז דאָס, אָט דאָס יידישע, און קיין טיף־איינגעוואָרצלט בייז וועסטו אַזוי גיך פונעם האַרץ נישט אויסוואָרצ־לען... ווי האָט געזאָגט דער געזאַלבטער יעזוס, אונדזער האַר: „פון קיין דאָרן־ביימער קענען מענטשן קיין פייגן נישט אַראָפּנעמען...".

— און איצט, מיינע פריינד, — האָט דער גייסטלעכער זיך פאַרלוירן אין התלהבות און אָנגעהויבן טענהן פאַרביטערט שוין צו דער גאַנצער הראַמאַדע, — איצט, אין אָט דער צייט, מיין איך, וואָס מיר לעבן, איז דאָך פון די יידן פּשוט נישט אויסצוהאַלטן, וואָרעם נאָר פון אָפּנאַרעריי לעבט אָט דאָס פאָלק... און לאָזט זיי דען עמיצער נישט לעבן שענער? אַוודאי לאָזט

מען זיי! דאָס קריסטלעכע פאָלק איז אַ ברייטהאַרציקס. יאָ, ברידער... מ׳גיט זיי אַלץ, די ייִדן!... און דערט מיט זיי, זענען זיי מיוחסים נאָך, גאָטס דער־ווײלטע! אָ־יאָ, ברידער מיינע: ווער עס וויל נישט אויף אייביק אַ זינדיקער בלייבן, יענער דאַרף זיך אָפּקערן פון זיי; ווייל אַ ביטערע שטראָף וואַרט אויף זיי אין הימל, זאָג איך אייך!... יאָ, נישט אייביק וועלן אונדזערע אָרע־מע ברידער שווייגן ווי די שטומע שאָף און פאַרקנעכט זיין ביי זיי, ווי פּאַר־קויפטע שקלאַפן, פאַרבאַרגט און פּאַר משכונט. אין נאָמען פון פאָטער און זון און דעם הייליקן גייסט, זאָג איך אייך, אַז גאָט וועט די זינדיקע נישט מוחל זיין... אַז ווײל איז דעם מענטשן, וואָס וועט זיך באַצייטנס אָפּקערן פון זיי און זיך באַקערן צום אמתן גלויבן... יאָ, צו דער ריינער אמונה פון יעזוס, אונדזער האַר, און צום הייליקן גייסט זיינעם...

און דאָס „פּאָטערל" האָט זיך דערנענטערט צום סוף, אַן אָנגעצונדענער מיט „הייליקן" צאָרן:

— און נאָך גאָר אין גיכן, זאָג איך אייך, וועט קומען דער טאָג, ווען אונדזערע קריסטלעכע ברידער וועלן ירשענען דאָס גוטס פון דער ערד, וואָס זיי אַליין טאָקע האָבן פאַרהאָרעוועט, און אין „זיי", די רשעים, וועט אונדזער פאָלק זיך נוקם זיין. ווייל נישט אייביק וועט דאָס געפּלאָגטע רו־סישע פאָלק לעבן אין אָרעמקייט און די פּראַצע פון דער אייגענער ערד צו די ייִדן אַוועקשענקען. און — אָ־אָ, אַז די באַרויבטע וועלן אַמאָל קריגן שכל און אויפשטיין אָפּצונעמען ביי די רויבער דאָס רויב! די יודאַקעס וועלן דעמאָלט אין אַלע לעכער לויפן פונעם פאָלקס צאָרן זיך צו באַהאַלטן, און אַפילו דאָס גנעדיקע פּאָטערל, דער צאַר, וועט אונדז דאַן אַרויסהעלפן, ווי ער האָט דאָס שוין נישט איין מאָל געטאָן. און אָט דעמאָלט, גוטע מענטשן, וועט עס זיין די לעצטע נקמה. מיטן וואָרצל וועלן מיר אָט־די יעזוס־קריי־ציקער אויסרייסן... די קריסטלעכע וועלט וועט דעמאָלט פון די דאַרמאָ־יעדניקעס באַפרייט ווערן און דעמאָלט וועט דער גוטער האַר, דער אַל־מעכטיקער, צוליב זיין באַליבטן זון יעזוס, אונדז בענטשן מיט אייביקן פרידן אויף דער ערד...

— הינטישע זין! — האָט שינאהדיק אַרויסגעשיפּעט קאַטערינאַס פּאַ־טער.

— יהודה איש קריות! — האָט זיך נאָכגעגעבן דער מיושבדיקער שמיד אַ ביטער־אויפגערייצטער.

די הראָמאַדע האָט צאָרנדיק אויפגעקאָכט:

— יאָ, מיטן גוטן וועסטו מיט אַזעלכע גאָרנישט מאַכן; גוט דורכ־קלאַפּן דאַרף מען זיי, אָט וואָס!

— אַוודאי אַזוי, אַוודאי! פּשוט, די מיוחסים ביי די פּעטליעס אָנגעמען און די קישקעס פון די בייכער אַרויסזעצן, וואָלט איך געזאָגט, — האָט זיך צעקוויטשעט דעם קאָוואַלס באַשערטע.

— ריכטיק... ווייל בלויז אויסרייסן אַ פּאָר בערד און צעהאַקן עטלעכע שויבן, איז נאָר אַ נאַרישקייט!

— קרייציקן דאַרף מען זיי, ווי זיי האָבן אונדזער האַר יעזוסן געקריי־ציקט! — האָט זיך איינער אַ צעהיצטער אויפגעהויבן מיט אַ פויסט אין דער לופטן.

— דאָס גאַנצע ערלעכע רוסישע פאָלק וואָלט זיך געדאַרפט פאַראייניקן און זיי פאַרטיליקן.

— איך וואָלט צו אַזאַ זאַך דער ערשטער געגאַנגען, ביי גאָט, דער ערשטער! — האָט אַ שפּרונג געטאָן אַ הייסער פון זיין בענקל מיקו, און, הפנים פאַרגעסן זיין חבר. — זשידאַן אַדראַ־קו לאַי...*

— אויסקוילען ווי די לעמער, וואָלט איך געזאָגט, אַזוינע יעזוס־פּייני־קער!

— און מ׳דאַרף נישט וואַרטן אויך, הינטישע פּגירות!

— אַפילו די מינוט וואָלט איך געגאַנגען די ייִדן פאַרטיליקן. ביי גאָט שווער איך!

— פּיו!... פּיו!...

— באַלד, באַלד זיך נעמען צו זיי מיט העק און אייזנס אין שטאָט אַריינקומען, גאָטס פאַרשאָלטענע!

— אַפילו מאָרגן אין דער פרי וואָלט איך געגאַנגען!

— אַוודאי מאָרגן! מ׳דאַרף נאָר לאָזן וויסן דער הראָמאַדע...

---

* טייוולשע ייִדעלעך.

— אָ, אַז מיר ווילן זיך צו זיי אַ נעם טאָן, וועט קיין שריד ופליט פון זיי נישט בלייבן...

— מאָרגן... מאָרגן אין דער פרי!...

מ׳האָט זיך ביז־צערייצטע אַרומגעוואָרפן אויף די בענקלעך און אויפן דיוואַן, זיך אַלע מאָל אויפגעהויבן פון אומרו און פאַרביטערטקייט, זיך צו־ריק אַוועקגעזעצט און געשאָלטן די „זשידאַנעס". מ׳האָט געשפּיגן מיט ווילדן כעס, צעקאָכט און אויפגערעגט געשריען מיט הויכע, גראָבע קולות אַלע אינאיינעם, אומרויק זיך געקראַצט די געדיכט־פאַרוואַקסענע, צעשויבערטע קעפּ און צאָרנדיק געוואָרנט מיט פאַרדריקטע פויסטן אין דער הויך. אַז איינער האָט אַ צעווילדעוועטער אַ וואָרף געטאָן זיין קוטשמע אויף דער ערד און זיך אויפגעהויבן, זענען שוין אַלע פאַרזאַמלטע געשטאַנען אויף די פיס, געפילדערט מיט צעצונדענע פּנימער און געשוימט מיט כעס — אָט גייט מען די יידן חרוב מאַכן!

דאָס פאָלק איז אַרויס פון די כלים.

ערשט איצט האָט דער דאָרפישער גלח זיך געכאַפּט ווהין ער איז מיט זיין געטלעכער דרשה פאַרקראָכן: „המ, נישט דאָס האָט ער געדאַרפט זאָגן, בדי אַריינצוזייען דעם יידישן בחור אין דער אמונה פון אמת און ליבע".

איז איצט, ווען די פויערים האָבן זיך צערוישט מיט נקמהדיקע אויסרופן און וואָרענונגען, האָט דער שטאָלצער גייסטלעכער זיך צעמישט, אַז ער איז אַזש געבליבן זיצן ווי אַ שרעקלעך פאַרמאַטערטער. ער איז אַ פאַרשוויצטער אַרומגעלאָפן מיט די גרויסע אויגן איבער די פּנימער פון די צעקאָכטע, זשומענדיקע פויערים, און מ׳האָט דערקענט, אַז ער וויל זאָגן עפּעס זייער נייטיקס. ער האָט זיך, הפּנים, צופיל פאַרלוירן... און דאָ האָט זיך דער עולם אַזוי משוגע צעקאָכט, אַז קיינער האָט זיך שוין אַפילו צום פּאַטערל נישט אומגעקוקט. וואָס טוט מען? איז ער געזעסן אַזוי אַ היפּשע ווילע, געקוקט אַ ברוגזער אויף דער צעלאָזענער הראַמאַדע, ביז ער איז אַן אַנטוישטער אַוועק זיך אַנטאָן.

חיים־בער איז נאָך אַלץ געזעסן אויף זיין בענקל. ער האָט זיך איינגע־קאָרטשעט, ווי אַ דערשראָקענע בריאה, ווי ער וואָלט זיך דאָ נישט ווען אַרויסזען. ער איז געווען בלאַס, די אויגן צעפּראַלט און פאַרגאַפט, און דער

קאָפּ האָט זיך געדרייט רעכטס, לינקס, ווי אויף אַ ספּרוזשינע אָנגעשטעלט. ער איז געזעסן אַזוי אַ היפּשע ווײַלע אַ פאַרשטומטער, זיך געפּלאָגט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— וואָס זיצסטו אַזוי פאַרזאָרגט, חיים־ביר? — איז אונטערגעקומען דער גלח אַן אָנגעטוענער. — נישט געזאָרגט, טײַערער, דיר וועט זײַן גוט בײַ אונדז, זייער גוט... הער, חיים־בירו, קענסטו מאָרגן צוקומען צו מיר?

חיים־בער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשטאַמלטער:

— האַ? צ־צו אײַך?... מ־מאָרגן?... יאָ, פאַרוואָס נישט?...

—כ׳האָב זיך דאָ אַביסל פאַררעדט, כי־כי... נו, אַנטשולדיק, אַ גוטע נאַכט...

די געסט האָבן זיך פּלוצים אַרומגעזען, אַז זייער פירער איז אַוועק און זענען געוואָרן שטיל. און ווו איז דער ייִד? שוין אויך אַוועק!... וואָס־זשע וועט זײַן? מ׳איז דאָך אַפילו נישט געקומען צו קיין טאָלק! המ, אַז די אומ־ריינע היהשע בלוטן צעקאָכן זיך, אין דר׳ערד אַריין!...

שטיל. מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט כמורנע און אָן ווערטער. פון דרויסן האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דאָס האַרבסטיק־אומעטיקע טריפן פון דריבנעם רעגן. די וויסטקייט פון דער טיפער, פוסטער און נאַסער נאַכט האָט נאָגענ־דיק זיך אַרײַנגעריסן אין שטוב צו די אַרומיקע מענטשן. האָבן זיך אַ פּאָר גענומען קראַצן די פּאַטילניצעס, אַרויפגערוקט איבערן קאָפּ די קוטשמעס, אויפגעשטעלט די רעקל־קאָלנערס און אײַנגעבויגענע, מיט אַ שטילער „אַ גוטע נאַכט״ זיך אַרויסגעשלײַכט פון שטוב.

און באַלד האָבן זיך שוין אַלע גענומען אַרויסרוקן צו דער קאַלטער, רעגנדיקער נאַכט.

קאַפּיטל 15

ראַנגלעניש

הו — — !... הו — — — — !...

אָוונט. ס׳איז געווען אַ טרוקענער וועטער. ס׳האָט געשמיסן אַ בייזער צעהוליעטער ווינט פון שפּעטן האַרבסט, וואָס זאָגט־אָן דעם דאָרף אַז דער ווינטער קומט. באַלד וועט מען האָבן אויף אַלע וועגן פרעסט און שנייען און זאַווערוכעס. דאָס דאָרף וועט ליגן פאַרחלומט, אָפּגעלאָזן און עלנט, ווי פאַרוואָרפן אין אַ העק צווישן הויכע, אומעטיקע שניי־בערג, און די זומער־דיקע לוסט און פריילעכקייט וועט שוין האָבן פאַרגאַנגען גלייך מיט דער העלער זון־שיין און דער מחיהדיקער וואַרעמקייט.

פון דער ווייטער וועלט איז אויף די פעלדער אַ יאָגנדיקער ווינט אָנגעקומען, רוישיק אין דאָרף אַריינגעשמיסן, און אַ צעהוליעטער אַוועק איבער אַלע וועגן און פאַרוואָרפענע ערטער. ס׳האָט געפייפט און געזשומעט העט אַרום. איבערן דאָרף זענען אַרומגעפלויגן אויפגעבלאָזענע און צע־שמיסענע קופּעס געלע בלעטער, וואָס זענען שוין פריער געדיכט־אָנגעטאָפּטשעט געלעגן צונויפגעשאַרט אַרום די ווענט פון די כאַלופּעס. ס׳האָבן הודזשענדיק זיך געבראָכן אין ווינט די צווייגן און אַלטע שוואַכע און צע־פּאַרענע פלויטן האָבן אַרומגעקוויטשעט, ווי לעבעדיקע ברואים. ערטערווייז האָבן אָפענע הויף־טירלעך סקריפּענדיק זיך אַרומגעוואָרפן ווי צוגעבונדענע שטוב־חיהלעך, וואָס ווילן זיך אָפּרייסן און אַנטלויפן. האַרט אַרום די ברעגן פון נאָענטן טייך האָבן לצים זיך באַהאַלטן אין טראַשטש, געפייפט, געזשו־מעט און געאַרבעט מעשים. ס׳האָבן געוואָיעט און געסווישטשעט שטרויע־נע דעכער. צייטנווייז האָבן זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופטן ברעקלעך שטויב און שטרוי און פּאַפּיר, זיך צעדרייט אין אַ משונהדיקן ווירוואַר, און מיט אַ בייז־וואָיענדיקן פייפעריי זיך אַוועקגעלאָזט איבערן דאָרף, ווי אין אַ שדים־טאַנץ.

די פויערים זענען געזעסן פאַרשוויגענע אין זייערע שטיבלעך. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום טרעשטשען פון די קליינע פענצטער־שייבלעך, צום אַרומטרייבן זיך פונעם צעלאָזענעם ווינט, צו זיין האַרבסטיק־טרויעריקן פייפן און צום רוישיקן בייגן־זיך פון די אָפּגעפּליקטע ביימער אין די הויף־גערטנער. זיי האָבן זיך אומרויִק איינגעהערט צום הודזשען און קלאַפּן אי־בער די שוואַכע ווענט און טיר און פענצטער און איבערן אָרעמען שטרוי־דאַך, און זיך אַזש איינגעגנורעט: „ס׳אַראַ ווינט! ער זאָל כאַטש, האַרעלע פאָ־טער, מיין כאַטקע נישט צעטאַסקען״. אַפילו אין די שטאַלן איז אומרויִק געווען. די פערד האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט מיט תמעוואַטע־אויפגע־שפּיצטע אויערן און נישט אויפגעהערט צו הירזשען, ווי זיך נאָכפרעגנדיק וואָס אין דרויסן רודערט זיך אַזוי.

חיים־בער האָט געשפּאַנט צו אָשר שענקערס הויז. דער אַלטער האָט אים פאַרבעטן נאָך מיט אַ וואָך צוריק. דער יונג האָט אים אָבער אָפּגע־זאָגט: ער ווייסט דען נישט צוליב וואָס רב אָשר וויל אים זען? און וויפל דער אַלטער האָט מיט אים נישט איינגעטענהט און געבעטן — איינמאָל ניין!...

אָבער זינט דער פאַרזאַמלונג ביי די דערעוואָניאַקס אין שטוב, האָט זיך דער בחור געביטן. ער קוקט אויס דערשלאָגן, איז ווי צעמישט, שוויגט און געפינט זיך נישט קיין אָרט. זינט יענעם אָוונט האַלט ער ביי אַהרן בויקע אין הויף אין איין מייסטערעווען און האַקן און קלאַפּן, הפּנים, כדי צו פאַר־טויבן דאָס צערודערטע געמיט אין זיך. אָפט לאָזט ער פּלוצים איבער אַלץ מיט אַנאַנדער און פאַרשווינדט. נאָך דעם שפּאַנט ער שעהענווייז אַרום אַ שטום־אָנגעבלאָזענער מיט די אויגן צו דער ערד, ווי אין בושה, איבער אָפּגעפאַלענע צווייגן און הרובעס פאַרוויאַנעטע בלעטער, איבער שטיין און תבואה־וואָרצלען, ווערט פאַרפאַלן און קומט ווידער צוריק.

אהרן בויקע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזוינע פאַרוונדערטע בליקן, ווי ער וואָלט נישט געגלייבט אַז דאָס איז חיים־בער. וואָס איז דער בחור אַזוי אומרויִק? וואָס איז מיט אים?... תחילת האָט ער, אַהרן, אים יאָ עפּעס איבערגעפרעגט. אָבער אַז דער בחור האָט זיך אָוועקגעדרייט און זיך פּלו־צים געכאַפּט צו אַן אומנייטיקער אַרבעט מיט אַ מאָדנעם אומרו, האָט אַהרן געטראַכט, אַז ער וועט מסתמא עפּעס געוויר ווערן פון די גויִים. אָבער

זינט די לעצטע עטלעכע טעג שפּאַנט חיים־בער אָפּט פאַרביי אָשר שענ־קערס הויז, ווי ער וואָלט זוכן אַז אָשר זאָל אים פאַרטשעפּען און אַריינרופן. אַז דער שענקער האָט אים איינמאָל אָפּגעשטעלט און אים פאַרבעטן צו זיך אויף אַן אָוונט, האָט ער צוגעזאָגט צו קומען. איצט גייט ער צום אַלטנס הויז.

חיים־בער איז געגאַנגען איינגעבויגן און האָט באַהאַלטן דאָס פּנים פון ווינט. ער האָט זיך געשלעפּט קעגן ווינט פאַרפלייצט פון טרויער, אָנגעלאָדן מיט פלאָגנדיקע געדאַנקען און שטימונגען און נישט געוווּסט ווי זיך גרינ־גער צו מאַכן. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין אַ ביטערן געראַנגל.

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?...

די גאַנצע ליבע צום דאָרף און צו די פּויערים האָט זיך ווי דורך אַ כישוף גענומען אין אים אויסוואַפּן. ער האָט זיך יסורימדיק געדרייט, גע־ראַנגלט זיך, געוואָלט די גרויסע ליבע און וואַרעמקייט צום דאָרף איינ־האַלטן אין זיך און נישט געקענט. אַ מין אַנטוישונג! האָט ער זיך געער־גערט. זענען אים געוואָרן פרעמד די מענטשן... און ער האָט מורא פאַר זיי! זינט ער איז אין יענעם אָוונט בגניבה אַרויס אַ צעטומלטער און דער־שראָקענער פון האָספּאָדאַר דערעוווניאַקס הויז, האָט זיך ווי עפּעס אָפּגע־ריסן אין אים. עס מאַטערן אים אַזוינע ווייטאָגדיקע פאַרדראָסן, אַז ער ווייס נישט וווּ ער איז אין דער וועלט. ער קען נאָך צו זיך נישט קומען! יענע נאַכט, נאָך דער אַסיפה, איז ער שיר פון זינען אַראָפּ פון צערודערטקייט און פון די נאַכטראַכטענישן וועגן זיין צוקונפט. נאָך אויפן וועג פון דער אַסיפה האָט ער זיך פלוצים דערפילט ווי אַ פרעמדער אין דאָרף, אַ דער־ווייטערטער. אָבער ערשט, ליגנדיק אויפן געלעגער ביי אַהרן בויקע, האָט ער דערפילט זיין גאַנצע צעטרייסלטקייט. דער גלח איז אַ גאַנצע נאַכט פון זיינע אויגן נישט אָפּגעטראָטן. וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס? — האָט עס אים אַלץ נישט געלאָזט רוען. „פּאָטערל" רופן זיי אים, „הייליקער", „שליח פון הימל"... גאָט מיינער, ס'איז דאָך אַ חיה! ס'אַראַ בייזקייט און שינאה ער האָט באַוויזן! און ווי ער האָט די פּויערים אויפגערייצט קעגן די ייִדן! ער האָט די דאָרפס־לייט נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזוי. מ'האָט זיך אויפ־

געהויבן ווי צערייצטע חיות, מיט בייזע, גזלנישע פּנימער און אויפגעהויבן פויסטן ווי רוצחים — אַט גייט מען הרגענען ייִדן!

פון דעמאָלט אָן קען ער צו זיך זיך נישט קומען. צום גלח איז ער אויפן צווייטן טאָג נישט געגאַנגען. ער באַגעגנט זיך נישט מיט קיינעם פון זיי. ער גייט אַפילו נישט אַרויס אויפן דאָרף. ער ערגערט זיך, וויל זיך באַפרייען פון דער געשעעניש — און קען נישט. ער פרוווט זיך איינרעדן, אַז די פויערים זענען פּאַרט זיינע פריינד, עס איז אַלץ ווי פריִער — און ס'העלפט נישט!

פון דאַן אָן איז שוין די פערטע נאַכט אַז ער שלאָפט נישט. ער ליגט אַ פאַרטראָגענער, און ס'לאָזט אים נישט רוען. אַמאָל שפּאַנט ער בגניבה אַרויס אין דרויסן — כאָטש ער דערקענט, אַז אַהרן בויקע שטויסט זיך אָן וועגן זיין צער. אָט האָט ער די לעצטע נאַכט געעפנט די זייטיקע הויף־טיר, אַהרן, און אים נאָכגעקוקט. פאַרוואָס־זשע פרעגט ער אים גאָרנישט? איז, הפּנים, אַנטוישט. אָדער אפשר האָט ער מורא זיך אַריינצומישן, אַהרן? און גראָד איצט פעלט אים, היים־בערך, אַזוי אַ פריינד, אַ נאָענטער מענטש, וואָס זאָל רעדן צו אים ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו אַ ייִדן, אין אַ האַרציקן מאַמע־לשון, און אים באַרויקן.

ער האָט געשפּאַנט אין ווינט און די נאָכקלערענישן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט:

ווי אומגליקלעך ער איז! ווי אַזוי דרייט מען זיך אַרויס? ער האָט געהאַט אין דאָרף אַזאַ היימיש, ליב וויניקעלע, אַזאַ טייערע וועלט — און פּלוצים האָט מען אים פאַרטריבן! ער וואָלט שוין וועלן וויסן וואָס דער אַלטער רב אשר וועט אים זאָגן. אַ קלוגער ייִד!... יאָ, ווי אַ מחיצה האָט זיך אויפגעהויבן צווישן אים און דעם דאָרף. ער דערמאָנט זיך ווי גזלניש די גויִים האָבן אויסגעזען, ווען דער גלח האָט צו זיי גערעדט וועגן ייִדן, און ווי דערשלאָגן און דערנידעריקט ער איז דעמאָלט געזעסן אויף זיין בענקל. ער האָט זיך גאָרנישט געוווסט ווו צו באַהאַלטן! זינט ער לעבט, האָט ער אַזוי נישט געפילט אַז ער איז אַ ייִד, ווי אָני יענעם טרויעריקן אָוונט. אַ מין שינאה! אַ מין רציחה! און דאָס הייליקע פּאַטערל איז אַ פּרעדיקער פון ליבע און גוטסקייט, כי־כי...

די לעצטע נאַכט, אַז ער האָט אויפן געלעגער זיך דערמאָנט, ווי דאָס „טאַטעלע" האָט ביים סוף זיך געכאַפּט, אַז ער איז פאַרקראַכן אין אַ בלאָ־טע און שמייכלענדיק אַזוי חניפהדיק אים, חיים־בערן, פאַרבעטן צו זיך אַהיים, האָט ער זיך פּלוצים ווילד צעלאַכט. אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צעלאַכט, איז ער געבליבן ליגן אַ ווײַלע מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און זיך איינגעהערט: ער האָט קיינעם נישט אויפגעוועקט? ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שוין אַ היפּשע ווײַלע ווי ער הערט אַז אַהרן און זיין ווייב שושקען זיך פאַרדעכטיק אין צווייטן צימער, און אַז ער האָט זיך, צוליב זיין פאַרטראַגנקייט נישט געקענט דערויף אָפּשטעלן. איצט, נאָכן געלעכטער, האָט ער דערהערט אַז יענע זענען פּלוצים איינגע־שוויגן, ווי די שטומע ווענט.

וואָס־זשע וועט איצט זיין מיט קאַטערינאַן?...

איר געשטאַלט האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן. זי האָט גע־קוקט אויף אים אַ פאַרוויטיקטע און בעטנדיק אים געפרעגט מיט די גרויסע אויגן, צי ס'איז אמת, אַז ער וויל זיך פון איר אָפּזאָגן. די חנוודיק־רירעוו־דיקע, דיקלעכע פיגור אירע מיטן שיינעם פּנים און שוואַרצן קאָפּ האָר, מיט די צווי לאַנגע, דיקע, אויף־הינטן־פאַרוואָרפענע צעפּ, איז געשטאַנען אין דער ווייט קעגן די אויגן. פּלוצים איז זי צוגעקומען צו אים נאָענט, געשפּאַנט ביי זיין זייט מיט קריוודעס און בקשות, און ס'האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז ער הערט אין ווינט איר קול:

— זע־נאַר, הנים־ביר, פאַרוואָס קומסטו מער נישט צו מיר? ווילסט מיך פאַרלאָזן, טייערער? פאַרוואָס? כ'האָב זיך עפּעס פאַרזינדיקט קעגן דיר?...

און חיים־בער האָט געזען איר רחמנותדיק־צעקרימטן פּנים, געהערט איר בעטנדיק קול, און דאָס האַרץ איז זיך אים צעגאַנגען פון ווייטיק.

— וואָס נעמסטו זיך אַזוי צום האַרצן, קאַטערינאַ?

— האַ?... געדענקסט די שיינע אָוונטן הינטערן קלויסטער, הנים־ביר?

— כ'געדענק, קאַטערינאַ.

— נו, און האָסט מיך מער נישט ליב?

— ליב!... אָבער — — —

— פאַרוואָס קומסטו נישט צו מיר, הנים־בירו?

— כ׳קען נישט, קאַטערינאַ, כ׳קען נישט...

און ער האָט זיך שיר נישט צעוויינט.

ער איז שוין געווען לעבן אָשר שענקערס הויז. אַ יאושדיקע שווערקייט האָט אים געדריקט. ער איז אַריין אין אַלטנס הויז דורכן הויף, דורך דער הינטער־טיר.

אין הינטער־צימער איז געזעסן גאָלדע, די אַלטע שענקערקע, אונטערן שייַן פון אַ קעראָסין־לעמפל אויף דער וואַנט און זיך געפאַרעט מיט אַ שטיקל ווייס געוואַנט. זי האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט אירע בליקן, אָנגעצויגן אירע טונקל־גרויע ברעמען, ווי זוכנדיק עפּעס וויכטיקס, און האָט סך־הכל אָנגעגנייט קנעפּלעך אין אַ העמד. אַז חיים־בער איז אַריינגעקומען, האָט זי פּאַמעלעך אויפגעהויבן איר שווערן, פולן קערפּער און אים באַגעגנט שמייכלענדיק און צעטומלט:

— איז אַריין אין הויף פּאַרזיכטיק, חיים־בער?... ווי אַזוי איז אין דרויסן? שוין אַביסל שטילער? — זי האָט אים געבעטן זיצן. זי האָט אָוועקגעלייגט דעם וואָלענעם שטאָף אויף אַ דערבייַיִקן, נידעריקן שטול און זיך אַרויסגעשלייכט צו די פאָדערשטע צימערן, שלעפּנדיק שווערלעך איר מיטל־וווּקסיקן, צו־דיקן קערפּער און וויגנדיק איר הויך־אָנגעלייגטע פעטקייט פון הינטן, ווי אַן אויפגעבלאָזענע, געשטאָפּטע קאַטשקע.

זי איז צוריקגעקומען מיט אַ תמימותדיק־פרומען שמייכל:

— איין מינוט, חיים־בער. אָט קומט ער אַריין, אָשר.

אין שענק זענען צוליבן שלעכטן וועטער קיין קונים נישט געווען. צוליב געוויינהייט אָבער, איז רב אָשר געזעסן אין שענק. און ווער ווייסט? אפשר וועט פּאַרט אַריינקומען אַ קונה? איצט, נאָך גאָלדעס אַריינקומען, האָט ער באַלד פאַרריגלט די טירן און איז אַריין צום גאַסט.

— אַ גוט אָוונט... זע־נאָר ווער ס׳איז דאָ!

ער איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם בחור מיט זיין געוויינטלעכן מילדן שמייכל, האָט געקוקט מיט פרייד דורך די דיקע, בלויע שפּאַקולן, און האָט זיך אָנגענומען באַלעבאַטיש־ברייטלעך ביי דער צעפּלאָכטענער לאַנגער גרויער באָרד, מיט עטלעכע שורות ווייסע האָר. צוליב זיין צופרידנקייט מיטן גאַסט, האָבן זיך זיינע עטלעכע פאָדערשטע צופיל־אויסגעוואַקסענע,

געלע ציינער זיך אויסגעשטעלט קעגן דער שטוב־ליכט, און ס׳האָט זיך צע־קייקלט אַ הנאהדיק געלעכטערל:

— שי פּאַש, מוי הײַם־בירו, מוי! (וואָס טוסטו עפּעס, העי, חיים־בער, העי!).

און דער בחור, פאַרלעגן:

— וואָס זאָל איך טאָן? סלאַווא דימנאַדזו. (דאַנקען גאָט).

— האָסט געמוזט האָבן אַ פיינעם שליטוועגס איצט־אַ, כי־כי...

— יאָ, ס׳בלאָזט מיט רוחות... אָבער, געזאָגט „כ׳קום״, בין איך גע־קומען.

— כי־כי, וואָס דען, חיים־בער איז עפּעס אַ שאָלטיקל?... נו, זעץ זיך אַוועק, מיין זון, רו זיך אָפּ אַביסל.

דער גאַסט האָט זיך אַוועקגעזעצט.

גאָלדע האָט גלייך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— אַזאַ נאַכט, ווי פון גאָט אַליין!... אַז מ׳לעבט צווישן וועלף, דאַרף מען זיך היטן די ביינער...

דער אַלטער האָט פּאָטאַקעוועט:

— יאָ, ווי גאָט פירט, אַזוי איז גוט...

דער יונג האָט דעם בסודותדיקן שמועס פאַרשטאַנען: זיי האָבן, זעט אויס מורא, די אַלטע לייט, פאַר די גוים. המ, מאָדנע, — האָט ער נאָכגע־קלערט, אַ ייִד לעבט אָפּ אַלע יאָרן אין דאָרף און פילט זיך ווי אַ פרעמדער. אַ רחמנות, כ׳לעבן... רב אָשר איז דאָך אַזאַ ווױלער ייִד און לעבט מיט די פּויערים אין פריינדשאַפט — און ער פילט זיך ווי צווישן וועלף! אַלע יאָרן אינאײנעם, ווי אייגענע ברידער — און איז נישט זיכער! ס׳זאָל זיי עפּעס נישט געפעלן, איז ער אין געפאַר... יאָ, זיי פילן זיך דאָ ווי איינגעבעטענע, די פאָר ייִדישע פאַמיליעס אין דאָרף, ווי פרעמדע.

— איר האָט מורא געהאַט איך זאָל קומען צו אייך, רב אָשר? — האָט ער געבראָכן די שטילקייט.

— אמת, פאַרוואָס זאָל איך פאַרלייקענען, חיים־בער? ווייסט דאָך ווי־דאָס דאָרף קאָכט מיט דיר.

די אַלטע האָט זיך נישט איינגעהאַלטן:

— זיי פּגרן דאָך שיר, אונדזערע „ליבע״ פריינד, אַז זיי זאָלן שוין זען ווי דו לייגסט אין קלויסטער דעם צלם.

חיים־בער האָט זיך פאַרלוירן:

— וואָס־זשע, כ׳גיי שוין?

די אַלטע האָט זיך צערעדט מיט ווייטיק:

— יאָ, חיים־בער טייערער, מיר זענען דיר גוטע פריינד... נאָך דעם וואָלסטו דיר פאַרשאָלטן דיין געביין, די שעה זאָל נישט זיין. וואָלסט זיך קיין מאָל נישט מוחל געווען. און אַזאַ גריזשען זיך מיט אַזאַ חרטה, ווינטש איך נישט מיינע ערגסטע שונאים.

אין דרויסן האָט דער ווינט נאָך אַלץ געוואָיעט. צייטנווייז האָט מען געהערט אַ רגע איז געוואָרן שטיל, ווי אַ טומלענדיקער וואַסערפאַל וואָלט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט — און אָט האָט ווידער געראַשט. אין שטוב איז געוואָרן שטיל. מ׳האָט זיך געפילט געדריקט. מ׳האָלט אַזוי פיל חיים־בערן צו עצהן און איבערצופרעגן. ער, אָשר, ווייסט דאָך אַפילו פון דער געהיי־מער פאַרזאַמלונג ביי די דערעוואַניאַקס; איז געוווּיר געוואָרן פון די סודות פון יענעם אָוונט פון אַ פויער, אַלעקסאַנדערס אַ שוואָגער, וואָס האָט זיך פאַרשנאַשקעט אין שענק. אמת, פונקט וואָס דאָרט איז פאַרגעקומען האָט ער פון זיין פאַרפּלאָנטערטער צונג נישט געקענט אַרויסקריגן; איבערפרעגן האָט ער מורא געהאַט, טאָמער וועט זיך ביים שיכור עפּעס איינקריצן אין מוח און ער וועט אים דערנאָך מסורן אין דאָרף. אָבער, דאָס ביסל, וואָס ער האָט געכאַפּט פון יענעמס באַלאַקען און שעלטן די ייִדן, איז געווען גענוג.

דער שענקער האָט אַרויסגערעדט:

— וואָס־זשע דאַרפסטו זיך אַזוי ערגערן, גאָלדעלע?

זי האָט אָפּגעזיפצט:

— ווייל ס׳אַ ווייטיק, אָשר, ס׳איז אַ ייִדישע נשמה...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ גרילצנדיקער רוק פון אייזן, זייער פאַרזיכ־טיק. ס׳איז עמיצער אַריין אין הויף און פאַררוקט דאָס טירל אויפן ריגל. באַלד האָט זיך געעפנט די שטוב־טיר און ס׳זענען אַריינגעקומען מאָטל פּי־שער און זיין ווייב לאה. זיי זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר, ער הינטער

איר, ווי אומישנע באַהאַלטן, אוןביידע איינגעבויגענע פון מידקייט פון שווערן וועג, האָבן געסאָפּעט אויפן קול. באַלד זענען זייערע צעטראָגענע בליקן אַריבערגעלאָפן צו חיים־בערן, און זייערע פנימער האָבן זיך צע־קרימט. זייערע מידע אויגן האָבן געקוקט דאָ אויפן אַלטן אָשר, דאָ אויף גאָלדען, און געבעטן רחמים.

— ט׳נאָוונט! — האָט חיים־בער פּלוצים אַרויסגעזאָגט און זיך אויפ־געהויבן.

דעם אַלטן האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן:

— וואָס פון דעם אייזערנעם מאָטל פישער איז געוואָרן!

ער האָט זיי אָנגעקוקט און נישט געוווסט מיט וואָס אָנצוהייבן.

און דאָ האָט דאָס ווייב, דווקא אַ יידענע, זיך בריהש אַ מונטער געטאָן און זיך צעלאָזט מיט אַ קוויטשעלע, ווי אַ קאַזאַטשקע:

— זע־נאָר ווי זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, ווי בעט־לערס! ווהין, מיינט איר, זענט איר געקומען? צו ראָטשלידן, צי צו אַ פּריץ אַ פּראָגראַמשטשיק? קומט אַריין נענטער, נעמט בענקלעך, זעצט זיך אַוועק און מאַכט זיך היימיש... מ׳וועט אייך דאָ נישט דערהרגענען, האָט קיין מורא נישט!

און זי האָט באַלד אָנגעכאַפּט מאָטלען ביי אַן אָרעם און אים צוגעשלעפּט צו אַ בענקל ביי דער וואַנט. לאה האָט נאָכגעשפּאַנט איר מאַן. זי האָט גע־שפּאַנט אַ שטילע, אַ דערמוטיקטע, מיט פרישע האָפענונגען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נישט ווייט פון איר מאַן און אַראָפּגעלאָזט איר גרויסן טונקל־קאָלירטן שאַל פון קאָפּ אויף די פּלייצעס. אָבער קיין קול האָט מען נאָך פון איר נישט געהערט.

און חיים־בער? אַזוי ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרציטערטער ביים טאַטע־מאַמעס אַריינקום, אַזוי איז ער געשטאַנען, און די אויפגעריסע־נע אויגן האָבן זיך געדרייט אויף אַלע זייטן.

— פאַרוואָס זיצסטו נישט, חיים־בער? — האָט די אַלטע פאַרענדיקט צו מאַכן אָרדענונג.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

אַ וויילע האָט געהערשט אַ געפּרעסטע שטילקייט. ווען וועט שוין עמי־

צער עפּעס אַרויסזאָגן אַ וואָרט? דער באַלעבאָס האָט געוואָלט אָנהייבן, און נישט געוווסט מיט וואָס. וואָס טוט מען? מסתמא וואַרטן דאָך אַלע אויף אים. און די עלטערן זיצן אַזוי דערהרגעט! האָט ער מיט אַמאָל אַרויסגערעדט:

— און אין דרויסן איז נאָך אַלץ אַ ווינט, האַ? ממ...

— נאָך אַזאַ ווינט! — האָט דער פישער זיך דערמונטערט.

די כיטרע גאָלדע האָט געמאַכט אַ פלינקן צוג:

— און אייער זון, זאָל לעבן, איז געקומען אַהער אין אַזאַ סאַמאָטאָכע; אַ קינד איז אַ קינד... ער וואָרט שוין דאָ אַ היפשע ווילע...

דער יונג, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך געפילט געקריוודעט: וואָס האָט זי געדאַרפט אַזוי גיך דערמאָנען זיין נאָמען, גאָלדע?

און דער שענקער איז געוואָרן מוטיקער:

— וואָס דען, אַ קלייניקייט, טאַטע־מאַמע? כי... און נאָך יידישע טאַטע־מאַמע! ווי זאָגט מען: „אַ יידישע נשמה איז גאָרנישט אָפּצושאַצן”. און חיים־בערס קומען איז אויך קיין חידוש נישט. ער פאַרשטייט דען נישט? עלטערן זענען די בעסטע פריינד אויף דער וועלט...

לאה איז אַרויס מיט אַ וואָרט:

— יאָ, ליבע גאָלדע, אַ קינד איז אַ קינד...

— ממ... און וויפל צרות שטייט מען אויס פון זיי ביז זיי ווערן גרויס,

— האָט די אַלטע שענקערקע, מיט פאַרלייגטע הענט אויף די גרויסע, אָפּגעלאָזענע ברוסטן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — מיר האָבן אויך קינדער...

— און ערשט דעמאָלט ווען זיי קומען צום שכל און ווערן שוין מענטשן,

— האָט דער באַלעבאָס צוגעהאָלפן, — ערשט דעמאָלט וויל מען דאָך דערלעבן נחת פון זיי. וואָס־זשע דען האָרעוועט מען אַלע יאָרן ווי אַן אָקס אין שפאַן?...

די פישערקע האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן זון און באַלד פונקט אַזוי צעטראָגן און רחמים־בעטנדיק אַ קוק געטאָן אויף רב אָשרן און זיין פרוי, ווי רופנדיק זיי: — כ'בעט אייך, גוטע מענטשן, האָט רחמנות, העלפט ראַטעווען מיין קינד.

דער אַלטער גאָלדען, אַ מאַמע פון זעקס קינדער, האָט לאהס צער אויפגערעגט. זי האָט זיך אַ בייזער געטאָן:

— זע־נאַר עפּעס, מאַמע מיינע, ווי מען האָט זיך עס אָװעקגעזעצט אָן לשון! וואָס־זשע, לאה סערדצע, איר האָט שוין נישט קיין גאָט? נישקשה, איר׳ט נאָך פירן אייער קינד צו דער חופּה, איר׳ט נאָך האָבן נחת און איר׳ט נאָך דערציילן אַלץ אין פריידן. אַזאַ יאָר אויף מיר ס׳אַראַ טייער קינד חיים־בער איז!...

דער פישער האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— יאָ, אָבער אַז דער טאַטע איז אַ שלעכטער, וואַרפט מען אים אַוועק

— און פּטור. ס׳הייסט, כ׳בין דאָך מיין קינד אַ בלוטיקער שונא!... אוי, רב אשר, צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט?...

— ווער זאָגט דען? — האָט חיים־בער זיך אָפּגערופן אַ געריירטער.

פיינלעך שטיל. און — דער פאָטער:

— פאַרוואָס־זשע האָסטו זיך דערוויטערט, אונדז אַזוי פאַרשעמט?

— האָסט שטענדיק זיך געטשעפּעט צו מיר, — האָט דער בחורל שטיל געענטפערט, — האָסט דאָך מיך אַליין פאַרטריבן פון זיך. וואָס־זשע האָסטו טענות, טאַטע?

— פון דערווייטנס איז אָבער נישט גוט, מיין קינד, — האָט זיך לאָת אַריינגעמישט, — ווי זאָגט מען: „פון די אויגן איז פונעם האַרצן". מ׳איז אַ יונג קינד, איינער אַליין אין דאָרף, מ׳לעבט צווישן גויים און די חברים זענען שקצים, נישט פאַר קיין שום ייִדיש קינד געדאַכט. נו, פאַרגעסט מען אין טאַטע־מאַמע. נאָך דעם — גאָט ווייסט וואָס ס׳קען זיך טרעפן... אַ, מיין זון, האָסט מיך אין גאַנצן צעבראָכן!

— האָסט צעבראָכן דיין מאַמען און מיך אויך, — האָט דער פאָטער זיך באַקלאָגט.

— איך הייס אייך דען האָבן צרות? — האָט חיים־בער זיך געפּלאָנ־טערט.

האָט דער איינגעהאַלטענער פישער זיך שוין צעטענהט:

— וואָס־זשע, חיים־בער, דו מיינסט אַז דאָס האַרץ פון טאַטע־מאַמע און אַ שטיין איז אַלץ איינס? און אַז אַ טאַטע שלאָגט אַמאָל אַ קינד, איז ער שוין קיין טאַטע נישט? ווילסט מיר אפשר איינרעדן, אַז איוואַן ציטערט אויך איבער דיר, ווי דיין טאַטע־מאַמע? ווייסט, אַז זינט דו ביסט אַוועק פון

דער הײם בין איך נאָך קײן אײן נאַכט נישט געשלאָפן? אײַ, לאה, דו װײסט נישט דערפֿון? כ׳האָב נישט קײן טבע צו רעדן, אָבער דאָ־אָ — איר זעט? — דאָ־אָ אינעװײניק גריזשעט װי אַ װאָרעם. און װאָס זאָל איך געװען רעדן? ס׳האָט דאָך מיך דערהרגעט! אַזאַ גאָלדענער טײַך, אַזאַ פֿאַרמעגן! דער טאַטע מײַנער און דער זײדע האָבן דאָ אָפּגעלעבט אַלע יאָרן שטיל, פֿײַן, באַלעבאַטיש; געלעבט פֿון אײגן שװײס און בלוט און קײנעם, חלילה, נישט אָנגערירט. איז מען צום טײַך צוגעװאַקסן. יעדעס קלײניקײט איז טיף אין האַרצן אײַנגעבאַקן... און דאָ קומט צוגײן אַן אײגן קינד, קערט זיך אָפּ פֿון טאַטע־מאַמע, לאָזט איבער דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקײט און גײט אַװעק צו די גױים, װאָס קוקן נאָר אַרױס אױף דער מינוט, אַז זײ זאָלן דיך קענען באַראַבעװען. נו, קען נישט פּלאַצן די גאַל? װאָלט כאָטש נח געװען אין דער הײם...

ער איז אַ רגע שטיל געװאָרן, און האָט פֿאַרגעזעצט:

— און װיפֿל מאָל האָב איך דיר געבעטן: „פֿאָלג מיך, חײם־בער, לאָז אָפּ די גױים, ס׳װעט קײן גוטס דערפֿון נישט אַרױס״ — און דו, מײַן זון, האָסט זיך נישט װיסנדיק געמאַכט. און דאָ איז געבליבן לעבן מיר אײן קינד, אײן אױג אין קאָפּ, און איך זע, אַז ער רײַסט זיך אָפּ פֿון מיר. איז װי אַזױ קען מען אױסהאַלטן? און ייִנגער װערט מען נישט. און די שונאים װאַרטן דאָך שױן, אַז מ׳זאָל דעם ייִדנס טײַך קענען צעשלעפּן און דער ייִד זאָל זיך אָפּטראָגן... איצט סמעיען זײ נישט. אָבער אַנו, מײַן זון, זאָלן זײ נאָר דערהערן, אַז דו האָסט זיך פֿון אונדז אָפּגעזאָגט, באַהיט גאָט, אַז מאָטל פּי־שער איז געבליבן אַלײן, װעסטו זען װי זײ װעלן זיך אַ לאָז טאָן... איז אַ חידוש װאָס כ׳האָב געהאָט אַזעלכע פֿאַרדראָסן? כ׳זאָל נאָך געװען דיך קומען בעטן?... אָבער אַ טאַטע איז אַ טאַטע, ס׳טוט מיר גוט װײ...

די גאַנצע צײַט װאָס דער פּישער האָט גערעדט, איז די אַלטע, גראָבע שענקערקע געזעסן מיט פֿאַרלײגטע הענט איבער די ברוסטן און פֿאָטאָקע־װעט יעדעס װאָרט, צושאָקלענדיק טרױעריק מיטן קאָפּ. דער שענקער האָט זיך אַרומגעדרײט איבערן צימער אױף אַ קורצער, קרומער ליניע קעגן טיר־װינקל אַהין און צוריק. לאה איז געזעסן מיטן פּנים אַראָפּגעבױגן, מיט אַ

ברעג פון איר טונקל־קאַלירטן שאַל אין אירע הענט, געצוקט מיט די פּלייצעס און געוויינט.

דער פישער האָט אָפּגערעדט. שטיל. חיים־בער האָט זיך אומגעקוקט צו דער מוטער:

— הער שוין אַמאָל אויף צו וויינען, מאַמע!

— וואָס־זשע, כ׳האָב נישט אויף וואָס?

— נו, הערט שוין אויף! — האָט זיך אויפגעהויבן דער אַלטער שענקער. — חיים־בער גייט אַהיים און אַ סוף...

דער בחור האָט געשוויגן.

— נו, מיין קינד, וועסט גיין אַהיים? — האָט די מוטער געפרעגט.

— כ׳ווייס אַליין נישט, מאַמע.

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו אים. ס׳איז שוין געוואָרן אַביסל גרינגער — און מ׳ווייסט נאָך אַלץ נישט ווי ס׳האַלט. און ער קוקט דווקא אויס אַזוי בלייך און באַצערט, ווי פול מיט חרטה. טאַטע־מאַמען איז געוואָרן לייַדיק אין האַרצן:

שוין, דער זון איז פאַרלוירן!...

דער פאָטער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין אַ שטרוי:

— געדענק, חיים־בער, אַ ייִד צווישן גויִים איז קיין מאָל נישט ווי אין דער היים!

— אַזאַ יאָר אויף מיר, חיים־בער, ווי קלוג דיין טאַטע רעדט. אַט וווינען מיר דאָ צווישן גויִים שוין איבער דרייסיק יאָר און מ׳איז, דאַכט זיך, מיטן גאַנצן דאָרף קוצעניו־מוצעניו. פונדעסטוועגן — וויפל מאָל, אַ שטייגער, האָט מען שוין מיין אָשרן געהרגעט, געשלאָגן פאַר גאַרנישט? נו, און וויפל מאָל האָט מען אונדז שוין אויסגעזעצט די שויבן און געמאַכט אין שענק אַ פאָגראָם? און — שאַ, שווייג, ביסט אַ ייִד, פאַרשטייסט? אַ זשידאַן! דאָס קלענסטע שייגעצל האָט מער מאַכט פון דיר...

— זיי פאַרגעסן קיין מאָל נישט, אַז דו ביסט אַ ייִד, — האָט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט דער פישער.

— און אַזאַ האַרציקן פריינד, — איז שוין דער פאָטער געוואָרן מו־

טיקער, — ווי דו קענסט געפינען צווישן יידישע טעכטער, וועסטו ביי „זיי" נישט געפינען, מיין זון...

— אָ, אָ, שוין דעם ערשטן טאָג וועט זי דיר ווייזן ווער זי איז און ווער דו ביסט, כי־כי, — האָט דער שענקער צוגעלייגט.

— טאָקע אַזוי, — האָט דער פישער דערפילט פעסטן באָדן, — ביסט ביי איר אין דאָרף, אין איר הויז, צווישן איר פאָלק — איז זי באַלעבאָסטע. ממ, אַ גרויסער יחוס אַ זשידאָן! אָבער זיי, — זיי זענען דאָך „פּאָגראָמשטשי־קעס"! אַ קליינער יחוס?...

חיים־בער איז געזעסן אַ דערהרגעטער. הייסט עס, די עלטערן ווייסן שוין אַלץ. ביים פאָטערס וואָרט „פּאָגראָמשטשיקעס" האָט זיך אים פאָרגע־שטעלט דאָס בילד ביי די דערעוווניאַקס אין הויז, ווען די פויערים האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן די יידן, אַרומגעוואָרפן די צעפּאַטלטע טשופּרינעס, געהייבן צאָרנדיקע פויסטן, און די פּנימער און די אויגן האָבן געפלאַמט פון ווילדער רציחה. יאָ, זיי זענען דעמאָלט גרייט געווען צו הרגענען יידן, זוי אמתע פּאָגראָמשטשיקעס. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס דער פאָטער האָט אים אַמאָל דערציילט פון אַ פּאָגראָם, און זיך פאָרגעשטעלט, ווי די זעלבע הראָמאַדע לאָזט זיך נאָכן גלחס אַ רעדע אַוועק אין נאָענטן שטעטל און צע־שטערט יידישע לעבנס און פאַרמעגנס.

— ביסט גערעכט, טאַטע, — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט.

— וואָס דען, טייערינקער, פאַרוואָס זאָלסטו אומזיסט אָפּפינצטערן דיינע יאָרן? — האָט די אַלטע גאָלדע נישט געקענט איינרוען.

חיים־בער האָט טרויעריק אַוועקגעקוקט צו אַ פענצטער, ווי זוכנדיק אין דער סודותפולער נאַכט אַ רעטונג. און די מוטער האָט נאָך אַלץ צייטנ־ווייז אַ ביטערן כליפּע געטאָן און באַהאַלטן דאָס מויל אין שאַל.

פּלוצים האָט זיך חיים־בער אויפגעהויבן, צוגעשפּאַנט צו דער מוטער און איז געבליבן שטיין אָן ווערטער. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און גאָרנישט געזאָגט.

די מוטער איז געוואָרן געריִרט. זי האָט געגלעט די האַנט און אַרויפ־געקוקט צו אים:

— וואָס איז מיט דיר, קינד?

ער האָט בלויז געענטפערט:

— גאָרנישט...

און זיך שיר צעוויינט.

אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן אינעם בחורס פּאַראומערט־קייט דערקענט זיין אַנטוישונג. און די מוטער האָט געקוקט אויפן זון מיט ווייי און מיטגעפיל, און ערגעץ טיף אין איר נשמה האָט געקוועלט אַ שטי־לע פרייד: — יאָ, איר קינד וועט ווידער זיין אירס, אויף אייביק. זי האָט צוגעגעבן:

ווען דו ווייסט, מיין קינד, וויפל טרערן דיינע עלטערן האָבן שוין אי־בער דיר פאַרגאָסן... דער טאַטע דיינער היט זיך פאַר מיר; ער איז אַ מאַנס־ביל, און כלומרשט אַ שטרענגער טאַטע. אָבער, קוק אים אָן ווי ער איז גע־וואָרן!... און אַלץ ביים טייך איז געוואָרן אָפּגעלאָזט, גייט צו גרונט; קיין זאַך קריכט נישט אין קאָפּ אַריין און דאָס גאַנצע לעבן איז אונדז איבעריק.

— און זי האָט זיך אויפגעהויבן, אים אַנגענומען ווייך ביי די הענט און אים אַריינגעקוקט אין פנים פול מיט תחנונים:

— איך בעט דיך, זון מיינער, קום אַהיים.

חיים־בער האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט דערקענט, הפנים, דער מוטערס אומגעהויערן צער. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, ווי צו גיין מיט איר אַהיים. די עלטערן זענען זענען באַלד געשטאַנען לעבן אים מיט אויפגעשיינטע פנימער. דער אַלטער אָשר האָט אונטערגעכיכיקעט: „וואָס דען, אַזאַ טייערער יִדישער בחור, כי־כי!" און גאָלדע האָט זיך קאָטשענ־דיק צוגעהוידעט מיטן הויך־אויסגעשטעלטן בויך צו חיים־בערן, אַנגע־קלאָפּט אים מיט לויב איבער די פּלייצעס, אַראָפּגעכאַפּט די אייזן־פּרענטע, וואָס זי האָט דאָ פריִער אַריבערגעלייגט און פאַרזיכטיק געעפנט די טיר.

— גייט געזונטערהייט! — האָט זי ערלעך אַ שעפּטשע געטאָן.

אָבער דאָ האָט חיים־בער מיט אַ טראַגישער באַוועגונג זיך אַ דריי־געטאָן מיטן פּנים צו דער מוטער און זיך גענומען בעטן:

— כ׳בעט דיך, מאַמע... איצט נישט... כ׳בעט דיך... כ׳מוז איצט צו־ריקגיין...

און ער איז אַרויס.

קאַפּיטל 16

אַמעריקע

שפּעטער האַרבסט.

אומעטום, אין פישער־שטיבל, אויפן טייך און העט אַרום די ברעגעס, האָט זיך געפילט אַ פּיינלעכע אָפּגעלאָזנקייט. דער פישער האָט איבערגע־לאָזט דאָס גאַנצע באַלעבאַטישקייט אויף הפקר און געוואָלט וואָס גיכער ראַטעווען דעם זון. ביידע, מאַן און ווייב, האָבן איצט זיך צונויפגערעדט וועגן חיים־בערן אָפּן און זענען געגאַנגען האַנט־אין־האַנט. מ׳האָט אין זי־נען געהאַט איין ענין — חיים־בערן, און ווייטער אויף קיין זאַך זיך נישט אומגעקוקט.

אַ פּלאָגנדיקער טרויער האָט זיך איצט אַרום טייך צעלייגט: די מאַסע געענדז, היגער און קאַטשקעס, וואָס זענען געלעגן פאַרשפּאַרט אין עופות־שטייג פון קאַמער, צוליב די קאַלטע, ווינטיקע און פליוכענדיקע האַרבסט־טעג, האָבן געטומלט און געוואַלדעוועט מיט אַ גרילצנדיק קלאַגעריי, וואָס די באַלעבאַטים קומען אַריין זעלטענער און גיבן זיי וויניקער עסן ווי אַלע מאָל; די צוויי פערד, וואָס האָבן אַזוי אָפט געפילט אויף האַלדז און רוקן דעם באַלעבאָס׳ גוטסקייט, זיינע ווייך־גלעטנדיקע הענט, האָבן לויט זיין האָדעווען און שנעל אָפּפּטרן זיי אין די לעצטע טעג, דערקענט זיין שווערן טרויער, האָבן זיי גאַנצע טעג זיך אומרויִק אַרומגעוואָרפן און געהירזשעט, אַז ס׳איז געווען אַ גאָטס רחמנות. „וואָס איז געוואָרן פון אונדזער באַלע־באָס? וואָס האָט געטראָפן?״ — האָבן זיי ווי געוואָלט וויסן. און אַז מאָטל איז אַריינגעקומען אין שטאַל צו זען וואָס די פערד שרייען אַזוי, האָבן זיי אויפגעהייבן די אויערן און געקוקט מיט תמעוואַטער פאַרוווּנדערונג: „וואָס איז דאָ געוואָרן אַזוי קלאָגעדיק אַרום אונדז, באַלעבאָס? ס׳וועט נאָך בע־סער ווערן, צי עס וועט שוין שטענדיק דאָ ליגן אויסגעגאָסן אַזאַ מרה־שפורה און עלנטקייט?״.

און דער הונט לייבוש איז שיר פון זינען אַראָפּ, נאָכשפּירנדיק וואָס אַרום אים איז פאָרגעקומען. ער איז אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג אויפן ברעג, געשמעקט און געגישטערט צווישן די גראָזן און טראַשטש, געזוכט אין די קאַמערן, אין שטאַל, און איז אַלע מאָל אַרויפגעלאָפן אויפן בערגל ביים שטיבל מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און נייגעריק־צעפינקלטע בליקן; געלאָפן דאָ צום טייך, דאָ צום פישערס וווינונג. ס'האָט אים שרעקלעך גע־מאַטערט. יעדעס מאָל, וואָס דער פישער אָדער די פישערקע זענען אַרויס־געקומען, איז ער זיי אַנטקעגנגעלאָפן, געבליבן שטיין פון דער ווייטנס מיט פרעגנדיקע בליקן און מיט אַ ציטערדיקער, לאַנג־אַרויסגעשטעקטער צונג. און האָט געוואָלט דערקענען אין זייערע פּנימער דעם סוד פון זייערע זאָרגן. ער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט האַרציקן מיטגעפיל:

— וואָס וועט זיין דער סוף, באַלעבאַטים? כ'דערקען דען נישט אין אייערע פּנימער אייער צער?... יאָ, מיינע פריינד, מיין האַרץ גייט אויס פון מיטלייד מיט אייך, און מיינע ליכטיקע טעג ביי אייך זענען איצט אויך פאַרשטערט...

אַפילו די טויבן אין טויבנשלאַק הינטערן שטיבל, האָבן דערפילט די אַרומיקע איינזאַמקייט. „טר־ר... מ'זעט עפּעס נישט אונדזער באַלעבאָס אַרום אונדז! פלעגט זיך אָפּט אַרום אונדז אַרומפּאָרקען, גלעטן מיט די וואַרעמע בליקן, און אין זיין קול האָט זיך געפילט אַזאַ צערטלעך, אַזאַ האַר־ציקע געטריישאַפט, און איצט האָט ער אונדז איבערגעלאָזט אויף הפקר! דרייט זיך אַרום הינטערן שטיבל מיט פאַרגלאָצטע אויגן אין די ווייטן, און אונדז, אַט לעבן אים, זעט ער נישט. אַפילו דאָס וואָרקען און בעטן זיך העלפט נישט. וואָס איז געוואָרן מיט אונדזער באַלעבאָס?... און עס בלאָזן שוין שאַרפע ווינטן! אַט הייבן זיך אָן די שניידנדיקע קעלטן. ביים טויבנ־שלאַק האָבן זיך אָפּגעריסן אַ פּאָר ברעטלעך און ס'בלאָזט אַריין — און ס'איז נישטאָ אונדזער געטרייער פאַרזאָרגער, ער זאָל פאַרן ווינטער אַרומ־קלאַפּן, פאַרשטעקן די שפּאַלטן און אויסבעטן דעם קילן באָדן מיט ווייכן, וואַרעמען שטרוי... וואָס וועט זיין?״.

האָבן די צאַרטע באַשעפענישן טאָג ווי נאַכט געוואָרקעט און נישט געפונען קיין רו. פלעגן די עלטערע פון זיי אין די שטילע, גרויע פאַרטאָגן

זיך אַרויסלאָזן אין דרויסן, אַרומפּליִען באַזאָרגטע איבערן טייך און אויס־קוקן צי ס׳פּרירן נאָך נישט די וואַסערן און צי ס׳פּילן זיך נאָך נישט די פּראַסטיקע פעלד־ווינטן העט־אַרום. און די יונגע האָבן בייטאָג זיך פּלוצים אַרויסגעלאָזט אין דער לופטן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע, אימפּעטיק, לעבעדיק און רוישיק, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן מיט אַמאָל זייער מוט און יוגנטלעכע פרייַלעכקייט צוריקגעקראָגן. אָבער דאָ, אין דער הייך, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו צעשפּרייטן. די מונטערע קולות האָבן זיך איבערגע־האַקט, קיינער האָט זיך העט־הויך אין דער לופטן נישט אויפגעהויבן, און פון דרייען זיך, ברעכן זיך, פון די אַלערליי אַמאָליקע קונצן און „לופט־מאַנעווערס" איז אַפילו קיין סימן נישט געווען. זיי האָבן זיך צעשפּרייטע באַלד אַראָפּגעלאָזן, און שטיל־וואָרקענדיק, איינציקווייז זיך צוריק אַריינגע־לאָזט אין טויבנשלאַק. נאָך דעם זענען אַלע געזעסן איינגעקאָרטשעט, זיך געטוליעט איינס צום צווייטן אין די ווינקלען, געבליבן זיצן פאַרשוויגענע, מיט די שנאָבלעך אַרויף, און זיך צוגעהערט וואָס ס׳טוט זיך אַרום זיי. זיי האָבן דאַן אָפט געהערט דאָס איינגעהאַלטענע וויינען פון זייער באַלעבאָסטע; אַ קלאַפּ פון דער שטוב־טיר, און ווי דער באַלעבאָס איז מיט שווערע טריט אַרויס אין דרויסן מיט אַ ווייטיקדיק מורמלעריי. זיי האָבן געהערט דאָס אומרויִקע הירזשען פון די פערד אין שטאַל, דאָס גאָגאָטשען פון די עופות אין קאַמער, דאָס בילן פונעם הונט לייבוש. און די קליינע, שטילע נפשות האָבן זיך באַהעפט מיט אַלעמענס טרויער.

איבערן גאַנצן טייך האָט זיך אַ שווערע אומהיימלעכקייט געפילט. פריִער פלעגט זעלטן איבערגיין אַ טאָג, אַז מען זאָל נישט אַרומפאָרן אי־בערן וואַסער. אָדער דער פישער פלעגט אַרומפאָרן, אַמאָל גלאַט אַזוי, אויס־צוקוקן דעם טייך. ער פלעגט פאָרן אָן אויפגעלייגטער, ווי אויף אַ גליקלע־כער לוסט־רייזע, אויפן וועג זיך אונטערזינגען און דערווייל דורכגעטאַפּט און אויסגעגלייכט, דאָ די נעץ, דאָ אָן אַריינגעשטעלטן פיש־קויש, דעם טראַשטש, דאָס ווילדע טייך־געוויקס וואָס ער האָט באַגעגנט, און אַלץ מיט אַזאַ וואַרעמער האַנט.

פריִער פלעגט אָפט מאָל נח פאָרן און זינגען הויך אויפן קול; אָדער חיים־בער פלעגט אַמאָל זיך אַרומשלעפּן און שרייען און זיך נאַריש מאַכן.

צייטנווייז פלעגן אַפילו די פישער־הענדלער פון די נאָענטע שטעטלעך פאָרן מיט די שיפלעך. נאָך דעם זענען זיי, די סוחרים, צוריקגעפאָרן צום ברעג מיט פריילעכע געמיטער, מיט פולע שיפלעך פיש פון די נעצן אָנגעטרעסעט. מ׳האָט אָנגעקוואָלן וואָס ס׳וועט שוין היינט זיין פּרנסה, געזאָגט פּעפּערדיקע וויצן און אַזוי רוישיק אויפגעלעבט געזעצט מיט די געזונטע, גראָבע געלעכטערס, אַז פון די אַרומיקע בערג האָבן זיך דונערן געקייקלט. און פון די פריילעכע טעג, ווען מ׳האָט געשעפּט דעם נעוואָד, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. די מאָלדאַוואַנעס ביי די ברעגן האָבן געצויגן די שטריק מיט אַלע כּוחות, איינער דעם צווייטן געמונטערט, און די גראָבע קולות און געוואָלדן זענען געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל: „העי־העי, ברידערלעך, געצויגן!... געצויגן! נישט נאָכגעלאָזט, נישט נאָכגעלאָזט! האַלט פעסטער די שטריק!... ציט שטאַרקער, מיט אַלע כּוחות!...״ דעמאָלט איז צו דער פרייד קיין סוף נישט געווען און מ׳האָט נישט געהאַט גענוג ווערטער גאָטס חסד צו דערציילן.

און איצט — אַ וויסטקייט!

אַפילו די פיש אין וואַסער האָבן דערפילט די ענדערונג. פון תּמיד אָן זענען זיי צוגעוווינט צו אַ לעבעדיקער וועלט אַרום זיך. אַז זיי הערן ווי ס׳רוישט־אויף ביי די ברעג־וואַסערן, צי מ׳פּאַרקעט זיך ביי די נעצן; מ׳האַקט אין די פּרעסט דאָס אייז, אָדער מ׳וואַרפט שטריק און מ׳פּאָרט אַרום אויפן טייך קלאַפּנדיק מיט אַ שטעקן איבערן וואַסער — איז, אָדער מ׳צעלויפט זיך אויף אַלע זייטן, אָדער מ׳וואַרפט זיך גלייך אַראָפּ מיט די קעפּלעך צום גרונט. מ׳טוליעט זיך דאָרט אַריין טיף אין דער קוואַטשיקער בלאָטע און מ׳וואַרט איבער די געפאַר. איצט הערט מען מער נישט קיין קלאַנג, קיין גערויש, אַחוץ פון ווינט און פון די כוואַליעס. ליגט מען אין די וואַרעמע בלאָטעס איינגענורעט, מ׳באַהאַלט זיך פון דער האַרבסטיקער קעלט און מ׳איז פאַרגאַפט פון דער אָפּגעלאָזנקייט אַרום.

יאָ, אַלץ און אַלעמען האָט דער שווערער האַרבסטיקער אומעט פאַרגאָסן, און אַלע האָבן זיך געפילט עלנט און פאַרלאָזן צוליב דעם פישערס אומגליק.

אין איינעם פון יענע טעג איז אין אָוונט אַריינגעקומען לאה פון איר

הינטערשטן שלאָף־צימער אין גרויסן פּאָדער־צימער, ווו ס׳איז איצט גע־זעסן איר מאַן. זי איז אַריין פּאַמעלעך, דעם קאָפּ געבויגן און מיט רויטע, פריש־אויסגעוויינטע אויגן. מאָטל איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע לעבן אויוון, געריסן פון אַ שטיק טונקל ברויט קליינע שטיקלעך, געקייעט ווי אָן אַפּעטיט, און געקוקט דורכן אַנטקעגנדיקן מאַטן פענצטערל אין דער אָוונטדיקער וועלט אַריין. די פרוי איז צוגעגאַנגען צו דער דרויסן־טיר, עטלעכע מאָל זי אויפגעעפנט, פאַרמאַכט, איבערגעשטעלט אין צימער אַ פּאָר קלייניקייטן, אַרויסגעקוקט דורך אַ פענצטער, און צולעצט געבליבן שטיין אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. דאָ האָט זי אויפגעדרייט דאָס לעמפּל און זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן איר מאַן.

פּלוצים האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מאָטל, וואָס וועט זיין דער סוף?

— כ׳ווייס? אפשר ביסטו קליגער, לאה?

— ה... דאַכט זיך, כ׳האָב אַ געדאַנק.

— אַ געדאַנק? לאָמיר אויך הערן!

— זאָג נאָר, מאָטל, אפשר וואָלטן מיר אונדזער חיים־בערן אַוועקגע־שיקט פון דער היים?

— אַוועקשיקן? וואָס רעדסטו? נו, און דער טייך?

— און אַז ער וועט ווידער זיין מיט אונדז, חיים־בער, ביסטו שוין מיט אים באַוואָרנט?

— ס׳הייסט — וואָדען?

— ניין, מיין מאַן, כל־זמן חיים־בער וועט פילן, אַז די „מויד״ איז דאָ נישט ווייט, וועט זיין אַז ווי צו אַזאַ לעבן. דער עיקר איז צו ראַטעווען אים, מאָטל, אָבער צום טייך וועסטו אים שוין נישט צובינדן, טייערער!

דער פישער איז געבליבן ווי געפּלעפּט. ער האָט גענומען צעטראָגע־נערהייט קראַצן דעם באַוואַקסענעם קאָפּ, זיין קליין, ברייט בערדל, און גע־טראַכט אַז לאה איז גערעכט. „יאָ, דאָס איז דער בעסטער אויסוועג״. ער האָט זיך געערגערט, נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו רעדן, וועגן טייך צי וועגן זון, נאָך דעם געפרעגט:

— נו, און וואָס וועט זיין מיטן טייך, אַז מיר וועלן דאָ בלייבן ביידע

אַליין? און נאָך אַ זאַך, לאה: מיר וועלן אפשר האָבן אויפגעהויבן דאָס גאַנ־צע דאָרף קעגן זיך... ס'פעלן אונדז שונאים? מיינסט, אויב זיי וועלן זיך פאַרלייגן אויף אונדז, וועלן זיי זיך אָפּשרעקן פאַר אַ שאָס אין דער לופטן? און פּאָליציי וועט אונדז דאָ אויך נישט העלפן. זיי וועלן זיך דען גיין אָנ־נעמען פאַר אַ ייִדן און פאַרטשעפּען זיך מיט אַ גאַנצע הראָמאַדע פּויערים? ס'וועט ווערן פון אונדז אַ שיינער תכלית, לאה...

— וואָס־זשע דאַרפסטו אַזוי זאָרגן, מאָטל? איין טייך איז דאָ אויף דער וועלט? דער איבערשטער וועט אונדז נישט פאַרלאָזן...

— דורות־לאַנג געפּראַצעוועט און אַריינגעלייגט דאָ אַזוי פיל כוחות, און איצט אַוועקגיין? אַ קליינינקייט?

ער איז געבליבן אַ לענגערע צייט פאַרשוויגן, מיט אַ פאַרגליווערטן קוק זיך אַריינגעצויגן אין טונקעלע צוקונפט־וויזיעס און געיאָמערט שטיל אין זיך.

— מיינסט אַז ער וועט נאָך צוריקקומען, לאה?

— צווייפלסט נאָך? האָסט נישט דערקענט אין זיין פנים, אַז ער איז שוין מער אונדזערער ווי זייערער?... און כ'וועל אים נישט אָפּלאָזן, מאָטל! כ'וועל מאָרגן ווידער זיין אין דאָרף!

שטיל.

— און וווהין קענען מיר אים דען אַוועקשיקן, לאה?

— וווהין? זייער ווייט, מיין טייערער... כ'האָב שוין גענוג געטראַכט, גענוג מיינע אויגן אויסגעוויינט...

— לאָמיך שוין הערן!

די פרוי האָט זיך, הפנים, אַליין אויך געשראָקן פאַר דער ווייטקייט. זי האָט זיך געצאַפּלט:

— ער'ט... ער'ט פאָרן צ־צו מיין עלטערער שוועסטער.

— צו דיין עלטערער שוועסטער? מיינסט קיין אַמעריקע, לאה? וואָס רעדסטו?...

— קיין אַמעריקע, מאָטל, קיין אַמעריקע...

דער פישער איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ער האָט דערפילט ווי זיין קרעפטיקער גוף איז געוואָרן אָפּגעלאָזן, ווי אין חלשות — ער פאַלט

אין אָפּגרונט! ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט. ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל און ברייט־אויפגעפּראַלטע אויגן, מיטן קאָפּ אויפגעהויבן און מיטן שוואַרצן, ברייטן בערדל צעפּאַטלט אַנגעשטעלט אין דער לופטן. ער האָט זיך צוריקגעצויגן הינטערווייליכטס, ווי זיך אויסהיטנדיק פון אַ שונא, וואָס איז אים פּלוצים באַפאַלן.

— האַ? וואָס זאָגסטו? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט. נאָך דעם איז ער געזעסן אויף אַ בענקעלע מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, שטום, אַן אַ ריר, ביז ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אָן אַ וואָרט אַרויס צו דער שטי־לער נאַכט.

נאָך אין זעלבן אָוונט, זיך אויפהייבנדיק פון דער שפּעטער וועטשערע, האָט דער פישער אַ מורמל געטאָן:

— ווי אַזוי־זשע ס׳טו טאָן מיט אַמעריקע, לאה?

— ס׳הייסט ווי אַזוי? כ׳האָב דער שוועסטערס אַדרעס, וועל איך שרייבן אַ בריוו און זי בעטן, אַז זי זאָל אַרויסנעמען חיים־בערן קיין אַמעריקע.

— און ווו ט׳ער דערווייל זיין?

— כ׳ווייס? אַ פּאָר שטעטלעך ווייטער. האָסט ווייניק פיש־הענדלער?

— נו גוט, לאה, שרייב...

קאַפּיטל 17

דער מוטערס בריוו

נאַכט. מאַטל פּישער איז שוין אַ היפּשע ווײַלע געשלאָפֿן. אין גרויסן פֿאָדער־צימער איז טיף שטיל. לאה האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פֿאַרזאָרגטע איבערן לאַנגן צימער, געטראַכט וועגן איר פֿאַמיליעס צוקונפֿט. צײַטנווײַז איז זי געבליבן שטיין פֿאַרטראַגן, ווי זיך אײַנהערנדיק אין אַ ווײַטער, פֿרעמ־דער וועלט און אין איר אייגענעם האַרצן. דאָ איז זי צוגעגאַנגען צו אַ קאַסטן און אויפֿגעזוכט דער שוועסטערס אַדרעס פֿון אַמעריקע. נאָך דעם האָט זי געפֿונען אַ קורצן, דיקלעכן בלײַפֿעדער מיט אַ ווײַס פּאַפּיר, אַוועק־געשטעלט דאָס וואַנט־לעמפּל אויפֿן טיש און זיך געזעצט שרײַבן. תּחילת האָט זי געהאַלטן דעם בלײַפֿעדער ווי עפּעס גלאַט אַזוי און געקוקט ערגעץ אַ פֿאַרטרוימטע מיט אַ פֿאַרצרהטן פּנים, ווי די אַמעריקאַנער שוועסטער וואָלט געשטאַנען דאָ אַרום ערגעץ און זי, די מוטער, וויל פֿאַר איר דאָס ביטערע האַרץ אויסקלאָגן. נאָך דעם האָט זי גענומען שרײַבן. אַ לענגערע ווײַלע האָט זי געשריבן שטאַרק אָנגעשטרענגט, זיך מוטשענדיק איבער די ווערטער און אײדעלע אותיות, ווײַל זי האָט שוין אַ לאַנגע צײַט נישט גע־שריבן. אָבער שפּעטער איז אַוועק בעסער. צײַטנווײַז האָט זי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אַ טיפֿן אָטעם געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַזאַ קרעכץ, ווי זי וואָלט זיך אײַנגעאַנצן פֿאַרלוירן אין די לײדן וואָס זי מאָלט, און אײדער עפּעס, האָט זי זיך ווידער איבערגעבויגן איבערן פּאַפּיר און ווידער זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כּוחות צו באַשרײַבן אירע צרות.

זי האָט געשריבן:

„ליבע און טײַערע שוועסטער העניע און טײַערער שוואָגער איציק, איר זאָלט מיר בײדע לעבן און געזונט זײַן, איר און אַלע אײַערע קינדער. אָמן.

„טײַערע שוועסטער און שוואָגער! דאָס ערשטע שרײַב איך אײַך, אַז

איך, אייער שוועסטער און שוועגערין לאה, שרייבט אייך דיזן בריוו. איך און מיין מאַן מאָטל און מיינע צוויי קינדער זענען אַלע דאַנקען גאָט געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון אייך צו הערן, און מיין בריוו זאָל אייך טרעפן אין בעסטן געזונט, אָמן.

„איך בעט אייך, טייערע שוועסטער און שוואָגער: זייט מיר מוחל וואָס כ׳האָב אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געשריבן, ווייל כ׳האָב קיין מאָל נישט קיין צייט. איך בין אַ מאַמע פון צוויי גרויסע קינדער, קיין עין־הרע, און דאַרף נאָך העלפן מיין מאַן אויך, און בין כסדר פאַרהאָרעוועט. מיין מאַן האַלט אַ טאַך, וואָס זיין טאַטע נאָך האָט אים געלאָזט אַ ירושה — נו, מוז איך דאָך ביים טאַך אויך העלפן; אַ טאַך ווייסט נישט קיין חכמות... איז בין איך שטענדיק ווי אַן אָקס אין שפאַן.

„כ׳קען אייך שרייבן, ליבע מיינע, אַז איך און מיין מאָטל און אונדזע־רע צוויי זין וווינען ביים טאַך שוין פון דור־דורות. כ׳האָב צוויי זין, מעגט איר זיי אָנקוקן, — צוויי ברילִיאַנטן. מיר וווינען אין אַ שטיבל ביים ברעג און לעבן פונעם טאַך. אויב דו געדענקסט נאָך, העניע, וואָס ס׳איז געווען אַידער דיין איציק האָט זיך פאַרליבט אין דיר און דיך גענומען קיין אַמע־ריקע, האָבן דער טאַטע מיט דער מאַמען אויך אַמאָל געוווינט דאָ ביים טאַך — נאָר פון יענער זייט, פונקט אַנטקעגן אונדזער שטיבל. נאָר פון זינט כ׳האָב חתונה געהאַט מיט מיין מאָטלען, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען זיך אַריבערגעצויגן אין שטאָט אַריין. זיי וווינען איצט ווייטער מיט עטלעכע שטעטלעך. זיי לאָזן אייך גריסן, ג״פ.

„כ׳האָב זיך פאַררעדט... אַ פול האַרץ רעדט אַ סך... כ׳האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה, מיינע טייערע. ס׳איז מיר זייער ביטער. איך שרייב און עס וויינט אין מיר דאָס האַרץ. מיר האָבן געזעשעט צו שרייבן צו אייך אַ בריוו, אפשר וועט איר אונדז קענען העלפן. גלייבט מיר, כ׳האָב גענוג מיי־נע אויגן אויסגעוויינט, ביז כ׳האָב גענומען שרייבן דעם בריוו. מ׳איז דאָך אַ מאַמע! וועמען נאָך טוט אַזוי ווי דאָס האַרץ, ווי דער מאַמען? בעט איך אייך, ראַטעוועט מיר מיין קינד פון גוי׳ישע הענט... יאָ, איך כאַפּ די פּיש פאַר דער נעץ...

„ס׳איז אַזוי די מעשה. מיין עלטערן זון נח, האָט מען פאַראַיאָרן אָפּ־

געגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, ווי איז דער מאַמען, און ער דינט. און דער יינגע־רער, חיים־בער, הייסט עס, איז געבליבן. נו, האָבן מיר די אמתע צרות. מיר זענען שטאַרקער פון אייזן, אַז מיר טראָגן עס איבער.

„לאָמיך אייך דערציילן פאַזדראַבנע: אונדזער טאַך ליגט אַנדערהאַלבן וויאָרסט פון אַ דאָרף און אונדזער חיים־בער האָט אַזוי ליב דאָס דאָרף — דאָס לעבן מיט דער נשמה; ס׳ציט אים אַהין ווי אַ מאַגנעט. אויפגעוואַקסן איז ער דווקא ביים טאַך, חיים־בער, לעבן טאַטע־מאַמע, נאָר אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן מיט די שקצים פון דאָרף. וויפל מיר האָבן זיך ביי אים נישט געבעטן: „חיים־בערעלע, אַז דו גייסט אַוועק, קענסטו זיך בעסער גיין אין שטעטל אַריין און זיך חברן מיט פיינע יידישע קינדער, נישט מיט קינדער פון כוליגאַנעס". איז — איין מאָל נייך! כ׳זאָג אייך, מיינע יסורים מיט די געוויינען ביינאַכט, זאָלן נאָר קומען פאַר גאָט. כ׳בין גרוי און אַלט געוואָרן פון אים. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז די כפּרהניקעס וועלן אים פאַרדרייען דעם קאָפּ. אַ מאַמעס האַרץ פילט... און איצט האָט אונדז טאַקע געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק, איך זאָל עס גאָרנישט דערלעבן. זיי ווילן אים געבן אַ שיקסע, עפּעס אַ שלעפּל, און זאָגן אים צו גאָלדענע גליקן... נו, וואָס זאָגט איר אויף דעם נחת וואָס כ׳האָב דערלעבט?...

„האָט נישט קיין פאַראיבל, טייערע שוועסטער און שוואָגער, וואָס מיר באַלעסטיקן אייך. גלייבט מיר, ס׳איז אונדז גענוג ווי און ווינד... היינט די בושה! נאָר פאַר אייגענע דאַרף מען זיך נישט שעמען... אַלזאָ, מיר ווילן ראַטעווען אונדזער קינד. מיר ווילן אים אַרויסרייסן פון גוייִשע הענט... אָבער וואָס וועלן מיר טאָן, אַז גאָט וועט אונדז העלפן און ער וועט שוין צוריקקומען צו אונדז? אים אַוועקזעצן ביים טאַך, אַז דאָס דאָרף זאָל אים שטיין פאַר די אויגן? קען ער דאָך, די שעה זאָל נישט זיין, נאָך אַמאָל אַוועקגיין. נו, מוזן מיר אים אַוועקשיקן ערגעץ זייער ווייט, אַז ווי איז מיינע יאָרן.

„אַלזאָ, כ׳ל עס מאַכן בקיצור: מ׳זאָגט יאַקבי אַז דאָס בעסטע אָרט פאַר יידן איז אַמעריקע. איך און מאָטל טראַכטן אויך דאָס אייגענע. אי חיים־בער וועט זיין אין דער גאָלדענער מדינה, אי ער׳ט זיין מיט זיין פעטער

און מומע, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אי ער׳ט זיין צווישן סאַמע ייִדן...

„און אונדז, ליבע, זאָלט איר שוין גאָר נישט מקנא זיין. ס׳איז גוט צו לעבן צווישן וועלף? נאָר דערווייל דאַרפן מיר ראַטעווען אונדזער קינד, נאָך דעם איז גאָט אַ פאָטער... כ׳ווייס, אפשר וועלן מיר זוכן אַן אַנדער טאָג, צי אפשר וועט חיים־בער אונדז אויך אַרויסנעמען קיין אַמעריקע... גאָט ווייסט!

„ס׳איז אונדז זייער שלעכט, ליבע שוועסטער און שוואָגער. גלייבט מיר, איך שרייב אייך איצט מיט בלוט, נישט מיט טינט. ווען איר זאָלט אַנקוקן מיין מאָטלען, וואָלט איר אים נישט דערקענט — אַ שאָטן גייט אַרום, נישט קיין מענטש. ער שוויגט, מאָטל. ער מיינט, אַז איך דערקען נישט. ער עסט זיך, נעבעך, אויף אַ לעבעדיקער, ווי איז מיר. נאָר צו וועמען זאָל איך האָבן אַ טענה און צו וועמען זאָל איך רעדן? איך פרעג ביי גאָט: „גאָט־עניו, מיט וואָס האָבן מיר זיך אַזוי פאַרזינדיקט? פאַרוואָס שטראָפסטו אונדז אַזוי?״.

„יאָ, ס׳איז אונדז שוין נימאס דאָס לעבן, טייערע. גלייבט מיר, ווען נישט מיינע קינדער, וואָלט איך זיך אַריינגעוואָרפן אין טאָך, צי כ׳וואָלט איינגענומען סם. ס׳איז עפּעס אַ תכלית אַזוי־אַ צו לעבן? און איך האָב מורא, אַז מאָטל זאָל ,חלילה, פון זינען נישט אַראָפּ... אַלזאָ, האָבן מיר געדעשעט אייך אַלעס אַרויסצושרייבן, ליבע שוועסטער און שוואָגער, אפשר וועט איר אונדז העלפן. ווי זאָגט מען: אַז אַ מענטש טרינקט זיך, כאַפּט ער זיך אָן אין אַ שטרוי...

„כ׳האָב זיך שוין, דאַכט זיך, צופיל פאַררעדט... בעטן מיר אייך, טייערע: האָט רחמנות אויף אונדז. נעמט אַרויס אונדזער חיים־בערן צו אייך קיין אַמעריקע. איר דאַרפט אים שיקן עפּעס פּאַפּירן, זאָגט מען, מסתמא ווייסט איר וואָסערע פּאַפּירן. איר וועט נישט דאַרפן פאַסטן יום־כיפּור אַפילו, איר׳ט זיך פאַרדינען עולם־הבא. און וויפל געלט איר׳ט אויסגעבן, זאָלט איר זיך נישט שעמען פאַר אונדז, איר הערט? איר זאָלט פאַרשרייבן יעדער קאָפּיקע. מיר וועלן עס אייך מיט גאָטס הילף אָפּשיקן.

„אַלזאָ, מיר בעטן אייך נאָך אַמאָל, טייערע און ליבע שוועסטער און שוואָגער, ווי גאָט איז אייך ליב, ראַטעוועט אונדזער קינד פון גויִישע

ח. באַרקאַן

הענט... און מיר גריסן אייך און קושן אייך פון טיפן האַרצן, אייך און אייע־
רע קינדער אומבאַקאַנט, יעדן באַזונדער, ג״פ. מיר ווינטשן אייך איר זאָלט
זיין געזונט און ראַך און האָבן גליק אַ סך.

„פון מיר אייער געטרייע שוועסטער און שוועגערין, וואָס ווינטשט
זיך צו האָבן פון אייך אַ גוטן ענטפער ווי אין גיכן,
לאה גיטעלמאַן״.

קאַפּיטל 18

צוריקגעקומען

דער מאַמעס טרערן האָבן געווירקט. חיים־בער איז צוריקגעקומען.

אַ מעכטיקע פרייד האָט אַרומגענומען אַלצדינג אַרום טייך. אַלץ האָט דערוואַכט, און פריידיק אויפגעלעבט. יעדע בריאה האָט זיך דערמונטערט, ווי אויפגעשטאַנען מיט באַנייטע כוחות צו אַ ניי, גליקלעך לעבן. די פרייד האָט געקלונגען איבער אַלע ברעגן טייך. ס'האָבן געיובלט מענטש און חיה:

— חיים־בער איז צוריקגעקומען! חיים־בער איז צוריקגעקומען!

אַלע באַשעפענישן אויפן ברעג האָבן זיך געפרייט מיט חיים־בערס צוריקקער. זיי האָבן דערקענט זיין קומען, ווען די פישערקע איז אין אַ פריימאָרגן אים אַקעגנגעלאָפן אין דרויסן. אַז דער גאַסט איז אַריין אין שטוב, האָבן זיי מיט טיאָכקענדיקע הערצער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס אינעווייניק קומט פאָר. צייטנווייז האָבן זיי פלוצים אויפגערוישט מיט געוואַלדן, ווי מיט הוראַ־געשרייען און באַגייסטערטע באַגריסונגען, און זענען באַלד ווידער געבליבן שטיל, ווי פאַרחלומט. אַזוי די פערד, די עופות, דער הונט, די קאַץ, די טויבן — אַלע האָבן דערפילט די ענדערונג און זענען געווען גליקלעך. די וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט האָבן זיך קוים דאָרט איינגעהאַלטן. אָ, ווען זיי זענען איצט אין דרויסן! זיי וואָלטן אויף דער גראַמער ערד דעם גאַנצן ברעג מיט זייער לוסטיקן גערודער איבערגעקערט! אַפילו די גענדז האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער אַרומיקער פרייד. אָך, ווי זיי וואָלטן איצט וועלן זיך אַ הייב טאָן מיט צעלאָזענער, טומלדיקער גאַגאָטשעריי און מיט ווילדן פליגל־געקלאַפּ!! זיי וואָלטן איצט איבער ווייטע שטרעקעס זיך אַוועקגעלאָזט, געהוליעט, געאַרבעט מעשים, דעם גאַנצן ברעג פאַרשריגן — און וואָלטן אפשר אַפילו דעם טייך אַריבערגעפלויגן...

אויך דער הונט „לייבוש" האָט זיך נישט איינגעהאַלטן אויף קיין אָרט. אַ מין אומרו! משוגע געוואָרן, דער כלבֿ! איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ צעדולטער

מיט פינקלדיקע אויגן, ווי פּאַספּאַר, אַלעמאַל געווען ביים שטיבל, געריסן די טיר מיט די ציין און לאַפּעס, און נישט אויפגעהערט צו וויען, ווי בעטנדיק: „העי, באַלעבאַטים, וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס לאָזט איר מיך נישט אַריין צו חיים־בערן? ווייניק יסורים האָב איך איינגענומען ווען איר זענט דאָ געבליבן איינזאַם? כ׳בעט אייך, באַלעבאַטים, לאָזט מיך צו צו אים!...״ און אַז מ׳האָט געעפנט די טיר, האָט מען זיך גאָרנישט געקענט אָפּטרייבן פון אים. איז געשפּרונגען אויף חיים־בערן מיט ווילדער גדולה און אים גאָרנישט אָפּגעלאָזט. אַז דער בחור האָט אים אַרומגענומען דעם קאָפּ און צוגעדריקט צו זיך, האָט „לייבוש״ אָנגעשפּאַרט דעם גרויסן גע־דיכט־באַהאָריקטן קאָפּ מיט די שוואַרצע קודלעס אויפן יונגס ברוסט, אים אָנגעקוקט מיט צעפינקלטע, פאַרבענקטע אויגן און ס׳איז גאָרנישט געווען קיין סוף צו זיין שמחה.

יאָ, אַלעמען האָט אַ שטראָם פון גליק דורכגענומען און די גאַנצע נשמה פאַרפלייצט.

אין שטיבל איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. דער פאָטער איז צו־געשטאַנען צו דער שמחה מיט לייב און לעבן. האָט, הפנים, פאַרגעסן אַלע זיינע קריוודעס! ער האָט אַזוי אָפן אַרויסגעוויזן זיין גדולה מיטן זונס צו־ריקקומען אַהיים, אַז ער האָט אין שטוב געררישט, געלאַכט, געהוליעט, ווי אַ צעבאַלעוועט יונגל. ווו האָט מען איצט זיינע דונערדיקע געלעכטערס נישט געהערט? פון אַ פשוט וואָרט האָט ער פּלוצים געקענט אויסזעצן אַזאַ ווילד געלעכטער, אַז ס׳האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן ברעג אַרום שטיבל און אָנגעשטעקט אויך לאהן! מאַן און ווייב האָבן פון די געלעכטערס גע־פּראַכט, ווי מידע געגנדז, קוים אָפּגעאָטעמט, און זיך איבערגעקוקט מיט ליבע און הנאה, ווי אַ פריש פאַרליבט פּאָרפאָלק. מ׳האָט אַזש ביי זיך אַליין אויסגעקוקט קאָמיש. „משוגענער, וואָס כיכיקעסטו אַזוי?״ — האָט לאה מלא חמה פאַרגעוואָרפן דעם מאַן. האָט ער, דער פישער, אַ קוק געטאָן אויפן ווייב, געטראַכט פאַרוואָס ער האָט געלאַכט — און זיך ווידער צע־הירזשעט, נאָך הילכיקער ווי פריִער.

ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען, מאַטל, אַזוי האָט אים די גרויסע פרייד, וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין זון, פאַרשיכורט...

אָט שפּאַנט ער אַרום, דער פישער, איבער אַ שטיק לענג פון ברעג, ווו דער נעוואָד ליגט אויסגעצויגן אויף אַריינגעשלאָגענע, גראָבע דריקלעך. ער באַטראַכט די טשעפּן און לעכער. אַ שאָד, — טראַכט ער, — דער נע־וואָד איז, נעבעך, אַזאַ לאַנגע צייט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן... אַ רחמנות צו קוקן... יאָ, געווען לעצטנס אַ שווערע צייט... און דאָ דערמאָנט ער זיך אָן דער ענדערונג, טוט זיך אַ מונטער־אויף, און איז פול מיט קרעפטיקע כוחות: „אַ־אַ, אַז ער וועט זיך באַלד אַ נעם טאָן צו דעם נעוואָד — אין איין טאָג וועט ער אַלע ריסן פאַרטשאָבען!" ער בלייבט שטיין אַ שטייפער, אַן אויסגעגלייכטער, ווידער אָנגעפילט מיט זיין פריערדיקער גבורה און גלעטנדיק די קורצע, שוואַרצע האָר, ווו ס'האָבן לעצטנס אָנגעהויבן זיך דורכוואַרפן אַ היפש ביסל גרויע „פעדים", קוקט ער מיט אויפגעלייגטע בליקן אויפן טייך. ער פאַרגעסט בעת־מעשה, אַז ער קען שוין נישט וויסן וואָס מיטן טייך וועט פאָרקומען... דערווייל איז ער גליקלעך. ווער איז צו אים גלייך? האָט אַרויסגעריסן זיין קינד פון גוייִשע הענט, געראַטעוועט פון שמד — אַ קלייניקייט? אין שטוב איז ששון ושמחה, אַ מחיה אַריינצו־קומען. און פון אַרום טייך, איז דער גאַנצער איינגעזעסענער טרויער מיט אַמאָל אַוועק.

יאָ, דער פישער האָט זיך געפילט, ווי די וועלט וואָלט שענער געוואָרן, און איז געווען פול מיט האָפענונגען. אָט שטייט ער און רייבט אָפּ דעם זשאַווער פון דער שטייענדיקער וואָג ביים ברעג, וואָס ער האָט אין די רעגנס אין די שווערע טעג פאַרנאַכלעסיקט און ער לייגט אונטער אַ פּאָר ברעטלעך. טוט ער עס, מאָטל פישער, מיט אַזאַ אימפּעט און איבערגעגעבנ־קייט, ווי ס'שטייט אים פּאָר אַ גליק. אָפּגעטאָן די אַרבעט איז ער שוין ביי אַ צווייטער. אָט נעמט ער זיך פאַרריכטן די שיפלעך. ער אַרבעט מיט אַזאַ חשק, ווי ער וואָלט ערשט איבערגענומען דעם טייך מיט גרויסע האָפע־נונגען און ער איז נייגעריק צו מאַכן אָרדענונג, ווי אַ נייער באַלעבאָס, אַ בריהאַק... און אַז ער לאָזט זיך אַוועק איבערן טייך — דאָ איז ער שוין גאָר אַ מזיק: פאָרט אַרום שעהענווייז, און מ'הערט אַרויף אויפן ברעג די פריילעכע ניגונים, וואָס ער זינגט אונטער. אַלעמאָל רופט ער פון וויטנס די פאַרבייגייער אויף יענער זייט טייך אונטערן באַרג, ווי אַ יונגאַטש, אַ

ליך, און אַלעמאָל זעצט ער אויס אַ פריידיק געלעכטער.

ווי אַ טאַטע פאַרלירט זיך פון נחת!... אין אַ פרימאָרגן, אין די זעלבע האַרבסט־טעג, דערזען ווי די זון הייבט זיך אויף אַ ליכטיקע, אַ צעשטראַל־טע און ס׳ווערט וואַרעמלעך — האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז ס׳גייט צו ווינ־טער. וואָס־זשע טוט ער? נעמט ער, שטעלט אָוועק אַ לייטער, און נעמט זיך פריש איבערפאַרבן אויף גרין דעם טויבנשלאָג, ווי אין אַנהייב פרילינג.

אין יענע טעג האָט דער פישער ווידער אַרויסגעשטעלט ביינאַכט די יעטרעס אין טייך. ווידער זענען געקומען אַהער די פיש־הענדלער פון די באַענטע שטעטלעך אין די פרימאָרגנס מיט די קליינע פירלעך, און מאָטל האָט זיי ווידער באַהאַנדלט ברייטהאַרציק. איצט איז ער נאָך געוואָרן גוט־מוטיקער, געהאַלטן אין איין שפּאַסן און לאַכן. אַז מ׳האָט אָפּגעוויגן די פיש, האָט ער אין יעדן קויש צוגעוואָרפן אַ פּאָר קאַרפּן אַ מתנה, גערעכנט פאַר די פיש ביליקער, ווי פריִער, און אומישנע פאַררעדט די סוחרים, ער זאָל קענען מער אַביסל פאַרברענגען מיט ייִדן.

און דאָ, מ׳שטייט שוין מיט די קוישן פיש אויף די פורלעך, האָט ער זיך קוים דערמאָנט:

— וואַרט אויס, ייִדן... כ׳האָב זיך גאָר פאַרגעסן... איר מוזט מיט מיר אַריינגיין כאַפּן אַ שנעפּסל און זיך ווינטשן „לחיים"... איין מינוט, ייִדן!

און די פיש־הענדלער האָבן אים געמוזט פאָלגן:

— לחיים, ר׳ מאָטל, דער אויבערשטער זאָל העלפן, אַז איר זאָלט ציִען פולע נעוואָדן מיט פיש און מיר זאָלן ציִען חיונה...

— לחיים ר, מאָטל, איר זאָלט שוין באַהיט זיין פון צער!...

— לחיים, ייִדן, לחיים!

— לחיים, מאָטל! לחיים, לאה! גאָט זאָל העלפן שמחות ביי ייִדן. איר זאָלט דערלעבן נחת אָן חיים־בערן!

— אָ־מן, טאַטע זיסער, פון אייער מויל אין גאָטס אויערן! — האָט לאה צוגעקרעכצט.

און דער פישער.

— אָמן... אַבי נאָר מיט אַ ייִדישער טאָכטער.

— און זאָלסט אונדז שלעפּן דעם נעוואָד נאָך היינטיקן דאָנערשטיק,

דו הערסט, חיים־בעריניו! — האָט זיך היימיש געמאַכט דער אַלטער מעכל פערליצער. — מיר מוזן האָבן פיש אויף שבת.

— און אַז נישט, וועט איר מער נישט קויפן קיין פיש ביים טאַטן, — האָט שוין חיים־בער אויך אַ שפּאַס געטאָן.

— אוי, אַ רוח אין דיינע צוועלף קאַפּיקעס! — האָט דער אַלטער זיך געלאָזט צו חיים־בערן, טופּענדיק מיט די פיס, — מאַכסט חוזק פון מיר? ב׳געדענק דאָך דיך נאָר פאַר אַ צוציק, דו — כ׳ל דיר באַלד זאָגן וואָס...

און האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן:

— פּאַ־סקו־דניאַק!...

און טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעקוואָלן פון נחת.

די סוחרים האָבן זיך געכאַפּט:

— הכלל, ייִדן, מ׳דאַרף גיין.

זיי זענען אַרויס צו די וועגעלעך. די שטוביקע — נאָך זיי.

— זיי געזונט, בחורעץ! — האָט דער יונגער פיש־הענדלער, משה דער לאַנגער, שפּאַסיק אַ זעץ געטאָן חיים־בערן אין דער דלאָניע מיט אַזאַ כוח, אַז דער יונג האָט זיך אַ צי געטאָן אין דער לופטן. — העלף דיין טאַטן און מאַך נישט קיין פוילע שטיק, דו הערסט?

— איי, משה, גיט איר אַ זעץ, — האָט חיים־בער געענטפערט. — איר האָט דאָך מיך שיעור נישט דערהרגעט!

און דערביי האָט ער יענעמס לאַנגע לאַפּע אַזאַ צי געטאָן צו זיך, אַז יענער האָט זיך אַ וויג געטאָן, אַז דער קאָפּ איז אים שיעור אַראָפּ, האָט זיך אַראָפּגעשטעלט אויף די קני און איז צוגעפּאַלן מיטן דאַרן, אויסגע־צויגענעם גוף צו חיים־בערן. ער האָט זיך קוים אויפגעשטעלט:

— אוי, דער גוטער יאָר זאָל דיך נעמען, דו בייסטרוק!

אָך, יענע טעג!...

אין יענע טעג האָבן טאַטע־מאַמע זיך אַזוי פאַרלוירן אין זייער גרוי־סער שמחה, אַז זיי האָבן ווי פאַרגעסן, וואָס זיי האָבן באַשלאָסן. ווי אַ טייערער גאַסט פון מרחקים, וועמען זיי האָבן שוין יאָרן נישט געזען, האָט דער זון זיי אויסגעקוקט. האָט דער פאָטער אים נישט געלאָזט אַרבעטן. די מוטער האָט אַלץ געפּאַדיעט אַרום אים מיט איר געטריישאַפט: דאָ אים

אַ קנעפּל צוגעניית, דאָ אים די הויזן פאַרריכט, און פריייטיק ביי־טאָג, לכבוד שבת, דעם קאָפּ אים אויסגעוואַשן. זי האָט אַרומגעשפּאַנט מיט וואַרעמע דאַנקבאַרקייטן אין האַרצן און אַ ציטערדיקע אים נאָכגעקוקט יעדן טראָט. זי האָט געקאָכט און געפּרעגלט און געבאַקן מער ווי אַלע מאָל, און צוגע־טראָגן דעם זון פונעם שענסטן און בעסטן.

חיים־בער איז געוואָרן לאַנגווייליק. ער האָט זיך אומרויִק אַרומגע־דרייט ביים טייך און געקוקט אויף אַלץ, ווי אַ פרעמדער. צייטנווייז האָט ער אַוועקגעריטן אויף אַ פערד און איז באַלד צוריקגעקומען; האָט פאַר־בראַכט ביי זיינע באַליבטע טויבן, און האָט גאָר פאַרגעסן זיי אַרויסצולאָזן זיי זאָלן פליִען, אַלעמאָל אַן אַנדער טשאַטע, ווי ער פלעגט טאָן אַמאָל. ער האָט געטריבן פון זיך די שטילע, צוגעלאָזענע קאַץ; און אַ פאַרחלומטער זיך געריצט מיט די דריי הויך־געוואַקסענע, טונקל־חנוודיקע הינטלעך, דעם שוואַרצן לייבושעס גערעטענע פּרוכט.

— וואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מיין קינד? — האָט די מוטער אים געפרעגט, ווען ער איז געזעסן איינגעבויגן אויף אַן איבערגעקערטער טשאַטרע (עמער) מיטן פּנים אין די דלאָניעס.

— וואָס איז, דער הימל פאַלט צו דר׳ערד? — איז שוין צוגעקומען דער פאָטער אויך.

דער זון האָט געענטפערט:

— ס׳מיר נישט גוט, מאַמע...

און אין די אויגן זענען געשטאַנען טרערן. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעשפּאַנט צו אַ וואַנט פון שטיבל, זיך צוגעשפּאַרט מיט אַ האַנט, פאַר־שטעלט דאָס פּנים, און די אַקסלען האָבן געצוקט.

דאַן האָבן די עלטערן אים דערציילט דעם סוד:

ער איז נאָך יונג... דאָ, ביים טייך איז פאַר אים נישט קיין תכלית... פּלאַנען זיי אים צו שיקן קיין אַמעריקע...

חיים־בער איז נישט געווען איבערראַשט. ס׳איז אים שוין געווען, הפּנים, אַלץ איינס. נאָכדעם האָבן די עלטערן אַ סך גערעדט, איינגעטענהט, און אים אַלץ דערקלערט — און ס׳איז געבליבן:

פריִער וועט ער, חיים־בער, אַוועקפאָרן אין שטעטל פאַלעשט צו דער

מוטערס עלטערן. דאָרט וועט ער זיך גוט אויסרוען און דערוויל „אויס־סטאַרען" אַ פּאַספּאָרט אין דער דערבייִיקער קרייז־שטאָט. נאָכדעם וועט ער קומען אַהיים זיך געזעגענען און זיך לאָזן אין אַ גוטער שעה אין דער ווייטער וועלט אַריין.

חיים־בער איז אַוועק קיין פּאַלעשטע. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ער שוין געווען צוריק מיט אַלע רייזע־פּאַפּירן פאַרטיק. אויך די „פּאָדערונג" פון אַמעריקע איז שוין אָנגעקומען. איצט האָט חיים־בער נאָר געדאַרפט זאָגן „זיי געזונט" צו טאַטע־מאַמע. מאָרגן גייט אָפּ פונעם נאָענטן שטעטל זיין באַן.

אין אָוונט האָט די מוטער באַמערקט, אַז דער זון איז געוואָרן שטאַרק אומרויִק. ער דרייט זיך אַרום אַ פאַרטראָגענער, אַריין און אַרויס פון שטיבל און קען נישט איינרוען.

— וואָס איז מיט דיר, מיין קינד? טראַכסט איבער? אַמעריקע איז אויך אַ לאַנד, דאָרט זענען אויך דאָ יידן...

— מאַמע, כ׳גיי זיך אַביסל דורך.

— איצט־אָ, אין אָוונט?

— כ׳וויל זיך דורכגיין...

— נו, גיי, טייערער. אָבער, כ׳בעט דיך, קום נישט שפּעט.

דער בחור איז אַוועק צום דאָרף.

קאַפּיטל 19

חיים־בער געזעגנט זיך מיטן דאָרף

אָוונט.

נאָך אויפן וועג צום דאָרף איז שוין חיים־בערן באַפאַלן אַ טרויער. ער האָט געשפּאַנט פּאַמעלעך. די געשטרעקטע, הויכע וווקס זיינע האָט אויס־געקוקט ווי נידעריקער, איינגעשרומפּן און דער קאָפּ איז אַראָפּגעהאַנגען, ווי נישט קענענדיק דערטראָגן די דריקנדיקע געדאַנקען. ער האָט געפילט, ווי אַ פאַרבאָרגענע האַנט וואָלט אים געצווילן פאַראויס און ער האָט זיך נישט געראַנגלט. האָט אי געליטן, אי געוואָלט זען דאָס דאָרף. וווהין גייט ער? אפשר זאָל ער זיך אומקערן? ער קען זיך דען מיט עמעצן פון זיינע פרי׳ערדיקע פריינד באַגעגענען? אַ מאָדנע פרעמדקייט האָט ער איצט גע־פילט צווישן טייך און דאָרף; צווישן זיך און טאַטע־מאַמעס היים און יענער דאָרפישער סביבה, מיט וועלכער ער איז אַלע יאָרן געווען אַזוי היימיש. נאָר אַ לעצטן בליק וועט ער וואַרפן אויף יענע באַקאַנטע ערטער. ער וועט זיי אַלעמען מוחל זיין. וועט זיך נאָר דערמאָנען די איבערלעבונגען דאָרט און אַ באַהאַלטענער אין דער נאַכט זיי זאָגן אַ „זייַ־געזונט". אַלעמאָל האָט ער נייגעריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט שוין וועלן דערזען די באַליבטע דאָרפס־ערטער.

איצט איז ער פון דאָרט אַרויסגעשטויסן — האָט ער פאַרדריסיק אַ טראַכט געטאָן.

זיין ליבע און בענקשאַפט צו דער מוטער־ערד האָבן אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט. אַך, ווי ער וואָלט וועלן ווייטער אַרבעטן אויפן פעלד, און לעבן מיט די זאַטע פריידן פון דער ערד. אָבער איצט איז ער פאַרלאָזן. די פרי׳ערדיקע פריינד האָבן זיך אָפּגעריסן פון אים מיט אַזוי פיל שנאה, כעס און חוזק, אַז דאָס אַמאָליקע קוקט אויס ווי אַ חלום.

— נישקשה, ערד איז אין אַמעריקע אויך דאָ! — האָט ער דערפילט אַ ווייטיק און זיך עקשנותדיק געטרייסט.

ער האָט געשפּאַנט און געקוקט אין חושך אַריין. האָט זיך פאַרגע־שטעלט יעדעס שטיקל פאַרבייגעשפּאַנט אָרט און געוואָלט מיטן בליק אַלע ברייטע שטחים דאָ אַרומנעמען. האָט דאָ אַזוי פיל דורכגעלעבט! די שענס־טע טעג פון זיין יוגנט דאָ פאַרבראַכט. ווי אַ גרויסער פּרעכטיקער יום־טוב האָט זיך דאָס געצויגן. איצט לאָזט ער דאָס איבער... אָבער בעסער אַזוי: ווייט פון די אויגן, וועט עס אַזוי נישט מאַטערן. און ווי זאָגט די מאַמע: ער וועט אין אַמעריקע אויך נישט פאַרפאַלן ווערן. וואָס־זשע, אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין ערד? נו, וועט ער זיך באַזעצן אויפן ישוב מיט נאָך ייִדן... ער׳ט נישט פאַרפאַלן ווערן!...

האָבן אַזוי פיל שונאים! — האָט ער אַ קלער געטאָן וועגן די ייִדן. ממ, מאָדנע... אַ פּאָר ייִדישע פאַמיליעס וווינען אין דאָרף, לעבן זיך מיט די פּויערים, ווי מיט ברידער; און די פּויערים אַליין זענען דאָך גוטע, תמי־מותדיקע מענטשן; און אַז דער גלח האָט זיי אויפגערייצט, האָט אין זיי אויפגעזאָטן אַ גיפט, ווי ביי ווילדע וואַלד־חיות. ווען זיי גייען אַוועק אין שטאָט, וואָלטן זיי געקענט צעשטערן דאָס האָב און גוטס פון זייערע בעס־טע ייִדישע פריינד און זייערע לעבנס אויך.

יאָ, אַן אומגליקלעך פאָלק, די ייִדן... די מאַמע האָט אים טאַקע דער־ציילט פונעם פּאָגראָם אין קעשענעוו, ווו מ׳האָט געהרגעט ייִדן און צע־פלינדערט זייערע פאַרמעגנס, און אַז דאָס זעלבע האָט מען געטאָן אין אַנ־דערע שטעט. אַפילו די ייִדישע אַרענדאַרן אין די דערפער, — דערציילט די מאַמע, — וואָס האָבן מיט די גוייִם לאַנגע יאָרן זיך איינגעלעבט ווי אייגענע — אַפילו זיי האָט מען נישט געשאַנעוועט. איניקע זענען אַרויס גליקלעך — מ׳האָט זיי בלויז די פענצטער אויסגעהאַקט, צי די פּנימער צע־דראַפּעט. אַנדערע האָט מען אָבער צעשלאָגן, צעהרגעט, אַז מ׳האָט זיי אין די נאָענטסטע שטעטלעך געמוזט אָפּפירן און מ׳האָט נאָך זייער פּראַצע פון אַלע יאָרן צעראַבעוועט... יאָ, פינצטערע טעג זענען דאָס געווען, — דער־ציילט די מאַמע. די ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן אויף די בוידעמער, געלעגן גאַנצע טעג אין די קעלערס, געציטערט פאַר אַ בלעטל אין ווינט און גע־

מוזט די שונאים פאַרשווייגן. וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? אַז גאַנצע כאָפּ־טעס בויאַנעס האָבן זיך צעווילדעוועט און מיט העק און מיט אייזנס זיך אַרומגעטראָגן...

ער האָט דערקענט די ערשטע שטיבלעך אין דאָרף. ס׳האָט אים גע־צויגן ווייטער, ווי אַ כישוף. דער האַרבסטיקער אָוונט־ווינט האָט דאָ, ביים אָנהייב פון דאָרף, זיך זשומענדיק אַרומגעטראָגן, געפייפט אין די קוימענס, די הייזקעס, און זיך געיאָגט אין דער פוסטער נאַכט ווי אומישנע צו שרעקן געסווישטשעט דורכן שטרוי פון די דעכער, געקלאַפּט איבער די שויבן פון די דאָרפס־מענטשן. דאָ, ביים אַריינקום פון דאָרף, זענען די פויערישע כאַ־לופּעס געווען קליינע, מיט קרומע, שוואַכע ווענט, אָנגעשוואָלענע פון די רעגנס, איינס פון צווייטן אָפּגערוקט, און אַפילו נישט געשטאַנען אין גליי־כע שערענגעס. דער יונג האָט דערקענט די ערשטע דאָרף־שטיבלעך און זיך דערמונטערט. ער האָט אַרויפגערוקט דאָס היטל העכער און איז אַוועק ווייטער. איצט האָט ער געשפּאַנט פאַראויס מיט די ברייטע פּלייצעס און הויכער וווקס איינגאַנצן אויסגעגלייכט און מיט געזונטע, פעסטע טריט.

— יאָ, ער דאַרף זיך געזעגענען מיטן דאָרף, — האָט ער איבערגע־חזרט אין זיך.

די פעלד־לופט און דער ווינט, וואָס האָט אָנגעטראָגן פרישע ריחות פון אַרומיקע ערד־שטחים, האָבן אים אָנגעגאָסן מיט רויער קראַפט. ער האָט ווײלעוויז פון דער קילער, פרישער לופט אַזש אויפגעצאַפּלט. האָט ער זיך צעשפּיליעט אונטערן האַלדז דאָס לייוונטענע העמד, אַריינגעאָטעמט דעם געשמאַקן פעלד־ריח און געוואָלט וואָס מער הנאה האָבן; אָט אַזוי וואָלט ער דאָ קענען אייביק אַרומשפּאַנען. האָט אַלעמאָל צעעפנט דאָס מויל און זיך געקוויקט, ווי אַ דאָרשטיקער וואַנדערער מיט געשמאַקע קוואַלן־וואַסערן, וואָס ער האָט קוים דערגרייכט. ערגעץ אין אַ הויף האָט זיך אַ הונט אויף אים אָפּגעריסן, אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און זיך געלאָזט אויף אים מיט געביל און שוימיקן כעס. אָבער דער בחור האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען און איינגענומען מיט ווייכע רייד; האָט אים געגלעט איבערן קאָפּ און צוגעקלאַפּט איבערן רוקן:

— וואָס מאַכסטו אַזוינע געוואַלדן? כ׳טשעפּע דיך?...

דאָ האָט אים עמעצער, אויף דער צווייטער זייט וועג, פאַרבייגעשפּאַנט. יענער טראָגט אַ קאַראַמיסלע אויף די פּלייצעס, — האָט חיים־בער באַמערקט אין דער פינצטער. ווער זאָל דאָס זיין? האָט נישט דערקענט. דאָ האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס׳האָט אויפגעהילכט אַ קוויטשנדיקע פרויען־שטימע:

— העי, יאַנו־שאַ! זיי פאַרזיכטיק ביים ברו־נעם, טאַטער, שוין שטאַרק פינצטער!

די פאַרבייגעשפּאַנטע פיגור האָט צוריקגעשריגן:

— האָב נישט קיין מורא, מאַמוצאַ (מאַמעלע).

מיט ליידיקן מיך איבערגעאַנגען, — האָט דעם יונג אַ טיאַך געטאָן אין האַרצן.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָ נישט וויט וווינט וואַסילי פּעטרוש. צו אים קומט זיך אָפט צונויף אין די אָוונטן די דאָרפס־יוגנט און מ׳אונטערהאַלט זיך. ווי אָנגענעם ער, חיים־בער, פלעגט זיך דאָ פאַרברענגען! די פריילעכע ניגונים און קוויטשערייען און געלעכטערס פלעגן פון דאַנען אין דער אָוונט־שטילקייט איבערן גאַנצן דאָרף אָפּקלינגען. ער איז געווען דער פריילעכסטער, און דאָס יונגוואַרג האָט זיך מחיה געווען מיט אים. אַ קלייניקייט, חיים־בירו! זיי פלעגן זיך ווערטלען: „זיך אויפהייבן חברה, חיים־ביר קומט!״ און אַז ער, דער „וויכטיקסטער גאַסט״, האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל פון „קאַסי מארי״, האָט חברה אַ זעץ געטאָן מיט אַזאַ הוראַ, אַז די ווענט האָבן ווי גלאָקן אָפּגעהילכט. און פון זיינע וויצן און פון יעדער קאָמישער מינע זיינע, פלעגן זיי זיך אַרומוואַרפן מיט אַזוינע האַרציקע געלעכטערס. אַז ער האָט אויפגעזונגען אַ פריילעכס, זענען זיי אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, האָבן אָנגעכאַפּט איינער דעם צווייטן, אַריינגעשלעפּט אין אַ ראָד און געטאַנצט מיט אַזוי פיל לעבעדיקייט און גדולה, אַז די ערד האָט געציטערט.

— זינג, חיים־בירו, זינג! העכער, ליבער, לעבעדיקער! — האָבן זיי אים טאַנצנדיק געמונטערט, און די לאַנגע טשופּרינעס זענען געפלויגן אין דער לופטן.

ער איז צוגעקומען צו וואַסילי פּעטרושעס שטיבל.

אין די פענצטער פונעם הינטערשטן גרויסן צימער, דער „קאַסי מאַרי״ ווו די יוגנט פלעגט זיך פאַרווײַלן, האָט זיך איצט געלויכטן. חיים־בער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פּלויטל פון הויף. האָט דערהערט אַ הילכיק געלעכטער מיט אַ מאָדנעם קוויטשעלע, און דערקענט אַ באַקאַנטע יונגע שיקסע. מ׳פאַרברענגט זיך... און דאָ האָבן זיך צעקלונגען הייסע, רויטיקע טענער פון פאָלקס־לידער פון אַ קאָמפּאַניע ייִנגלעך און מיידלעך. ס׳האָט אים ווי אַ צויבער אַרומגענומען! די „קאַסי מאַרי״ איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. אין די איינזאַמע טעג, ווען ער פלעגט אַנטלויפן פון דער פּוסטקייט ביים טייך און פון טאַטנס שטרענגקייט — וויפל פרייד ער האָט אין דעם צימער געגנאַסן! וואָס, אַ שטייגער, טוען זיי דאָרט, זיינע פריינד איצט־אָ? ווער איז דאָרט פאַראַן? זענען אַ סך? און וואָס איז אַזאַ גדולה?...

די נייגעריקייט האָט אים געצויגן. שטייענדיק אַזוי ביים געפלאָכטענעם פּלויטל קעגן אַ פענצטערל פון הינטער־צימער, איז ער פאַרזיכטיק אַריבערגעקראָכן און אַן אַראָפּגעבויגענער זיך צוגעשאַרט הינטערן הויכן באַלויכטענעם פענצטערל. האָט אַריינגעקוקט דורכן שפּאַלט צווישן געזימס און פאַרהענגל.

קיין סך האָט ער נישט געזען. די „קאַסי מאַרי״ איז געלעגן צוויי טרעפּ אַראָפּצוגיין אין דער טיף. דורכן הויכן פענצטערל האָט חיים־בער געזען די העכערע העלפט פון דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, אַביסל מעבל און דריבנע כלים און פון דער גאַנצער יונגער כאַפּטע בלויז צוויי שטייענדיקע באַקאַנטע שקצים. דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט. איצט וואָלט ער דווקא וועלן זען יעדעס קלייניקייט. האָט ער דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט דערזען, זיך פאַרגעשטעלט מיט דער פאַנטאַזיע. ער האָט זיך אויסגעמאָלן די שיינענדיקע פּנימער פון די יונגע מענטשן, געזען צווישן די זיצנדיקע פאַרלעך פאַרשיידענע אָנגענעמע בילדער, און ס׳האָט אים געצויגן אַ מעכטיקער כוח.

— אָ, טייערע!

זייער היימיש לעבן האָט אים אַזוי אַרומגעכאַפּט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אויף דער זייט וואַנט, אין דרויסן. ס׳האָט זיך

אים געדאַכט, אַז ער איז דאָרט אינעווייניק, איז איינער פון דער יוגנט אין „קאסי מארי״, און ער פאַרבערענגט מיט זיי. אָט זיצט ער דאָרט־אָ אין שטענדיקן באַליבטן ווינקל, ביים עק דיוואַן, וואָס איז איבערגעדעקט מיט גראָבן, פיל־קאָלירקן, וואָלענעם טעפיך, לעבן דער געזונטער, דיקלעכער קאַטערינען, וואָס רייצט אים מיט איר הויכן, שטייפן בוזעם, מיט די צע־רויטלטע באַקן און אירע זאַפטיק־פרישע ליפּן, און ער האַלט זי אַרום דער טאַליע. אַך, זי איז אַזוי גוט! אירע רייצנדיקע קאַרשן־אויגן פינקלען, און קוקן צו אים דורך אַ פייכטן גלאַנץ פול מיט געבעט און בענקשאַפט. זי האָט אים גאָרנישט פיינד, די טייערע מויד. אַז ער רירט זי אָן, ציטערט זי אַזש אויף פון פאַרגעניגן. אַז ער גייט מיט דער האַנט אַרום איר טאַליע אַביסל צו ווייט, טוט זי זיך כלומרשט אַ קאָרטשע:

— או, הער אויף, חיים־ביר, ס׳טוט וויי...

— כי, ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַדטן...

— אָבער —

— אַ, הייבסט זיך שוין אָן קרומען?

און ער לאָזט זי אָפּ און וויל זיך כלומרשט אויפהייבן. זי צעמישט זיך אַזש און כאַפּט אים שטילערהייט אָן ביי אַן אָרעם:

— אַנטשולדיק מיר, חיים־בירו, כ׳האָב גאָרנישט געמיינט! ממ, באַלד ווערט ער ברוגז...

אַלע האָבן אים דאָ ליב. ער איז דאָ דער פריילעך־מאַכער, פאַרנעמט דעם אויבן־אָן און אַלע קוקן אויף אים, ווי אויף אַ העלד. זיי קענען אים שוין, די חברים: ער זיצט זיך אַ לאַנגע צייט אָן איינגעשוויגענער אַז אַ זייט, ווי אַ שטיל טייבעלע, מ׳ווייסט נישט צי ער איז דאָ אין צימער. און פּלוצים ווערט ער פון עפּעס אַ קלייניקייט באַגייסטערט און צעפריילעכט זיך. נו־נו, הייבט זיך אָן דאָס אמתע הוליען! ער האָט פיינט זיך צו לאָזן בעטן. ער נעמט טאַנצן אינמיטן צימער און צעלאָזט זיך אין אַן אויגנבליק, ווי אַ ווילער אין סטעפּ. די אַרומיקע ווערן מיטגעצויגן און דער חשק צום טאַנצן און הוליען צעשפרייט זיך אין די געזונטע, יונגע לייבער מיט ברויז און אומגעדולד. מ׳הייבט זיך אויף פון די ערטער, מ׳פּליעסקעט־צו מיט די הענט און מ׳שטייט קוים איין. און ער, חיים־בער, שרייט: „קלאַפּט־צו, קינ־

דער, זעצט מיט אַלע כוחות!" און ער טאַנצט. אַט דרייט ער זיך אַרום זיך אַליין אַ קאַראַהאַד; אַט זעצט ער זיך טאַנצנדיק אַראָפּ צו דער ערד; אַט טוט ער אַ חריפותדיקן שפּרונג אין דער הויך און שלאָגט אין דער לופטן צונויף די פּיס. ער ווערט וואָס אַמאָל לעבעדיקער און צעקאָכטער, און דער יונגער עולם קוועלט און יובלט: „העי, צעברייטערט דעם ראָד, מאַכט מער אָרט, קינדער!" שרייענדיק רוקט מען זיך הינטערווײַלעכטס און דער צע־הוליעטער טענצער ריטשעט מיט באַנומענע קולות, שיכור פון דערפּאַלג...

ווו איז ער?... ער האָט דערוואַכט, ווי פון אַ חלום. יענע טעג זענען אַוועק... ער וועט שוין צום דאָרף זיך נישט אומקערן...

ער איז שנעל אַוועק פון פענצטער. ס'האָט אין אים געוויינט דאָס האַרץ. די טונקעלע דאָרפס־וועגן האָבן אים ווייטער געצויגן. ער האָט געשפּאַנט, זיך אָנגעשטרענגט אַלץ צו דערקענען און געוואָלט זיך דערמאָנען וואָס מער פונעם פאַרגאַנגענעם.

אַט דאָ, ביים עק בריקל פון טייכל, אינמיטן דאָרף, פלעגט ער ביי־נאַכט זיך באַגעגענען מיט זיינע מיידלעך. די שקצים האָבן גאָרנישט גע־טראַכט פון אָט דעם רויקן ווינקל. זיי פלעגן זיך באַגעגענען מיט זייערע מיידלעך אויף די לאָנקעס הינטערן דאָרף; אין די דאָרפישע הינטערגעס־לעך; אויף זייטיקע קליינע בערגלעך אָדער טאָלן; און אָפטמאָל צווישן די עטלעכע לענגערע, געדיכטע ביימער־אַלייען אין דאָרף. די בחורים האָבן דאָרט פאַרטשעפּעט די מיידלעך אין איינס־צוויי, און די גאַנצע צייט זיך געדאַרפט היטן. ער, חיים־בער, איז אַנדערש געווען. ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיטן מיידל די גליקלעכע פאָר שעה באַהאַלטן אין די גראָזן; הערן איר שטיל, פאַרבענקט שעפּטשען לעבן זיך און טרוימען אָן אַ שיעור. אין די לויטערע, אויסגעשטערנטע לבנה־נעכט — ווי גוט ס'איז אים געווען! איז געלעגן לעבן מיידל פאַזע טייכל, אויפן גראָזיקן בערגל, גערעדט מיט איר פון אַלערליי געשעענישן אין דאָרף; פון די אינטערעסן צווישן די דאָר־פישע בחורים און מיידלעך; פונעם פריץ און דעם אַלטן שענקער; פון דער אַרבעט אין פעלד און פון זיינע אייגענע חלומות און בענקענישן. בלויז פון זיינע עלטערן ביים טייך, האָט ער נישט דערמאָנט אַ וואָרט. בשעתן רעדן האָט ער הנאה געהאַט פון דער צאַרטער לבנה און פונעם פרעכטיק־אויס־

געשטערנטן הימל; אָנגעזעטיקט די ביינער מיט די געשמאַקע ריחות, וואָס דער זומערדיקער נאַכט־ווינט האָט פון די גרינע ווייטן אָנגעטראָגן און פון דער זאַפטיקער ערד־פרישקייט אַרום אים. אָפטמאָל איז ער פּלוצים איינ־געשוויגן אויף לאַנג־לאַנג, ווי פאַרטרוימט אין אַ וואונדערלעכער זעונג, האָט קוים געהערט אַפילו דעם מיידלס שעפּטשען ביי דער זייט. דעמאָלט האָט זיין נשמה געלויבט די גרויסע, פאַרבאָרגענע מאַכט, וואָס נעמט אים אַרום מיט אַזוי פיל סודות, און מיט אַזוי פיל פּראַכט און וואונדער.

אין יענע אָוונטן האָבן די ווייכע שטראַלן פון דער לבנה אין דער צע־העלטער נאַכט ווי אַ מילדער, דריבנער שפּריי־רעגן זיך איבער אים גע־גאָסן. זענען געפאַלן די צאַרטע שטראַלן איבערן קלאָרן, אָפּגעזילבערטן טייכל און אַ הערלעך ליכט האָט זיך איבעראַל צעגאָסן און אַרומגעשפּילט. הימל און ערד האָבן זיך ווי פאַראייניקט אין איין גלאַנץ. די שטערן האָבן אַראָפּגעקוקט, ווי גאָלדענע לאַמטערנדלעך און לעבעדיק געשיינט אַרום דער לבנה, ווי אַרום אַ גוטער מאַמען וואָס פּראַוועט עפּעס אַ יום־טוב. אַרום די טייך־ברעגן האָבן דיביימער זיך געוויגט מיט אַ לייכטן גערויש. זיך אויסגעפּוצט אין ווייסן, און זיך, הפּנים, געפרייט אַזוי מיט דער שיינער, פאַרטרוימטער נאַכט, מיט דער ליכטיקייט, און מיט לבנה און וואַסער, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי צונויפגעגאָסן... דעמאָלט, אַז עס האָט זיך אין דאָרף דערהערט אַ ניגון פון אַ מויל צי פון אַ פייפל, פון אַ פאַרבענקטער נשמה ערגעץ, האָט זיין מיידל זיך אומגעקוקט אויף אים מיט פאַרגאַפטקייט און ביידע האָבן זיך מיט דער סודותפולער וועלט אין אַ חלום פאַרלאָרן.

— אָ, יענע נעכט!...

אָט איז דאָס הויז פונעם גרייז פון דאָרף, לופּו. דער גוטער אַלטיטש־קער איז ביי די פּויערים שטאַרק באַליבט צוליב זיין חכמה. צו אים פלעגט חיים־בער אַמאָל אַריינגיין אין שעהן פון שווערן געמיט. ווי אַ דערבאַרעמ־דיקער פאָטער זיין קראַנק קינד, אַזוי פלעגט דער זקן אים דעמאָלט פּיעש־טשען און דאָס האַרץ אויסרעדן. נישט איינמאָל פלעגט ער קומען אַהער אַ פאַרצווייפלטער און פון דעם אַלטנס גוטמוטיק געלעכטערל און טרייסט־וואָרט אַוועקגיין אַן אויפגעקומענער.

איין מאָל, אין אַ נאַכמיטיק. ער איז געקומען צום אַלטן לופּו און אים

געטראָפן אַ קראַנקן. ער איז געלעגן אַ קליינינקער, אַ צונויפגעקאָרטשע־טער, אויף אַ נידעריק ברעטער־דיוואַניקל און שטיל געקרעכצט. אַז ער, חיים־בער, האָט דעם אַלטן אַזוי ליב געהאַט, האָט ער שוין פאַרגעסן זיינע אייגענע צרות און זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין אַלטן פריינד:

— וואָס איז אייך, מאָשניאַגו* לופו?

— כ׳ווייס? נישט מיט אַלעמען.

— אפשר זיך צוגעקילט?

— מיינסט, חיים־בירו, אַז כ׳בין אַזוי יונג?...

— איר ציטערט, מאַשניאַגו לופו, מ׳דאַרף עפּעס טאָן.

— ווייסעך, אַ שטיקל דראָזש... זאָג מיר בעסער, וואָס טוסטו, חיים־ביר? עפּעס זעסטו אויס פאַרדאגהט! קום אַהער נענטער! מיין פריינד!

און דער גרייז נעמט אָן חיים־בערס האַנט און האַלט זי אין זיינער. ער דריקט זי, ווי זיך קוויקנדיק, און קוקט מיט מיטלייד דעם בחור אין די אויגן:

— עפּעס פעלט דיר, חיים־ביר, איאָ? דערצייל מיר, טייערער!

און דער יונג דערציילט.

דער זקן הערט אויס און טרייסט אים:

— נישט געזאָרגט, מיין קינד. ביסט נאָך יונג. אַ טאַטע מיינט נישט קיין שלעכטס. טאַטע־מאַמע זענען דיינע בעסטע פריינד, מיין קינד, גע־דענק!

שעהנווייז פלעגט ער לעבן אַלטן אָפּזיצן. אַ פאַרגעניגן געווען מיט אים צו פאַרברענגען. נאָר דערהערט פון אים אַ ווייך וואָרט, איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. דערקענט אַז ער, חיים־בער, האָט אַביסל אויפגעלעבט, האָט דער גרייז־גרויער אָנגעהויבן שפּאַסן, זיך וויצלען און לאַכן מיט אַ האַר־ציק געלעכטערל, ווי אַ צעפריילעכט קינד. אָדער, ער האָט גענומען דער־ציילן וווּנדערלעכע לעגענדעס, איינע נאָך דער אַנדערער, אַזוי פּאַמעלעך, ווי אויפצי׳ענדיק אויף אַ שנירל לויטערע בורשטינען:

אַ מעשה פון יאָרן־לאַנג צוריק פון דער שענסטער פרוי אין דאָרף,

---

* אַלטיטשקער.

וואָס איז געבליבן אַן אַלמנה און שפּעטער געכאַפּט געוואָרן ביי שווערע זינד. אַז דער גלח האָט איר הינטער פאַרהאַקטע טירן אויסגעמוסרט דער־פאַר, האָט נאָך די זינדיקע נאָכדעם גאָט, ברוך הוא, אויך געלעסטערט. נאָך אין דער זעלבער נאַכט, קעגן אַ ליכטיקער לבנה, האָבן זי אַ חברה כישוף־מאַכער דורך אַ פענצטער פון איר היים מיט פריילעכער מוזיק אַרויס־גענאַרט, און הינטערן דאָרף אין פריצס וואַלד זי ערגעץ פאַרפירט, פון וואַנען זי איז שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקומען. בלויז אַ שטילער, יאָ־מערלעכער עכאָ, וואָס האָט געקלונגען ווי יענער בילד־שיינער אַלמנהס רייצנדיקע שטימע, האָט נאָכדעם זיבן יאָר נאָכאַנאַנד נאַכט נאָך נאַכט, אין פריצס וואַלד זיך אַרומגעטראָגן, אין דאָרף זיך אַריינגעהערט און געשראָקן די פויערים — — —

אַ מעשה פון פאַרצייטן ווען ער, דער גרייז, איז נאָך אַ יונג בחורל געווען, און דאָס דאָרף האָט אַ יאָר פון הונגער דורכגעלעבט; ווי אין יענע שווערע טעג, האָט דאָס פאַראומערטע פויערים־פאָלק מאַסנווייז טאָג נאָך טאָג איבערן פעלד מיט די צלמים און איקאָנעס פון קלויסטער זיך אַרויס־געלאָזט; ווי דער גלח האָט מיט טענות און תפילות די געשלאָסענע טויערן פון הימל געוואָלט דורכרייסן און ברענגען אַלעס פאַרן כסא־הכבוד; און ווי דאָס אָרעמע, אויסגעמאַטערטע פאָלק האָט אַלעמאָל געקניט מיט אויסגע־שפּרייטע הענט צום הימל און געבעטן ביים דערבאַרעמדיקן פאָטער רחמים מיט ביטערע קלאָגעניש. און דאָ, אין אַ פרימאָרגן, האָט דער עולם אין פעלד דערזען ווי אַ פרעמדער וואַנדערער קומט אָן. יענער איז צוגעקומען צום גלח אַן אָנגעשפּאַרטער אויף זיין שטעקן, און איינבייגנדיק זיין מיטעלע ברייטע ווּקס, מיט אַ האַנט אויף זיין גרויסער, צעפלאָשטשעטער, ווייסער באָרד, האָט ער דעם הייליקן פאָטער אינמיטן זיין פרעפלען אָפּגעשטעלט און מיט אַ פינגער אין דאָרף אַריינגעוויזן:

— פר:ער, ברידער, ראַמט אויס די זינד, וואָס פאַרדאַרבט אייך און ערשט נאָכדעם טוט תפילה און בענטשט גאָטס נאָמען!...

און ער איז אַוועק.

און נאָכדעם איז מען לויטן אָנווייזן פונעם פרעמדנס פינגער איז אַ פאַרשטופּטן ליקל אַוועק און די אָרעמסטע פאַמיליע פון דאָרף, אַן אַלמנה

מיט פינף קליינע קינדער, געטראָפן פאַרחלשט פון הונגער און דער אַלמנהס אַלטער פאָטער האָט פון הונגער געגוססט. נאָך אין זעלבן טאָג האָבן די זאַטע געגנומען אי תשובה טאָן, אי נאָכזוכן די אָרעמקייט, גרייט צו העלפן... און באַלד האָט זיך דער הימל באַדעקט מיט וואָלקנס. אַ פּאָר טעג זענען געקומען קילע, ווינטיקע און כמורנע, און אויפן דריטן טאָג איז אַראָפּ אַ רעגן — — —

אַך, יענע מעשות! ער, חיים־בער, פלעגט זיצן אַ פאַרכאַפּטער, פול מיט דאַנקבאַרקייט און גאַרנישט מיד ווערן צו הערן. און ער, דער ליבער, קלוגער אַלטיטשקער, אַבי ער כאַפּט זיך אָן אָן זיינע יוגנט־זכרונות, דער־ציילט ער זיי פול מיט ליידנשאַפט.

דערציילט ער, מאַשניאַגו לופּו, ווי איינמאָל אין אַ זומער איז ביים אַמאָליקן אַלטן פּריסטער געשטאָרבן איינער פון זיינע צוויי זין. דאָס גאַנ־צע דאָרף האָט די אבידה באַקלאָגט. איז ווייניק געווען. איז באַלד נאָכדעם די פעלדער און גערטנער באַפאַלן אַ היישעריק און אומרחמנותדיק די תבו־אות און פרוכטן גענומען פרעסן. עטלעכע טעג זענען אַזוי אַוועק. מ׳האָט געזען, אַז מען קומט אום; מ׳וועט פון דער ערד גאָרנישט אַראָפּנעמען און ווינטער פון הונגער אויסגיין. זענען די דאָרפסלייט דעמאָלט אין די שטי־בער פאַר די איקאָנעס מיט די פּנימער צו דער ערד צוגעטוליעט: „מיר בעטן דיך, גאָט פון רחמים, דערבאַרעם זיך צוליב די קליינע קינדער... זיי האָבן דאָך נישט געזינדיקט!" און דאָ איז דעם גלחס צווייטער זון אויך נישט געוואָרן. דער גלח האָט זיך שוין גאָר פאַרלוירן. ער האָט געבעטן ביי די פּויערים פאַרגעבונג, ווייל נאָר פאַר זיינע אייגענע יוגנט־זינד שטראָפט אים גאָט. נאָכדעם האָט ער איבערגעלאָזט זיין האָב און גוטס אויף הפקר און איז אַוועק. אָנגעטאָן אין אַלטע, צעריסענע בגדים, מיט אַ לאַנגן, גראָבן צוויַיג אין האַנט, מיט דער הויכער ווקס נעבעכדיק־איינגעבויגן, האָט ער ווייַנענדיק זיך אַוועקגעלאָזט איבער ווייטע, פרעמדע וועגן אָפּצוריכטן גלות.

— און דער היישעריק, מאַשניאַגו לופּו?...

— אָ, דער היישעריק? ער איז באַלד פאַרשוווּנדן...

שטיל.

— ווילסט שוין גיין אַהיים, מיין קינד?

— ניין! דערציילט, ציידעניו, דערציילט!

אַ געשיכטע מיט אַן אונטערגעוואָרפן קינד, די פרוכט פון זינד און פאַרבאָטענער ליבע, וואָס מ׳האָט אַמאָל אין אַ ברונעם געפונען. פון אַלע קוואַלן און ברונעמער האָט דעמאָלט דער טעם פון וואַסער זיך געגומען הערן שלעכט; נאָכדעם האָט זיך אַ חולאת פאַרשפּרייט און דאָס דאָרף איז שיעור פון די פאַרסמטע וואַסערן אומגעקומען. אָבער דאָ איז געשען אַ נס: אַן אַלטע, אָרעמע ציגיינערטע, וואָס פלעגט די לעצטע צייט אָפט פאַרביי־גיין דאָס דאָרף, האָט מיט עפּעס אַ גרינעם פּראָשעק פון געטריקנטע, שמעקנדיקע גראָזן די וואַסערן אויסגעהיילט און די גאַנצע הראָמאַדע גע־ראַטעוועט...

— לאַנג לעבן זאָלסטו, טייערער ציידע! — האָט דער יונג זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון שלאָף.

— ווו איז ער?...

אָ, ער איז נישט ווייט פון אַלעקסאַנדער דערעוווניאַקס הויז. ער האָט זיך דערמאָנט די סצענע פון די צעבונטעוועטע פּויערים.

— אַזוינע האַרציקע מענטשן; און צו די ייִדן — חיות!...

יאָ, טאַטע־מאַמע זענען געטריי. ווי זאָגט דער אַלטער לופּו: „די בעס־טע פריינד״. וואָס וואָלט געווען ווען ער שמדט זיך, האָט חתונה מיט „זייע־רער״ אַ טאָכטער? די משפחה וואָלט אים מסתמא באַלד געלאָזט וויסן, אַז ער איז אַ ייִד... „ער ווייסט ווער ער איז? זיי האָבן אים דאָך דערהויבן, דעם נידעריקן „זשידאַן״, און ער וויל נאָך באַלעבאַטעווען? זאָל ער בעסער וויסן זיין פּלאַץ!...״ און ער, חיים־בער, פון די ייִדן אָפּגעריסן און אין דער גויי־שער וועלט אַ פרעמדער, וואָלט געדאַרפט זיך אונטערוואָרפן זיין גורל און לעבן אין אייביקער מורא, הכנעה און יסורים. ווי אַזוי וואָלט ער דאָס אויס־געהאַלטן?...

ער איז פאַרבייגעגאַנגען אָשר שענקערס הויז און האָט רחמנות גע־קראָגן אויפן אַלטן עלנטן פּאָרל, וואָס לעבן־אָפּ אַלע יאָרן אין דער פרעמד, דערוויטערט פון ייִדן. ער האָט זיך דערמאָנט: דער אַלטער אָשר און זיין ווייב, אַזוינע שטילע מענטשן און לעבן אַלע יאָרן אין דאָרף — אַפילו זיי האָבן צרות פון די פּויערים. מיט ס׳אַראַ צער די אַלטע גאָלדע האָט אים

דערציילט, ווי די גויים זענען אַמאָל באַפאַלן איר היים. „אַז אָך און וויי צו דעם ייִדן, — האָט זי זיך באַקלאָגט, — מ׳לעבט אָפּ צווישן „זיי״ אַלע יאָרן, און מ׳בלייבט צווישן פרעמדע״.

ער האָט זיך אומגעקערט און איז אַרויס פון דאָרף אין פרייען פעלד. ערשט דאָ האָט ער דערפילט זיין איינזאַמקייט. אַזאַ פיינלעכע בענקשאַפט האָט אים אַרומגענומען, אַז ס׳האָט אים אַזש צעמישט: וואָס טוט מען?... צום לעצטן מאָל גייט ער דאָ אַרום!... דאָ האָט ער דערקענט פון וויטנס דאָס געצעלט פונעם אַלטן פאַסטעך. ער האָט דעם גוטמוטיקן פאַסטעך זייער ליב. ער פלעגט נישט איינמאָל קומען צו פאַרברענגען מיט אים. זאָל ער אפשר איצט צוגיין? ס׳האָט אים גענומען ציִען ווי אַ מעכטיקע האַנט. אַך, ווי דער אַלטער הירט וואָלט זיך מיט אים דערפרייט: „זע־נאָר אַ גאַסט! חיים־בערו אַליין? וואָס־זשע טוסטו עפּעס, טייערער חיים־ביר?...״ מיט ס׳אַראַ שטראַלנדיקע בליקן ער פלעגט אים איטלעכעס מאָל באַגעגענען, און וויפל נשמהדיקע פרייד ס׳האָט זיך אין זיין גראָבער, הייזעריקער שטי־מע אַרויסגעהערט! אַ פאַטער!...

אין די נודנע, רעגנדיקע האַרבסט־טעג, ווען דער אומעט און די קאַל־טע נעץ עסן זיך איין אין די ביינער, איז ממש אַ דערלייזונג מיטן אַלטן צו פאַרברענגען. ער, חיים־בער, זיצט אויפן נידעריקן, הילצערנעם בענקעלע; דער פאַסטעך — אויפן דיוואַניקל פּיפּקענדיק זיין לאַנגן ציבעק, און ער הייבט אָן צו רעדן, דער אַלטער, און דערציילט וועגן גאָט און וועלט און די מענטשן אויף דער ערד; וועגן מלאכים און שדים; וועגן פאַרבאָרגענע צדי־קים און שטן המשחית; וועגן גן־עדן און הייליקן דערלייזער — און ער, חיים־בער, זיצט אָפּ שעהן און ווערט נישט מיד צו הערן...

חיים־בער האָט שפּאַנענדיק זיך צעשמייכלט —

פאַר די אויגן האָט זיך אים אַוועקגעשטעלט דאָס בילד, ווי דער אַל־טער, איינגעבויגענער הירט שפּרינגט אַרום איבערן פעלד זיך שפּילנדיק מיט די שאָף. ער גייט צו צו אַ שעפּעלע, טוט עס אַ פאַר גלעט, אַ קיצל אין אַ זייט און בייגט זיך לאַכנדיק אַראָפּ. דאָס שעפּעלע קוקט אים אָן פרום און שטיל, ווי זאָגנדיק: „האַ? ווילסט עפּעס, צי גלאַט אַזוי?״ און ס׳הייבט זיך אָן אַ מין געשפּרעך:

דער פּאַסטעך:

— ווי פילסטו, לומאַ?

די שאָף קוקט אויף אים תמימותדיק, ווי זאָגנדיק:

— אַ דאַנק.

דער אַלטער:

— ווילסטו זיך אַביסל פאַרברענגען, דראַגוצאַ? *

די שאָף פויל:

— מע־מע?

דער אַלטער, פּאַטערלעך:

— נאַרעלע, פאַרשטייסט נישט? אַ שיינער טאָג, גלוסט זיך וואַיעווען...

און ווי די שאָף וואָלט איר פּאַסטעכס רייד פאַרשטאַנען. זי האָט אויפגעלעבט. אירע שטילע, וואַסער־בלויע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט.

— נו, פאַרטיק?

און ער טוט איר אַ קיצל אין אַ זייט ביי די הינטערשטע פיס און אַנטלויפט. די שאָף דערקענט דעם באַלעבאָס דערהויבענע שטימונג און לויפט אים נאָך. איבערן פעלד צעשפרייט זיך דער קלאַנג פון אַ צעלאָזן גלעקל, וואָס זאָגט אָן די צעפרייטע שאָף די פריילעכע בשורה: שפּילן־זיך האָט זיך היינט זייער היטער און באַשיצער פאַרגלוסט, ס׳איז אַ געבענטשטער טאָג. זיי דרייען זיך אויס מיט די פּנימער צו די צוויי שטיפער, קוקן תמעוואַטע נאָך און זענען פול מיט הנאה און קנאה: „מע—, אַ מזל זי האָט, די דאָזיקע... וויפל פאַרגעניגן דער פּאַסטעך פאַרשאַפט איר!...” און די שאָף שפּרינגט נאָך נאָכן אַלטן, און וויל אים אָנכאַפּן ביים זוים פונעם לאַנגן רעקל. זי איז אויפגעלייגט און צעררייצט. און ער, דער אַלטער לץ, דרייט זיך קונציק אַהין־אַהער און מיידט אויס די שאָף און לאַכט דערווייל אַזוי האַרציק־געשמאַק, אַז ער פאַרהוסט זיך אַזש:

— נו, אַט־אַ... כאַפּ־אָן, לומאַ, כאַפּ־אָן... האָפּ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!...

אַמאָל, אָבער, בלייבט די שאָף פּלוצים שטיין אַ פאַרלאָרענע, ווי אַ באַזיגטע, און בעט:

---

* טייערינקע.

— מע — מע — — —

מיד.

דעמאָלט לאָזט זיך דער פאַסטעך כאַפּן, און די צושויער, די שעפּעלעך, מעקן, ווי בענטשנדיק דעם באַלעבאָס זייערן:

— זאָלסט זיין מיט אונדז אייביק, געטרייער שומר!...

אַרום און אַרום איז פעלד. חיים־בער האָט זיך אַרומגעקוקט. יאָ, צום לעצטן מאָל דאָ, — האָט ער ווידער אַ טראַכט געטאָן. פאַרבראַכט דאָ ויינע שענסטע בלי־ענדיקע יאָרן, און איצט — צום לעצטן מאָל. און ער האָט דאָס פעלד אַזוי ליב! אָפטמאָל, אַז ער איז געוואָרן טרויעריק: אַמאָל צוליב אַ בייזן חלום; אַמאָל צוליב אַן עוולה, וואָס ער האָט באַמערקט; אָדער דער הונט צי אַ פערד איז ביים טייך פאַרשלאָפט געוואָרן און ער איז געווען הילפלאָז; צי אין טעג פון טרוקעניש, ווען מ׳בעט גאָט אויף רעגן, די ערד חלשט נאָך אַ פייכטן טראָפּן און דער הימל איז פאַרשלאָסן אָן רחמים — דעמאָלט איז ער אַרויסגעקומען אַהער אין פרייען פעלד און ס׳איז אים גרינגער געוואָרן. זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט, זיינע געזונטע אָרעמס זענען געוואָרן שטייפער, קרעפטיקער, און די הענט האָבן פשוט נישט איינ־געררוט. אָט נעמט ער זיך עפּעס טאָן. איז נאָר זיך צוגערירט צו דער ערד, און ער איז שוין געווען באַהעפט מיט איר זאַפט און כוח. די שאַרפע, גע־שמאַקע פעלד־ריחות האָבן אים איינגאַנצן דורכגענומען און ער איז ווי פאַרשיכורט געוואָרן פון דער ערדס פרישקייט און איר רויער גבורה. און נישט איין מאָל אין די זומערדיקע טעג, ווען גאַנץ פרי האָט ער זיך שוין אַריינגעוואָרפן אין דער פעלד־אַרבעט מיט התלהבות, ווי דאָס לעבן אָפּ־צוגעבן, איז זיין נשמה פול געוואָרן מיט לויב און דאַנק, וואָס ער האָט גע־פילט און נישט געקענט אַרויסזאָגן: — גרויסע מאַכט, וואָס ביסט פאַר־באָרגן אין מיין נשמה גייט אויס אין בענקעניש נאָך דיר; וואָס איך פיל דאָ אומעטום דיין אומענדלעכע גבורה און גיי אַרום מיט הכנעה און פאַר־ווונדערונג פאַר די גרויסע סודות דיינע העט־אַרום — שטאַרק מיך ווונ־דערלעכע מאַכט! לאָז מיך ווייטער קענען דינען דער גוטער מאַמע־ערד און געפינען רו און פרייד אין איר מוטערלעכן שויס...

אָדער אַמאָל אין טריבן, האַרבסטיקן וועטער, ווען ס׳ליאַפּען גאַנצע

טעג מיאוסע גוס־רעגנס און ער, חיים־בער, געפינט זיך נישט קיין אָרט אין דער אַרומיקער פוסטקייט און מוטנעקייט, דעמאָלט גייט ער נישט איינמאָל אַוועק צום נאָענטסטן פריינד. ער באַטראַכט וואָס פון דער פרוכטבאַרער ערד איז געוואָרן און פילט ווי צוזאָגן:

— דיין גורל איז אויך מיין גורל, ליבע מוטער־ערד. כ׳קען אָן דיר נישט לעבן און כ׳באַדויער דיין צער פון וועלקן. די כמורנע וועלט האָט פאַרטונקלט דיין חן. אָבער מיין האַרץ איז מיט דיר אין שעהן פון טרויער, ווי אין שעהן פון פרייד. דער ריח פון דיין ווייץ און קאָרן און די פעלד־ניגונים פון דיינע פאַרהאָרעוועטע קינדער אין די העלע זומער־טעג גייען מיר נאָך אויף אַלע מיינע וועגן...

אָדער:

אין טעג ווען ס׳בליט־אויף דער פרילינג אויף דער וועלט. דעמאָלט, אַז ער פאָרט אַמאָל אין בלויען פרימאָרגן אויפן טייך און קוקט אַריבער אויף יענער זייט צו די הויכע בערג, זעט ער די פאַרשטעלטע פעלדער... אַ גרויסע פרייד גייט־אויף אין אים: באַלד וועט ער ווידער דאָרט אַרבעטן און לעבן. דאָס דאָרפישע יוגנט וועט אויפלעבן פונקט ווי דאָס פעלד און דער פרילינג, און ווידער וועט דאָס לעבן ווערן פול מיט געגנוס. אין אַזעלכע מינוטן, טרייבנדיק די לאָדקע אין דער פאַרטאָגיקער רו, ווערט ער פלוצים אָפּגעלאָזן, זעצט זיך אַראָפּ אויפן זיץ־ברעטל ביים הינטערשטן עק שיפל און דער רודער־שטעקן שלעפּט זיך נאָך אין וואַסער, ווי אַ צוגעטשעפּעטער שטאַנג. ער רודערט נישט מער. ער איז פאַרטרוימט און דאַנקט פאַר דער נייער פרילינגס־צייט; פאַר דער פרישער ליכט, וואָס ער האָט ווידער דערלעבט; פאַר דער געשמאַקער לופט און קילן ווינטל, וואָס זאַפּן זיך איין אין לייב; און ער קוקט צו די פעלדער מיט לויב אין האַרצן, ווי זאָגנדיק:

— איך לויב דיך, אַלמעכטיקער, וואָס דו ביסט פאַרבאָרגן פון מיין אָרעם אויג... איך דאַנק דיר פאַר דער שיינער וועלט, וואָס קומט ווידער אויף און פאַר דער העלער ליכט, וואָס דער הימל שענקט מיר ווידער. יאָ, אויף מיינע יונגע טעג שיינט ווידער די שפּעדיקע זון; מיין געמיט ווערט דערהויבן און מיין האַרץ זינגט ווידער שירה...

און איצט גייט ער דאָ אַרום צום לעצטן מאָל...

קאַפּיטל 20

פון גאַנץ פרי אָן האָבן גענומען קומען צו מאָטל פישער אין שטוב פריינד און נאָענטע אָ לעצטן קוק צו טאָן אויף חיים־בערן און אים ווינטשן „פאָר געזונט". ס'איז געקומען הערשל כיטראַק, דער פיש־הענדלער פונעם נאָענטסטן שטעטל מיט זיין ווייב פריידע און זייער זון, וואָס האָבן צוליבן ערנסטן טאָג ביי מאָטל פישער צוגעשלאָסן זייער הויז און געשעפט און זענען אַוועק אַהער. אויך פון די ווייטערע שטעטלעך זענען פיש־הענדלער אָנגעקומען. ס'האָבן זיך אויך אַריינגעשאַרט אַהער שטיל־שווייגנדיק, בלויז שנייצנדיק די נעזער, אָנשטעלנדיק אַ טאָן צום וויינען, צוויי עלטערע ייִדע־נעס פונעם נאָענטן שטעטל. זיי זענען געקומען איבערגעבן חיים־בערן זייע־רע קינדערס אַדרעסן פון אַמעריקע און אים בעטן, אַז ער זאָל זיי זען און איבערגעבן אַ גרוס פון טאַטע־מאַמע. און נאָך עטלעכע ייִדן זענען געקו־מען גלאַט אַזוי, צוליב מיטלייד און נייגעריקייט.

חיים־בער איז געזעסן אין גרויסן פּראַנט־צימער העט־אויבן לעבן פענצטער און אָנגעקוקט די מענטשן שטיל און נאָכגעביק. האָט אַלעמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז היינט דעם לעצטן טאָג אין דער היים; גע־טראַכט ווי זיך אויפצופירן, וואָס צו זאָגן דעם, יענעם, ביים געזעגענען זיך. ער איז געוואָרן אַלץ אומגעדולדיקער און האָט נאָכגעטראַכט:

ער וואָלט שוין וועלן איבערקומען דעם קלאָפּאָט פון קושן זיך און ווינטשעווען זיך און די קלאָגערייען. די גאַנצע רייזע קיין אַמעריקע וואָלט אים שוין נאָכדעם נישט אַזוי שווער געווען.

ער איז געזעסן איינגעקאָרטשעט און שטום מיט אויגן כמורנע, אָפּ־געלאָזט און פאַרטראַכט — מ'האָט גאָרנישט געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער הויכער, אייזן־פעסטער און לוסטיקער חיים־בער. ער האָט זיך שטילערהייט געערגערט וואָס מ'האָט זיך דאָ אַרומגעזעצט אַרום אים מיט פאַרקלאָגטע פּנימער, ווי אַרום אַ געפערלעכן חולה, און מ'נעמט נישט

אַראָפּ פון אים די אויגן, צייטנווייז האָט ער זיך אויפגעהויבן, ווי זיך צו באַפרייען פון אַ געפענגעניש און אַרויסגעקוקט פון אַ פענצטערל צום ברעג.

— אין דרויסן איז אַזוי פריי, ער וואָלט זיך מחיה געווען ווען ער קען אַרויסגיין.

די מוטער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. זי איז אָפּט אַוועק אין קליינעם, הינטערשטן קעמערל, באַלד אַריין צוריק אין גרויסן פּראָנט־צי־מער, אָנגעקוקט מיט רויטע, נאַסע אויגן די פּאַרזאַמלטע, וואָס זענען גע־זעסן פּאַראומערט־שטים, ווי מיט געליימטע צינגער און מיט לעפּישעוואָ־טע־אויסגעשטעלטע אויגן, און זי האָט שוין עטלעכע מאָל זיי איבערגע־פרעגט די זעלבע פראַגע:

— נו, מענטשן, וואָס זאָגט איר אויף מיינע צרות? וואָס זאָגט איר וואָס כ׳האָב דערלעבט?

בלייבנדיק אַ פּאָר מינוט פּאַרגליווערט נאָך דער שווערער פּראַגע, האָט זי שוין עטלעכע מאָל פּלוצים אויסגעבראָכן אין אַזאַ הויכן און ביטערן גע־יאָמער, ווי זיך באַקלאָגנדיק פאַר דער גאַנצער וועלט אויף איר פּאַרשאָל־טענעם גורל, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט בעסער ווערן. דעמאָלט האָט זי געכאַפּט צו די אויגן די ברייטע, רויטע פּאַטשיילע אירע און איז אַריין אין הינטערשטן צימער:

— אוי, גאָטעניו, צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט?...

שוין אַ פּאָר מאָל האָט חיים־בער איבערגעלאָזט זיין ווינקל און איז נאָכגעלאָפן דער מוטער:

— כ׳בעט דיך, מאַמע, וואָס הערסטו נישט אויף וויינען? ווילסט קראַנק ווערן?

די מוטער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט אַ כלומרשט שטייכ־לענדיקע, אים צוריקגעפירט צו די מענטשן און אין די אויגן האָבן, ווי פּערל, אויפגעשיינט נייע טרערן.

— וואָס־זשע, מיין קינד, מ׳טאָר אַפילו אַ טרער נישט לאָזן?...

— אַ טרער...

דער פישער אַליין איז איצט אין שטוב נישט געווען. ער האָט זיך פּלוצים דערפילט זינדיק קעגן זון און איז געוואָרן גוואַלדיק אומרויִק. פּאַר־

וואָס האָט ער אַלע יאָרן מיט זיין שטרענגקייט זיין אייגן בלוט און פלייש אָפּגעשטויסן פון זיך? אַ טאַטע איז ער? אַ שטימונג פון טיפער חרטה האָט אים אַרומגענומען און ווי אין אַ קלעם צונויפגעדריקט: „וואָס טוט מען? וואָס קען ער איצט טאָן?” האָט ער זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט פון שטיבל און אומרויק זיך אַרומגעדרייט ביים ברעג. האָט זיך גענומען פאַר־קען ביי אַלערליי אַרבעטן, וואָס ער האָט גאָר איצט נישט אין זינען געהאַט, נישט געוווּסט אַקוראַט וואָס ער טוט, און זיך אַלעמאָל געכאַפּט צו עפּעס אַנדערש.

ער איז געווען שרעקלעך צערודערט, דער פישער. האָט זיך אַליין גע־שטראָפט, געזידלט און די פאַרדרוסן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט: אַזאַ גרוי־זאַמקייט! אַלע יאָרן געווען מיט חיים־בערן שטרענג, אָן שום פשרות — און נאָך געפאָדערט פון אים איבערגעבנקייט! ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן? האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין, אַז מיט זיין שטענדיקער שטייפקייט און בייזקייט וועט ער זיין קינד אָפּשטויסן, איינפלאַנצן אין אים אַ פרעמדקייט צום אייגענעם טאַטן? וואָס איז געווען מיט אים?... און איצט — אויס! שוין צו שפּעט. איצט פאַרלאָזט אים זיין זון שוין גאָר אינגאַנצן. וועט מסתמא אַפילו מער נישט וועלן הערן פון אים... וואָס טוט מען? יאָ, שוין צו שפּעט...

און אַזאַ טרויער און אַזוינע עסנדיקע פאַרדרוסן האָבן אים איצט מיט־אַמאָל אַרומגעכאַפּט, אַז דער טייך מיטן גאַנצן לעבן דאָ, מיט דער פאַמי־ליע, מיטן גאַנצן האָב און גוטס אויפן ברעג, וואָס ער האָט אַלע יאָרן זעלטן אויף אַ טאָג זיך געקענט אָפּרייסן פון דעם — אַלץ איז געוואָרן איבעריק, אומוויכטיק, ווי גאָרנישט. ער מוז איצט וויכטיקערס פאַרזאָרגן: האָט נאָך בלויז עטלעכע שעה, ביז שפּעט נאָך מיטאָג, ווען דער זון פאָרט אָפּ און ער מוז דעם זון פאַרגיטיקן מיט עפּעס. דער זון מוז אים מוחל זיין. אָבער די שעהן לויפן, ס'ווערט צו שפּעט. איז ער געוואָרן אַלץ אומרויקער:

— וואָס וועט זיין? ער וועט זיין קינד שוין קיינמאָל מער נישט זען, און יענער וועט צו אים אַפילו נישט שרייבן, נישט וועלן וויסן וואָס ער טוט, צי ער לעבט אַפילו, ווי ער וואָלט זיין טאַטע נישט געווען...

ער איז אַוועק איבערן טייך.

דאָס פישער־שיפל איז געלאָפן שנעל. דער פישער האָט גערודערט מיטן לאַנגן שטעקן אַ צעקאָכטער, מיט אַ כעס אויף זיך אַליין. די לאָדקע האָט זיך געגליטשט גרינג און געשווינד און ער האָט נישט אויפגעהערט אָפּטן זי אונטערצושטופן. האָט גערוקט דעם שטאַנג וואָס־טיפער אין זומ־פּיקן גרונט, אים אַרויסגעשלעפּט יעדעס מאָל מיט בייזקייט, ווי אין אַ געראַנגל מיט עמעצן, און זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן.

— אפשר אָפּלייגן אויף אַ פּאָר טעג די רייזע?...

— ס׳איז דאָך שוין באַשטימט יעדעס קלייניקייט, ווו איז ער?...

— שלעכט!...

אַך, ווען ער זאָל איצט האָבן חיים־בערן מיט זיך אויפן שיפל! ער וואָלט מיט אים אַרומגעפאָרן און אויסגעוויינט פאַר אים זיין האַרץ: „גאָט ווייסט דעם אמת, אַז כ׳האָב קיין שלעכטס נישט געמיינט. כ׳בין אומשול־דיק, ליבער זון". ער וואָלט זיך פאַרענטפערט און אים דערציילט וועגן זיין שטאַרקער ליבע צום טייך... אָבער איצט, — וואָלט ער אים פאַרזיכערט, — אַרט אים נישט קיין זאַך, בלויז ער, זיין זון... זיין פאָטער־האַרץ בלור־טיקט איצט פון צער, וואָס ער לאָזט זיין קינד אַוועק פון זיך אויף איי־ביק... דאָ, אויפן טייך, וואָלט ער פאַרן זון דאָס גאַנצע האַרץ אויפגעדעקט. איז מעגלעך אַז חיים־בער וואָלט אים נישט מוחל געווען?...

ס׳איז געווען אַ שיינער, זוניקער האַרבסט־טאָג. דער טייך האָט שי־מערירנדיק זיך געשפּרייט קעגן דער זון — אַ פּרעכטיקע, שטראַלנדיקע זילבער־דעק. ער איז געלעגן, דער ריזיקער טייך, העל שיינענדיק, און די קליינע כוואַליעס האָבן זיך חנוודיק אַרומגעשפּילט מיט די וואַרעמע זון־שטראַלן. ערטערווייז האָבן זיך די כוואַליעס אויפגעהויבן העכער, ווי אויפ־געפּאַטשט פון אַ שטיפער אויפן גרונט, און באַלד זיך אָפּגעלאָזן, ווי מאַטע נאָך אַן אימפּעטדיקן טאַנץ, און זיך צעגאָסן איבער דער רחבותדיקער פלאַך.

דער אויפגערודערטער פישער האָט דעם טייך אַרום זיך אַזוי ווי נישט געזען. ער האָט זיך דאָ אַרומגעשלעפּט, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער. ס׳האָט אים געקלונגען אין די אויערן די פּוסטקייט. אַ מין אָפּגעלאָזנקייט דאָ אַרום! נאָך קיינמאָל דאָ אַזוי טויט נישט געווען? אַ שרעק פאַר דער פּוסטער וועלט, וואָס ער האָט דאָ נאָך קיינמאָל פריִער נישט געפילט, האָט אים אַרומגע־

נומען. וואָס וועט ער איצט דאָ טאָן אַליין, בלויז מיט דער שוואַכער פּרוי־לעבן זיך? וועט בלייבן דאָ מיט זיין לאהן, וואָס האָט זיך איינגאַנצן פאַר־לאָרן; די גויִים פון געגנט וועלן זיך אַ לאָז טאָן גנבענען פיש, אָנטאָן שאָדן אויפן ברעג, צעשלעפּן בייַנאַכט די אַריינגעשטעלטע נעצן און וואָס מ׳וועט נאָר קענען — און די האָרעוואַניע פון דורות וועט גיין צו גרונט. אמת, ער קען צונעמען אַ מענטשן: אָבער אַ ייִד וועט איצט זיך נישט איינשטעלן, און אַ גוי — אַוודאי נישט!...

וואָס־זשע וועט זיין?...

און מיטאַמאָל האָבן קילע ווינטלעך איבערן טייך זיך אָנגעטראָגן. זיי האָבן אויפגעבלאָזן מיט עזותדיקן געלויף די רויק־שפּילעוודיקע כוואַליעס און אַ רוישיק פּיִפּעריי אויפגעהויבן. דער הויכער, לייכטער טראָשטש האָט זיך גענומען בייגן, אַרומוואַרפן און זיך צעסווישטשעט מיטן אומעט פון וויסטע ווינטן, אַז ס׳האָט אין האַרצן אַ שרעק אָנגעיאָגט.

דער פישער האָט זיך געכעסט אויפן פּלוצימדיקן ווינט און ס׳איז אים מאָדנע שווער געוואָרן דאָס רודערן. כאָטש צוגעוווינט צו שווערע ווינטן, האָט ער איצט עפּעס אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט די פיס, ווי דער צעמיש־טער שיכור. און אַלעמאָל זיך צעשאָקלט — אָט פאַלט ער אין וואַסער אַריין. האָט פאַרלוירן דעם שטענדיקן קאָנטראָל איבערן שיפל, צו אַלדע גוטע יאָר! וואָס איז מיט אים?... דאָס שיפל האָט זיך אַלעמאָל אַ רוק געטאָן, אין אַן אומגעריכטער ריכטונג, ווי געשטופּט פון אַ צו־להכעיסדיקער האַנט, און דער באַלעבאָס האָט זיך נאָך מער צעטומלט: „וואָס־זשע וועט זיין? אַזאַ אומגליק!" ער האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן. דער עקשנות פונעם בויענדיקן מענטשן, וואָס האָרעוועט אַלע זיינע טעג, לייגנדיק שטיין אויף־שטיין, ברעט צו ברעט, האָט זיך איצט אויפגעהויבן אין אים. וואָס וויל מען פון אים? ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס׳האָבן אים אַרומגערינגלט שונ־אים און רייצן זיך מיט אים צוליב זיין איצטיקער אומבאַהאָלפנקייט. ס׳איז אים שרעקלעך ענג געוואָרן. און דאָ דער טראָשטש און דער ווינט און די כוואַליעס און די לאָדקע — אַלץ וואַרפט זיך מיט אַן אויפרעגנדיקן גע־רויש, זשומעט אין די אויערן און מאַטערט.

ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך. אַלעמאָל אַז ס׳באַפאַלן אים יסור־

רים, פֿאָרט ער אַרויס אויפֿן טייך און באַרוּיִקט זיך. איצט קען ער זיך פֿון זיין פלאָגעניש נישט אַרויסרייסן. וואָס איז מיט אים? און דער ווינט — שטענדיק דערפֿריש ער אים, קרעפּטיקט, מאַכט אים פֿריי אין מוח; און היינט פּייפֿט ער און זשומעט אין קאָפּ אַריין, אַז ס'איז נישט צו פֿאַרטראָגן, צעטומלט אים און שפּילט זיך מיטן שיפל אַזוי ווילד — אָט ליגט ער אין וואַסער!... אַ מין אומרו היינט אויפֿן טייך!...

אפשר זאָל ער זיך אומקערן צום ברעג?...

...אָט הערט ווי דער הונט וואָיעט דאָרט אויפֿן ברעג. אַ מין וואָיען!... יאָ, ער דערקענט אים פֿון ווייטנס זיין לייבושן. שטייט דאָרט האַרט ביים ברעג קעגן שטיבל, וווּ ס'שטייען די שיפלעך און וווּ דער טראָשטש איז אויסגעריסן מיטן וואָרצל, און שפּראַנגט קעגן וואַסער מיט אַזוינע יאָמער־קולות, ווי ער וואָלט גערופֿן די שטוביקע צו הילף קעגן אַ גרויסער סכנה. ער האָט, דאַכט זיך, פֿריִער באַמערקט, מאָטל, ווי עמעצער איז עטלעכע מאָל אַרויסגעקומען פֿון שטיבל. איצט זעט מען דאָרט קיינעם נישט. דער ברעג איז פּוסט, אַפֿילו די עופֿות זעט מען נישט, ווי זיי וואָלטן זיך באַ־האַלטן פֿאַרן הונטס וואָרנענדיקן וואָיען. די זון שיינט דאָרט אויפֿן ליידיקן ברעג אויף קיינעם נישט און בלויז דער הונט שפּרינגט דאָרט אַרום קעגן וואַסער אָן איינזאַמער, רופֿט און בעט און שרייט אויס זיינע געשרייען אין דער טויבער וועלט אַריין:

— הו — !... הו — !...

ער וועט אַריבערפֿאָרן אַ ווײַלע אויפֿן ברעג פֿון יענער זייט טייך; דאָרט איז שטילער, דער ווינט זשומעט נישט ווי אויפֿן וואַסער, וועט ער זיך אַביסל אָפּרוען... ס'ברעכט אים יעדער אבר!...

ער האָט צוגערודערט דאָס שיפל צו דער צווייטער זייט טייך און איז אַראָפּ.

האָט זיך אַרויפֿגערוקט אויף אַ הויכן פּלאַץ, הינטערן באַרג. איז גע־זעסן מיט די עלנבויגנס אויף די קני און אונטערגעשפּאַרט דעם געבויגע־נעם קאָפּ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ הייסער, אַ שווערער, ווי מיט צע־לאָזן בליי אָנגעגאָסן. ער האָט איצט גאָרנישט געטראַכט, ער איז בלויז

געזעסן אַזוי אין דער פֿאַרצווייפֿלטער פּאָזע, האָט שווער געאָטעמט, און האָט געשוויצט פֿון פֿאַרמאַטערטקייט.

פּלוצים האָט ער דערשפּירט:

— זע־נאַר, איז דאַכט זיך שוין צו לאַנג פֿון דער היים! זיי וואַרטן מסתם אויף אים!...

— וואָס־זשע וועט איצט זיין?...

ער האָט אַרומגעקוקט דעם טייך. פֿון דער באַרג־הויך האָט ער געקענט זען די גאַנצע לענג טייך פֿון עק צו עק, ביז די טייך־אויסגוסן, די שמאָלע ריטשקעלעך ביי די עקן, וואָס האָבן געגלאַנצט פֿון ווייטנס, ווי זילבערנע שפּיגלען — אַ טייך פֿון צוויי און האַלב ווערסט די לענג.

— אַזאַ פּראַכט! — האָט ער אָנגעקוקט זיין פֿאַרמעגן מיט רחמנות, — און איצט, ביז נוח וועט אַמאָל צוריקקומען, וועט אַלץ גיין צו גרונט... און אפשר וועט נוח פֿון דער גרויסער שטאָט שוין אויך נישט וועלן צוריקקומען צו לעבן ביים טייך?...

און לאה? וועט זי עס אויסהאַלטן? איין זון אין מיליטער־דינסט, און איצט לאָזט זי דער צווייטער זון אויך איבער... זי וועט בלייבן ביים טייך מיט אים, מיט מאַטלען — אַ פֿאַרלאָזענע מאַמע, וואָס בענקט נאָך אירע קינדער. און זי איז, נעבעך, שוואַך און צעבראָכן... און נאָך אַזאַ איבער־געגעבענע מוטער!...

אַך, די פֿאַרלוירענע האָפֿענונגען זיינע!... ער האָט אַלץ געחלומט: די צוויי זין ווערן עלטער, וועלן זיי פּרי חתונה האָבן און וווינען דאָ מיט טאַטע־מאַמע. פֿאַראַן, דאַנקען גאָט, ביים טייך גענוג פּלאַץ. שפּע — אַוודאי. לעבט מען דאָ אַ גרויסע משפּחה, מיט קינדער און קינדס קינדער, אַלע אינאיינעם, שטיל און צופֿרידן, אין מזל און אין ברכה. דער טייך גיט זיין שפּע, די יונגע פֿאַמיליעס פֿאַרמערן זיך, און ס'ווערט דאָ אַלץ לעבעדיקער און פֿריילעכער פֿונעם יונגוואַרג און קליינוואַרג. און טאַטע־מאַמע קוקן נאָך מיט שטראַלנדיקע פּנימער: יאָ, נישט אומזיסט געפּאַדיעט אַרום באַלעבאַ־טישקייט אַלע יאָרן מיט אַזוי פֿיל מסירת־נפֿש און אָן אָפּרו. פֿאַראַן דען בעסערס ווי נחת פֿון קינדער אויף דער עלטער? מ'בעט דאָך גאָט אַלע יאָרן דערויף!...

און איצט פאַרט חיים־בער שוין אינגאַנצן אַוועק, — האָט אים דער יאוש אַ שאַרפן דריק געטאָן. ער האָט זיך אויפגעריסן ווי פון אַ קאָשמאַר:

— זע־נאָר, ער זיצט נאָך אַלץ דאָ!...

ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם באַרג אַ נעבעכדיק־איינגעבויגענער, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל געוואָרן אַלט און איינגעשרומפּן:

— ער׳ט גיין אַהיים.

אין שטיבל זענען געזעסן די עטלעכע פיש־הענדלער און די אומגע־בעטענע אורחים און האָבן געבאַלאַקעט. אין אָנהייב איז געווען פיינלעך שטיל. איצט, האָט מען זיך צערעדט אַז ס׳זאָל נישט מאַטערן אַזוי דאָס באַטראַכטן און דער אומעט. אָבער קיין סך האָט מען זיך נישט צעשטרייט. דער קלוגער הערשל כיטראַק האָט שוין עטלעכע מאָל אַריינגעוואָרפן אַ חכמה. האָט בלויז איינער עפּעס שטיל אַ לאַך געטאָן, און דער לעבנסלוס־טיקער חיים־בער האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן און איז געבליבן זיצן לעבן פענצטער מיטן ערנסט־פאַרגליווערטן פנים, פונקט ווי פריִער. פון די חכמהס, וואָס האָבן חיים־בערן נישט גערירט, איז אַרום אַלעמאָל שטי־לער געוואָרן. מ׳האָט זיך אָבער ווידער אויפגעמוטערט און זיך צערעדט.

זאַנוול גרינשטיין, הערשלס אַ גוטער ברודער, אַ קלוגער ייִד, וואָס איז אַמאָל געווען אין אַמעריקע, האָט באַלערנט די אַרומיקע מיט אַ טאָן פון אַ חשובן גרויסשטאָטישן מענטשן, וואָס רעדט צו קליינשטעטלדיקע פּראָס־טאַקעס:

— אַמעריקע, פאַרשטייט איר מיר, ייִדן, איז אַ יונגע מדינה און נייי־טיקט זיך אין יונגע מענטשן, איר פאַרשטייט? אַזאַ בחורעץ ווי חיים־בער, אַז ער׳ט נאָר נישט זיין פויל און האָבן אַמביציע — איר פאַרשטייט? — וועט ער שוין אין אַמעריקע נישט פאַרפאַלן ווערן.

הערשל כיטראַק האָט מיטן „גוטן ברודער" זאַנגוול נישט מסכים געווען:

— כי, „נישט פאַרפאַלן ווערן" זאָגסטו? נישטאָ וועד ס׳זאָל לאַכן, ב׳לעבן. חיים־בער וועט דאָרט איבערקערן וועלטן, אין דער גאָלדענער מדינה.

דער קלוגער „אַמעריקאַניעץ" האָט זיך צוריקגעכאַפּט:

— הערסט אַ מעשה? דאָס מיין איך דאָך טאַקע!

איינע פון די עלטערע ווייבער מיט די אַדרעסן האָט אַריינגעוואָרפן:

— וואָדען! אין אַמעריקע ווערט מען, דאַנקען גאָט, נישט פאַרפאַלן.

די חברטע אירע האָט צוגעלייגט:

— אַז מ׳שמועסט „אַ גאָלדענע מדינה״ איז דאָך נישט שייך.

— הלוואי וואָלטן אַלע ייִדן דאָרט געווען, רבונו של עולם!

— וואָלטן מיר שוין משיחן געהייסן זיצן אין דער היים, — האָט הערשל כיטראַק געשפּאַסט.

מ׳האָט זיך האַרציק און שטיל צעלאַכט. איינער האָט זיך אַזש באַ־לעקט:

— אוי איז דאָס אַ הערשל! דער גוטער יאָר זאָל אים נעמען, כי־כי, כי!...

חיים־בער איז, שוין אַ צוויי שעה נאָכאַנאַנד געזעסן ביי אַ פענצטערל, איז געזעסן די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך, ווי גאָרנישט געהערט אַרום זיך. בלויז צייטנווייז האָט ער זיך אַ ווײַלע אויפגעהויבן און אַרויסגעקוקט צום טייך. ס׳איז אים געווען שטאַרק ענג: „וואָס ווילן זיי, די אַרומיקע פרעמדע? וואָס לאָזן זיי אים נישט זיין די לעצטע פּאָר שעה אין דעם היים אַליין און פריי?...״ ער האָט אַלעמאָל נאָכגעטראַכט וועגן דער מאַמען: „יאָ, אַ גאָטס רחמנות אויף איר, נעבעך... אַזאַ גוטע נשמה!״ ווען ער וואָלט נישט זיין געשטערט פון די אַרומיקע, וואָלט ער צוגעפאַלן צו איר, ווי אַ קליין, ליידנ־דיק קינד, און וואָלט געוויינט אי אויף זיין מזל, אי אויף אירן; וואָלט זי געהאַלדזט און געקושט און וואָלט איר דערציילט וועגן זיין גרויסער ליבע צו איר אַלע יאָרן... אָ, ווי זי ליידט איצט!...

און זי, די מוטער, האָט זיך אַלעמאָל פאַרמאַכט אין הינטערשטן צי־מערל. אַט האָט זי אויפגעפּראַלט די טיר און איז צוגעגאַנגען מיט רויטע, אָנגעפּוכקעטע אויגן צום זון. אַ לענגערע ווײַלע איז זי געשטאַנען טויט־שטיל, פונקט ווי אַלע אַרומיקע, וואָס זענען ביי איר אַריינקומען ווי שטום געוואָרן; געשטאַנען ווי זיך איינהערנדיק אינעם טרויער פון צימער און פונעם אייגענעם האַרצן — און פּלוצים האָט זי אַרומגעכאַפּט דעם זון, גע־

נומען ליידנשאַפטלעך אים קושן אין קאָפּ, אין האַלדז, אין שטערן, און איז ווידער אַוועק אין קעמערל מיט אַ יללה.

די אַרומיקע האָבן איר נאָכגעקוקט:

— אַך, די צעטראָגענע מאַמע!...

הערשל כיטראַק האָט נישט געקענט פאַרטראָגן לאהס צער. ער האָט דאָך אַמאָל נאָך געהאַנדלט, הערשל, מיט מאַטלס פאָטער נחומען און אַפילו מיט זיין זיידן, דעם אַלטן חיים־בער — איז אַ וואונדער וואָס די פישערס ליידן טוען אים ווי? און נאָך זי, לאהה, וואָס ער קען זי שוין אויך אַ פינף און צוואנציק יאָר; זי איז דאָך ביי די פיש־הענדלער אַזוי באַליבט מיט איר יידישן חן, און מיט איר פשוטקייט און צוגעלאָזנקייט. ס'אַראַ יסורים זי לעבט, נעבעך, איצט דורך! אַ מין ליידן! זאָל, חלילה, נישט קראַנק ווערן!...

וואָס־זשע האָט ער געטאָן, הערשל? ער האָט זיך איבערגעזעצט נישט ווייט פון חיים־בערן, און אין קאָפּ זיינעם, אָנגעלאָדן מיט חכמה און דער־פאַרונג, האָבן זיך גענומען אויפוויקלען אָן אַ צאָל געהערטע מעשות פון לאַנגע יאָרן, וואָס ער האָט אין זיין גאַלדענעם זכרון אויפגעהיט. נישקשה, ער וועט שוין אויפמונטערן די געדריקטע שטימונג! האָט ער געשעפּט פון זיך די געשיכטעס, ווי אויפקלייבנדיק טייערע רובינען, און זיי איבערגע־געבן די שטוביקע. האָט דערציילט די מעשות פשוט און פול מיט חן, זיך נישט וויסנדיק געמאַכט צוליב וואָס ער טוט דאָס, און אַלעמאָל זיך אַ רגע אָפּגעשטעלט און זיך דערמאָנט אַ נייע געשיכטע. צייטנווייז האָט ער גע־וואָרפן אַ בליק צו לאהן:

— ווי זעט זי איצט אויס, די מוטער?

און ער דערציילט:

אַ מעשה, ווי אַזוי אַ זון פון גבירישע עלטערן פון קעשענעוו איז אין אַ שיינעם טאָג פון דער היים אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און טאַטע־מאַמע האָבן, נעבעך, גרויסע יסורים איינגענומען. נאָך מער פון דער מוטער, האָט זיך געקאָכט דער פאָטער, ווייל ער איז אַלעמאָל געווען שטרענג צום זון — כאָטש אין דער אמתן פאַרשטייט מען, אַז ער האָט אים ליב געהאַט, ווייל אייגן בלוט איז נישט קיין וואַסער... נו, איז נאָכן זונס אַפּפאָרן האָט זיך דער האַרטער טאַטע פאַרלוירן, איז אַרומגעגאַנגען צעררודערט און די גע־

שעפּטן האָבן פּאַוואָליע אָנגעהויבן אונטערגיין. עטלעכע יאָר אַזוי... אָבער דערווייל איז דער זון אין אַמעריקע געוואָרן אַ גרויסער עושר, אַ באַנקיר, און האָט טאַטע־מאַמע אַרויסגענומען צו זיך. נאָכדעם האָט מען גערעדט, אַז די עלטערן האָבן אַלע יאָרן אָפּגעלעבט אין עושר און אין כבוד, ווי די ראָטשילדס...

— נו, אַוודאי, אַ קלייניקייט אַמעריקע! — האָבן די אַרומיקע באַוווּנדערט.

— ס׳הייסט? ס׳דאָך אַ גאָלדענע מדינה!

— אַ חידוש? וואָס אין דעם אַמעריקע קען זיך טרעפן!

— גלייב מיר, אַז וויל איז די מענטשן דאָרט...

— יאָ, אַז וויל איז די מענטשן...

און דער דערמוטיקטער הערשל — ווייטער:

— נו, און די מעשה מיטן זייגערמאַכער האָט איר געהערט? אין קאַלאַראַש איז דאָ אַ ייִד יחיאל זייגערמאַכער. האָט ער געהאַט אַכט קינדער. זענען זיך גאַנצע זיבן צעפלויגן, קיין פראַנקרייך, קיין דייטשלאַנד, קיין אַמעריקע, איבער אַלע זיבן ימען. יענע וואָס אין אַמעריקע זענען געוואָרן גרויסע סוחרים און אָנגעשיט פעסלעך גאָלד... האָבן זיי געוואָלט אַרויסנעמען די עלטערן — האָט זיך דער זייגערמאַכער איינגעשפּאַרט: איינמאָל ניין! ער וויל נישט פאַרלאָזן זיין שטעטל! נו, נישט — איז נישט!... איצט: טוט אַ קוק אויף זיין פּאַלאַצל אין קאַלאַראַש, וואָס ער האָט זיך אויפגעבויט פאַר זיינע קינדערס געלט אין אַמעריקע — הלוואי אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט געוואָרן! איר פאַרשטייט? אַמעריקע, זאָל לעבן!...

הערשל האָט דערציילט, און די אַרומיקע האָבן זיך נייגעריק צוגעהערט און פּאָטאַקעוועט:

— יאָ, אַ גליקלעך לאַנד, אַמעריקע.

— ממ... גליקלעך צו גליקלעך איז נישט גלייך!...

— הלוואַי העלפט מיר גאָט, אַז מ׳זאָל מיך שווין אַהין אַרויסנעמען, אַז ווי דער מאַמען, — האָט אַ קרעכץ געטאָן איינע פון „די ווייבער מיט די אַדרעסן״, זיך צעכליפּעט און אויסגעשנייצט די נאָז אויף דר׳ערד.

— הערט נאָר, רביצין לעבן, — האָט הערשל כיטראַק זיך אַזש צע־בייזערט, — אפשר וועט איר מוחל זיין אָפּלייגן אייער קלאָגן אויף יום־כיפּור?

— יאָ, אונדזערע יידעלעך ווערן, דאַנקען גאָט, נישט פאַרפאַלן. — האָט איינער געפּרוווט אויפהייבן די שטימונג.

— און אַזוינע ווי חיים־בער, אַוודאי נישט!...

חיים־בער האָט געהערט דאָס רעדן און ס'האָט אים געקלונגען אין די אויערן, ווי אַ זשומענדיק פלאַפּלערײַ, וואָס ער האָט קוים פאַרטראָגן. דער איינציקער וואָס איז אים דאָ געווען צום האַרצן איז געווען הערשל כיט־ראַק. יאָ, ער פאַרשטייט, חיים־בער, פאַרוואָס יענער דערציילט איצט זיינע מעשות, און פאַרוואָס זיין הויכע, דין־קלינגענדיקע שטימע איז איצט פאַר־שטיקט און ציטערט. נישט אומזיסט האָבן די עלטערן אים אַזוי ליב און רעכענען אים פאַר פיש ביליקער ווי אַלע פיש־הענדלער. אָך, דער טייערער ר' הערשל! דער זיידע נחום האָט דאָך אַפילו פאַר זיין טויט אָנגעזאָגט דעם טאַטן ער זאָל געדענקען, אַז „פון אַלע פריינד איז הערשל דער בעסטער און ערלעכסטער, און אַז דער טאַטע זאָל אים שטענדיק באַהאַנדלען יושר־דיק, ווי אַן אייגענעם". ער האָט עס כשר פאַרדינט, ר' הערשל... אַ מין פאַראומערטקייט ס'ליגט אים אויפן פנים! אַלעמאָל קראַצט ער זיך בעתן רעדן אַזוי פיינלעך ביי אַ זייט פון זיין קורצן, שוואַרץ־גרויען בערדל — און מאַכט פריילעך אין הויז.

איצט האָט הערשל אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער און געקראַצט זיך אין זיין צעשויבערט בערדל. ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען אַן אויסער־געוויינלעכע געשיכטע און אויפלעבן די אַרומיקע, באַזונדערס די באַצערטע מוטער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויפגעלעבטער:

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן!... איר מעגט עס אויסהערן... מיט אַ פופצן יאָר צוריק איז דאָס געשען, אויך אין קעשענעוו... איר הערט, לאה?...

דאָ איז אַריינגעקומען מאָטל פישער. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל שטום, מיט תמעוואַטע־אויסגעשטאַרטע אויגן און — ווי איינגעגלי־ווערט. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ מענטש, וואָס קאָנטראָלירט מיט אַלע כוחות זיין ווייַ און אומרו.

ת. באַרקאַן

הערשל האָט דער ערשטער דערקענט זיין באַלעבאָס׳ אינעווייניקסטן גערעאַנגל. איז ער אים אַקעגנגעגאַנגען וווילינגעריש־מונטער, מיט אַ טשאַקנדיק שמייכעלע:

— אָ, ברוך הבא, מאָטל איז שוין דאָ!... שלום עליכם אַ ייִד, דאַנקען גאָט וואָס מ׳זעט זיך... ווו ביסטו ערגעץ אינמיצקע דערינען פאַרפאַלן געוואָרן?

האָבן זיך אָנגעהויבן צוזוקן הענט:

— שלום עליכם, ר׳ מאָטל, ווי גייט עס עפּעס?

— אָ, שלום עליכם, וואָס מאַכט עפּעס ר׳ מאָטל? שוין לאַנג אייך נישט געזען.

— וואָס זאָל מען מאַכן? איר זעט נישט? ס׳איז מיר גוט...

איינער פון די פיש־הענדלער האָט אַריינגעוואָרפן מיט מיטלייד:

— פאַרליר זיך נישט, מאָטל, דער טייך מוז האָבן אַ באַלעבאָס.

און דער פישער:

— ווער פאַרלירט זיך דען?

דאָ איז איין ייִדענע אַריין, ווי אַ יוון אין סוכה:

— ר׳ מאָטל האָט מסתּם גענוג שונאים ביים טייך...

האָט אַ צווייטע איר צוגעהאָלפן:

— און נאָך וואָסערע שונאים! גויִשע, נישט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט.

הערשל האָט זיך אַזש צעשריגן:

— העי, ווייבער, וואָס האָט איר זיך צעפלאַפּלט? פאַרמאַכט די פּיסקעס!

און דער פישער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגלעך ביי דער טיר און באַטראַכט די פאַרזאַמלטע.

דאָ איז אַריין די מוטער פון הינטערשטן צימער מיט ערגערניש:

— ווו ביסטו געווען, מאָטל, ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? גאָט איז מיט דיר, איידער־עפּעס דאַרף מען דאָך שוין גיין צום וואָקזאַל. פאַרוואָס זיצסטו נישט לעבן קינד אַביסל?

— כ׳זיץ, לאה, כ׳זיץ.

און ער האָט גענומען, ווי דער צעדולטער אין פלאָנטער, זיך אַרומ־

דרייען איבערן הויז, מיט די הענט פון הינטן און דעם קאָפּ געבויגן. די אייבערשטע ציינער, אָפן און אויסגעשטשירעט, האָבן נערוועז געביסן די אונטערשטע גראָבע, אויפגעקאַטשעטע ליפּ, און די פעסטע, אומרויִקע טריט האָבן אויסגעקלאַפּט אין דער דריקנדיקער שטילקייט דעם טראַגישן נשמה־גערانגל פון אַן אויפגעטרייסלטן מענטשן, וואָס קען צו זיך נישט קומען. אָ! — האָט ער אַלעמאָל אַרויסגעברומט און אַ צעוויגטער זיך געקראַצט אין דער פּאַטילניצע. און די „אָען״ האָבן קלעגלעך אָפּגעקלונגען איבערן גרויסן צימער, געבליבן הענגען אין דער געדריקטער שטילקייט, און זיך געשפּרייט, ווי דונערן איבער די מענטשנס קעפּ.

חיים־בער האָט אים נאָכגעקוקט:

— זע־נאָר אַ מין קלאָגן! ער ווייסט אַזש נישט ווו זיך אַהינצוטאָן! ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז דער טאַטע ט׳זיך אַזוי נעמען דאָס לעבן איבער אים!...

— וואָס איז מיט דיר, טאַטע? — האָט ער זיך שיעור נישט אַרויס־געכאַפּט.

דאָ איז דער פּאָטער געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אָן אויוון קעגן פענצ־טער, נאָענט צום זון.

אַ לענגערע ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען שטיל, ווי פאַרשטיינערט, און אָנגעקוקט חיים־בערן. און פּלוצים האָט זיין קאָפּ זיך אַראָפּגעבויגן, ווי אָט פאַלט ער צו דר׳ערד אין אוממאַכט; די הענט האָבן זיך אויפגעהויבן און פאַרשטעלט דאָס געזיכט, ווי אין אַ פינצטערער בושה; און אַ הויכער, שרעקלעכער, כריפּענדיקער יאָמער האָט פונעם פּאָטער אַ זעץ געטאָן. אַ ביטערער קלאָג, ווי נאָך אַ נאָר־וואָס אויסגעגאַנגענעם בר־מינן, האָט זיך איבער די קעפּ צעטראָגן, אַז די מענטשן האָבן אַזש פאַרגאַפּטע און צע־שראָקענע זיך געוויגט ווי אַ וואַלד אין שטורעם, זיך צעקרעכצט מיט „אוי־אָ״, „אַך״, „ווי׳ איז מיר״, און זיך איינגאַנצן פאַרלוירן. און דאָס כליפּען איז געוואָרן רוישיקער און אימהדיקער. ס׳האָט אַלעמען אויפגעשווידערט, אַזש אין די לייבער אַ קעלט אָנגעיאָגט; און אַז מ׳האָט געוואָלט עפּעס אויסרעדן זענען די ציינגער געלעגן אין די מיילער, ווי שווערע בליי־שטיקער. האָט

מען בלויז מיט פאַרחידושט־אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט אויפן פישער, ווי דערזעענדיק פלוצים עפעס אַ ווילדע, מאוימדיקע נאַטור־דערשיינונג.

און דער פישער?... זיינע אַקסלען און דער גאַנצער פעסטער גוף טרייסלען זיך, ווי אין קאָנוולסיעס, ער יאָמערט אויפן קול, מיט אַן אומ־געלומפּערטן ברומען, און ס׳דאַכט זיך, אַז אין דעם מענטשן האָט דער טרויער, ווי אַ בייזער געוויטער, זיין גאַנצע אינעווייניקסטע וועלט איבער־געקערט. פון אַלע אברים האָט געזעצט דער קלאָג: „הו־הו!... הו־הו־ ־ ־!...״ אָט האָט זיך דאָס געוויין אַ מינוט איינגעשטילט און נאָר מידע זיפצן האָבן זיך געהערט: „אוי־י!...״, „ווי איז מיר!...״ ס׳האָט זיך געדאַכט: אָט וועט דער פישער זיך שוין איינשטילן... און פלוצים האָבן די יללה־קולות ווידער אויסגעבראָכן, און שוין אַזוי הויך, אַזוי האַרץ־שניידנדיק, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער אומגליקלעכער פאָטער וויל פאַר דער גאָרער וועלט זיינע ערגערנישן אויסקלאָגן.

אין צימער זענען די מענטשן געזעסן איינגעשרומפּן אין זיך, ווי זיך אויסהיטנדיק פון געפאַר, געהערט דעם פישערס כליפּען און זיך נישט גע־קענט אָרויסרייסן פונעם קלעמענדיקן אומעט. יעדן איינעם האָט זיך גע־דאַכט: „אָט־אָט הייבט ער זיך אויף און געפינט פאַרן פישער דאָס ריכטי־קע טרייסט־וואָרט —

אָבער, אַפילו זיך אַ ריר צו טאָן איז שווער געווען...

אַפילו חיים־בער אַליין, וואָס האָט איצט אויך זיך שטיל צעכליפּעט, אויך ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז זיך אויסגעדרייט מיט די צוקנדיקע פּלייצעס צום טאַטן און אַריינגעכליפּעט אין זיין אייגענעם טונ־קעלן ווינקל אַריין. ער האָט דערפילט אַ ביטערן צער אויפן טאַטן, און האָט נישט געוווסט וואָס צו זאָגן.

דאָ האָט דעם פאָטערס געוויין אויף אַ פּאָר מינוט זיך איינגעשטילט, און פלוצים האָבן די יאָמער־קולות אַ זעץ געטאָן פון אים מיט אַזאַ קראַפט, מיט אַזאַ שרעקלעכן ברומען, ווי דאָס וואָיען פון אַ געפערלעך־פאַרוווּנדער־טער חיה — און ער האָט אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויפן זונס פּלייצעס און זיך גענומען וויקלען מיט די הענט אַרום זיין קאָפּ, זיין האַלדז, זיינע פּליי־צעס, זיין גאַנצן קערפּער:

— אָ, מיין קינד, מיין קינד!... זיי מיר מוחל! — — —

און נאָך דעם זעלבן טאָג שפּעט נאָך מיטאָג, זענען מאָטל פישער, זיין ווייב און זייערע נאָענטע, געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פונעם נאָענטן קליינשטעטלדיקן וואָקזאַל, און האָבן נאָכגעקוקט אין דער טיפער ווייט דעם באַן, ווו דער יונגער חיים־בער האָט זיך געטראָגן אין דער ווייטער, פרעמ־דער וועלט אַריין...

ביכער פון זעלבן מחבר:

פישער (נאָוועלע), פילאַדעלפיע 1928

אין שווערע טעג (דערציילונגען), וואַרשע 1933

מיין שטעטל אונגען, פילאַדעלפיע 1959

מעשיות פאַר קינדער:

אַמאָל איז געווען — — — — — 1942

קינדער — — — — — — — — 1952

אונדזער פאָלק (געשיכטע־בוך) — 1945

Este libro se terminó de imprimir en el mes de octubre de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.